STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09848

# FUN VELT TSU VELT

Eliezer Kuperman

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דעם חבֿר ר' אַבֿרהם רובין,
מיט חבֿרישער פֿריינטשאַפֿט,
אליעזר קופּערמאַן,
יוני
1974,

**אליעזר קופערמאַן**

*

**פון וועלט צו וועלט**

אליעזר קופּערמאַן

# פון וועלט צו וועלט

דערציילונגען

פאַרלאַג „ישׂראל-בוך"
תל־אביב, תשל"ד — 1974

ELIEZER KUPERMAN

# FUN WELT TZU WELT

Publishing House „Israel-Book", Tel Aviv P.O.B. 1777

אליעזר קופערמאַן

# פון וועלט צו וועלט

פאַרלאַג „ישראל־בוך", תל־אביב, איתמר בן אבי 4

צייכענונגען:

צו „זישע דערציילט" — יצחק ליכטענשטיין

צו „ביים טייך נאַגאַמאַטאַק" — נעמי אַליס

©

כל הזכויות שמורות

Printed in Israel 1974 נדפס בישראל

דפוס „להב", תל־אביב, טלפון: 36564

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן מיט דער הילף
פון דזשאַנעט און שמואל שטרייטמאַן (ניו־יאָרק)
און ארגון יוצאי אוסטרובצה בישראל.



אליעזר קופערמאַן

# אינהאַלט

זישע דערציילט . . . . . . . . 11

דריי דין־תורות . . . . . . . . . 187

ביים טייך נאַגאַמאַטאָק . . . . . . . 201

זישע דערציילט

# זישע דערציילט

## קאַפּיטל איינס

שוין אויף דער שיף, מיט וועלכער פּנחס איז געפאָרן פון אַמעריקע צו זיין היימשטעטל אין פּוילן נאָכן ערשטן וועלטקריג, האָט ער זיך אַ סך אָנגעהערט וועגן דעם עקאָנאָמישן חורבן און דער געלט־אינפלאַציע אין אייראָפּע, אָבער פון הערן ביז זען מיט די אייגענע אויגן איז אַ ווייטער מהלך: „אין דומה ראיה לשמיעה".

פּנחס איז שפּעטער נשתומם געוואָרן ביים דערזען אויף די וואָקזאַל־בופעטן די הונגעריקע מענטשן מיט אַרויסשטאַרצנדיקע אויגן. אַרום אים און די אַנדערע דורכפאָרנדיקע אַמעריקאַנער האָט מען זיך געדרייט מיט שינאהדיקע חניפה, ווי די אַמאָליקע מעקלערס אַרום די פּאַרצייטיקע שׂררות. און אַלץ צוליבן וועלן טוישן זייערע גרינע, לאַנגע „לאָקשן". די וואַלוט־ניקעס האָבן געראַפּן מיט אַ שטילן געמורמל און קאָנקורירט צווישן זיך.

פאַר דער דייטשער גרענעץ האָט פּנחס געקויפט אַ באַן־בילעט ערשטע קלאַס ביז צו דער פּוילישער גרענעץ — אַ מהלך פון אַנדערהאַלבן מעת־לעת פאָרן — פאַר דריי און אַ האַלבן מיליאָן דייטשע מאַרק. דאָס האָט באַטראָפן ווייניקער פון אַן אַמעריקאַנישן דאָלאַר.

אויף די גרויסע באַנסטאַציעס מיט די לענגערע אָפּשטעלן זענען אים באַפאַלן מעקלערס מיט אָפּערטעס פון גרויסע מציאות: די שענסטע הייזער אויף די בערלינער צענטראַלע שטראַסן פאַר צוויי ביליאָן דייטשע מאַרקן — ווייניקער ווי צוויי הונדערט דאָלאַר.

פּנחסן האָט דאָס נישט פאַראינטערעסירט. ער האָט זיי געטריבן פון זיך, ווי זלידנע פליגן. אין זיין מחשבה און אין זיין האַרץ איז ער געווען קאָנצענטרירט צו איין באַגער: זען זיין אײדעלן צידקותדיקן פאָטער.

אין אַ לויטערן, מילדזוניקן פרימאָרגן איז פּנחס אָנגעקומען אויפן ווינער וואָקזאַל אין וואַרשע. ביים עפענען די וואַגאָנטיר האָט ער אינעם מענטשן־

געדראַנג דערזען זיין פאָטער משהל מיט דער מומע דאָכע. ער — אַ שלאַנקער, מיט אַ שמאָל־טונקל פּנים, געקרייזלט־שוואַרצן בערדל און טונקל־ברוינע אויגן, אָנגעטאָן אין אַ שוואַרץ ריפּסן סאַקל, מיט אַ שמאָל טוכן היטל אויפן קאָפּ; זי, די שטיפמוטער דאָכע — די מומע, ווי פּנחס האָט זי גערופן — אַ מיטלוועקסיקע און מיט אַ קיילעכיק געזיכט, אָנגעטאָן אין אַ טונקל־בלוי, געבלימלט קלייד און אַ שוואַרצן אָלפּאַגענעם זומער־מאַנטל, אַרום איר האַלדז פאַרבונדן ווי אַ קראַוואַטן־שלייף, דער געלער זיידענער קורצער שאַל, וואָס איז געווען צוגעפּאַסט צום בלאָנדן שייטל אויף איר קאָפּ.

מיט שטראַלנדיקע פּנימער האָבן זיי זיך דורכגעשטופּט דורכן געפּאַקטן מיט מענטשן פּעראָן, אויסגעשטרעקט די הענט און זיך אַרומגענומען מיט קושן אין אַ פריידיק געוויין.

פּנחס האָט אָנגעלענט זיין קאָפּ אויפן פאָטערס אַקסל און שטיל געכליפּעט ווי אַ קינד. דאָס זענען געווען די פאַרהאַלטענע טרערן פון טיפער ליבשאַפט צום פאָטער זיינעם, דעם גרויסן בעל־מידות־טובות צו אַלעמען און צו אים בפרט. ער קאָן נישט פאַרגעסן: פון זינט זיין מוטערס טויט, ווען ער איז אַלט געווען זעקס יאָר, האָט דער פאָטער זייגער קיין מאָל נישט טועם געווען דעם מינדסטן ביסן אָן צו טיילן זיך מיט אים.

אַפילו צו זעכצן יאָר, ווען ער איז געוואָרן אַן אַפּיקורס און סאָציאַליסט, האָט דער פרומער פאָטער זייגער זיך פון אים נישט דערווייטערט. פאַר־קערט, ער פלעגט אים באַגלייטן ווען מען האָט אים געפירט אין די תפיסות.

ער געדענקט יענעם פרייטיק־צונאַכטס, בעת מען האָט אים אַרויס־געפירט פונעם טויער פון וואַרשעווער ראַטהויז, אָנגעשלאָסן מיט אַ גרופּע סטודענטן פונעם וואַוועלבערג־אינסטיטוט, אַרומגערינגלט פון אַ צעפּ סאָלדאַטן כּדי געשיקט צו ווערן, דורכן מוראַנאָווער באַן־וואָקזאַל, אין בריסקער פעסטונג. פּנחס האָט זיך משער געווען, אַז דער פאָטער, וואָס האָט אים אָפּגעוואַרט יענעם פרייטיק־צונאַכטס פאַרן ראַטהויז, האָט זיכער מקבל־שבת געווען אין דרויסן, פאַרן טויער. דאָס האַרץ זיינס איז אים

פאַרקלעמט געוואָרן ביים קוקן אויף אים. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט די טרערן, וואָס ער האָט פאַרגאָסן ביים שעפּטשען דעם פּסוק פון לכה דודי: „רב לך שבת בעמק הבכא. והוא יחמול עליך חמלה״.

פּנחסעס אויגן האָבן זיך באַגעגנט מיטן פאָטערס באַצערטע בליקן, בעת זיין נאָכלויפן אים, אין דער אַרומרינגלונג פון די רוסישע זעלנער, און זיין ווילן דערגענטערן זיך צו אים: אפשר אַ וואָרט פון טרייסט אים מורמלען? אָדער אים גאָר אַ גלעט טאָן, כּדי צו שטאַרקן אים? אַ זעלנער פון דער וואַך האָט אים אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער קאָלבע פון זיין ביקס. דער פאָטער האָט זיך אַ וואַקל געטאָן, ווי אומצופאַלן אויפן שטיינער־ברוק. ער האָט אָבער זיך געשטאַרקט מיט אַלע כּוחות, כּדי צו בלייבן שטיין אויף די פיס און נישט צעוויינען נאָך מער זיין זונס האַרץ...

פּנחס געדענקט אויך: שפּעטער מיט עטלעכע יאָר, אין אַ שניייִק־ווינטיקן פרימאָרגן, האָט דער פאָטער אים אָפּגעוואַרט ביים טויער פון דער ראַדאָמער טורמע, ביי זיין לעצטן מאָל אַרויסגיין פון דאָרט — אַן אויסגעדאַרטער כּגרוגרת דרבי צדוק, הויט און ביין, געל ווי וואַקס, אַן אויסגעלייזטער פון לייז און מייז דורכן פאָטערס מי און מאַטער. דער פאָטער האָט זיך ווידער אָנגעטאָן אַ כּוח: ער האָט איינגעהאַלטן זיינע טרערן, אים געגלעט זיינע איינגעפאַלענע באַקן מיט אַ פריידיקער מינע, ווי אַמאָל אינעם מאַדזשיצער שטיבל ביי אַ סיום־הש״ס. נאָך אַלע צרות, וואָס ער האָט זיך אָנגעליטן פונעם זונדל זיינעם, האָט זיין ליבשאַפט צו אים זיך נישט געמינערט אויף אַ האָר.

פּנחס האָט דעמאָלט געבעטן זיין פאָטער, ער זאָל אים געבן עטלעכע קערבלעך, כּדי ער זאָל קאָנען אַריינשיקן אין תּפיסה אַ פּעקל עסנוואַרג און פּאַפּיראָסן צו די פאַרבליבענע חברים. אַזוי איז געווען דער מינהג ביי די באַפרייטע. דער פאָטער האָט אים געגעבן דאָס געלט בתּשואת־חן; ער האָט דאָס געהאַלטן פאַר אַ גוטן מינהג און אַ שיינער מענטשלעכער מידה.

נאָכן אָפּפרייען און אויספרעגן זיך, זענען זיי אַרויסגעגאַנגען אויף מאַרשאַלקאָווסקע־גאַס, האָבן גענומען אַ דראָשקע צום מוראַנאָווער וואָק־זאַל. ביים פאַרבייפאָרן דעם האָטעל „בריסטאָל״ האָט פּנחס געזאָגט צום

פּאַטער און צו דער שטיפמוטער: אַט דאַ האָבן די רוסישע צאַרישע אָפּיצירן, אין זייערע מונדירן מיט די ברייטע קאַקאַרדעס און שליפעס, זיך קאַצאַפּיש צעלייגט ווי ביים טאַטן אין ווייגאַרטן; זיי האָבן געמיינט, אַז זיי וועלן אייביק הערשן איבערן פּוילישן פאָלק.

דער פּאַטער האָט אים נישט געוואָלט פּאַרוואַרפן זיין טעותדיקן וועג, האָט ער בלויז געזאָגט:

„זעסט! נישטאָ טאַקע מער קיין מאַסקאַלעס אין פּוילן. אַלץ איז פּויליש, אַחוץ די געריסענע בערד מיט שטיקער פלייש אויף די פּוילישע באַנען. זיי זענען ייִדישע.

זיי זענען אַדורכגעפאָרן די גאַלעוועס, אינעם רעש און געפילדער פון פאַרהאַוועטע ייִדן מיט פּעקלעך, ווי לויפנדיקע פון אַ שׂרפה. דער פּאַטער האָט געזען דעם זונס צעטומלטקייט און פאַרוווּנדערונג: ווען וועלן זיי פאַרקויפן די סחורות בעת אַזאַ ביטערער אינפלאַציע, און דערצו נאָך ביים פּוילישן באַיקאָט קעגן ייִדן? דער פּאַטער האָט מסביר געווען:

„קיינער איז נישט זיכער מיטן מאָרגנדיקן טאָג, די פּוילישע זלאָטע איז נישט ווערט קיין שיבוש, כאַפּט יעדער, וואָס ס'לאָזט זיך, ווי איינער, וואָס טרינקט זיך, כאַפּט זיך אָן אין אַ שטרוי".

אויפן מוראַנאָווער וואָקזאַל איז געווען אַ געדראַנג, ווי אויף אַ יריד, זיי האָבן זיך קוים מיט צרות דורכגעשטופּט צום אַריינגאַנג אינעם ערשטן־קלאַס־וואַגאָן. פּנחס האָט באַצאָלט צוויי מיט אַ האַלבן מיליאָן זלאָטעס פאַר דריי בילעטן פון וואַרשע ביז זייער היימשטעטל. דער באַטרעף אין אַמעריקאַנישן געלט איז געווען גאַנצע פינף און אַכציק סענט.

די מומע דאָכע, ביים אַריינקומען דאָס ערשטע מאָל אין איר לעבן אין אַזאַ וואַגאָן מיט רויטע פּליושענע בענק און געשליפענע שפּיגלען, האָט קנייפּנדיק זיך די באַקן געזאָגט צו פּנחסן:

„די פּוילישע מדינה, נעבעך, — אַן אַ לעבעדיקן גראָשן ביי איר לייב און לעבן, איז זי געוואָרן פאַר די אַמעריקאַנער די אמתע „טאַניע קוכניע" (ביליקע קיך).

אויף צו מאָרגנס, בעלות־השחר, זענען זיי אָנגעקומען אויף דער

גרויסער באַנסטאַציע סקאַרזשיסק, ווו זיי האָבן באַדאַרפט וואַרטן עטלעכע שעה אויף אַ באַן צו זייער שטעטל. צוזאַמען מיט אַנדערע פּאַסאַזשירן זענען זיי אַריבערגעגאַנגען די רעלסן — צו ר׳ יודלס אַכסניה.

אינעם פרילינגדיקן, לויטערן באַגינען האָט דאָס שימערירן פון אויפֿגייענדיקן טאָגליכט זיך אויסטערליש געמיניעט, די קאָלירן פון די רויטע פּראַכטוואַגאָנען, זייער אָפּשפּיגלונג אויפן שאַרף־שטאָלענעם בליאַסק פון די רעלסן, האָט דעמאָלט אויסגעזען פאַר פּנחסן ווי פאַרבלוטיקט פון די גערייסענע יידישע בערד, טאַקע אויף יענע פּוילישע באַנען...

פון די אָפענע פענצטער פונעם יידישן גאַסטהויז האָבן זיך שוין געהערט די תּפילות פון אַלטע און יונגע. אין עטלעכע חדרים האָבן געדאַווענט באַזונדערע מנינים. אין טייל שטובן האָט מען שוין געהערט דאָס ערבֿ־שבתדיקע ווינטשעווען זיךביים טועם זיין די גלעזלעך בראָנפן: „לחיים יידן! מיר זאָלן דערלעבן בקרוב צום גרויסן יום השישי בשבת”. יונגע, פרומע ציוניסטן האָבן זיך געווונטשן אַ שבת פון גאולה. פון אַלע חדרים האָט מען אָפּגעענטפערט: „שוין צייט! באו מים עד נפש”. טייל עלטערע יידן האָבן ביים צוזאַמענלייגן זייערע טליתים און תּפילין געקרעכצט, מידע פון שטיין אויף פיס די גאַנצע נאַכט אין די אָנגעשטאָפּטע באַנוואַגאָנען.

פּנחס מיטן פאָטער און דער מומען זענען, נאָכן עסן זייער אָנבייסן, צוריקגעגאַנגען צום וואָקזאַל, אַריין אינעם וואַגאָן פונעם אָנקומענדיקן צוג, וואָס וועט זיי פירן צו זייער שטעטל.

אין וואַגאָן האָט זיך שוין געפילט די וואַרעמקייט פון דער אויפֿגייענדיקער זון. פּנחס האָט געעפנט דאָס ברייטע פענצטער. זיי האָבן געהאַט אַ סך צו רעדן צווישן זיך, דאָך האָבן זיי אים נישט געשטערט אין זיין נייגער ווידער צו באַטראַכטן די פאַרביילויפנדיקע היימישע דערפער און שטעטלעך. ער האָט געקוקט אויף די דאָרפישע הייזער מיט שטרויענע דעכער, אויף די וועלדער און הויכגראָזיקע פעלדער, באַבלימלטע מיט ווייסקעפּיקע מאַרגאַרעטן. פאַר זיינע אויגן האָבן פאַרבייגעשוועבט די איינגעבויגענע פויערטעס אין פעלד, מיט פאַרשידנפאַרביקע ביזאַרע

פּאַטשיילעס אויף זייערע קעפּ, אָנגעטוענע אין ווייסע קאַפּטאָנעס מיט קאַלירטע, מיינסטנס רויטע און גרינע, געפּאַלדעוועטע ספּאָדניצעס.

די באַן האָט זיך דערנענטערט צו די היימישע דערפער אַרום פּנחסעס שטעטל. ער קען זיי, ווי די צען פינגער פון זיינע הענט; ער געדענקט יעדן בוים, די שלאַנקע הויכע טאָפּאָלן אַרום די טייכלעך, די ווייסע בערעזעס מיט די בלוילעכע סענקעס ווי אונטערגעהאַקטע אויגן פון שווינדזיכטיקע, די מיטלוווקסיקע סאָסנעס און די יוסטע דעמבעס.

דער צוג פאַרלאַנגזאַמט זיין גאַנג ביים פאַרבייפאָרן דאָס גרויסע דאָרף דרעוונע. ער האָט הנאה צו זען די פּויערים, די העכסטע פון דער גאַנצער געגנט, די עוג מלך הבשנס, ווי מען האָט זיי אינעם שטעטל גערופן. אַלערליי גוזמאַדיקע אויסדרוקן זענען באַצייכנט געוואָרן מיטן דאָזיקן דאָרף. אַ שטייגער: ווען אַ שטעטלדיקער בעל־עגלה האָט דערמאָנט מיט התפּעלות „די דרעוונער לייבן", האָט מען געוווסט, אַז דאָס מיינט ער די דרעוונער פערד, אָדער ווען ווייבער האָבן צווישן זיך גערעדט, אַז אויפן מאָנטיקדיקן מאַרקטאָג וועלן די דרעוונער פּויערטעס ברענגען די אמתע קאַפּעליושן, די דרעוונער אייער, וכדומה, אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צו איבערטריבענער גרויסקייט. אַפילו ווען מ׳פּלעגט זאָגן, אַז פּלוני בן פּלוני איז אַ דרעוונער חכם — איז דאָס געוואָרן כּתוב וחתום, אַז יענער איז אַ כּפל־שמונהדיקער טיפּש...

פאַר פּנחסן האָט פאַרבייגעשוועבט די דרעוונער תּפילה מיט די גילדענע צלמים, אַרומגערינגלט מיטן גלחס סעדער. אַמאָל, פאַרן פּוילישן באַיקאָט קעגן ייִדן, האָבן אין משך פון לאַנגע דורות ייִדישע סאַדאָווניקעס דאָרט קאַפּיטלעך תּהילים געזאָגט און שבתדיקע זמירות געזונגען...

די באַן האָט זיך דערנענטערט צום שטעטל, פּנחס האָט שוין דערזען די הויכע געל־ציגלנע קוימענס פון דער אייזן־פאַבריק ביים וואָקזאַל. פּנחס איז אַוועק פונעם פענצטער, דער פאָטער האָט צוגעמאַכט דאָס תּהילימל, וואָס ער פירט מיט זיך שטענדיק אונטערוועגנס. ער האָט אויסגעגלייכט דאָס בערדל — ביי אים איז עס דער רגילותדיקער קענצייכן פון אַהבת המקום און אַהבת הבריות. די שטיפמוטער האָט, קוקנדיק אין

קעגנאיבערדיקן שפּיגל, אויסגעגלעט מיט די פינגער דעם שרינט פונעם שייטל, און דערביי ווי איר געווינהייט, אַ וויש געטאָן זיך מיט דער האַנט איבערן מויל. ווען ס׳געשעט גוטס, איז דאָס ווי אַ שטילער לויב צו זיין ליבן נאָמען; ווען חלילה, עפּעס שלעכטס, מיינט ביי איר דער וויש איבערן מויל: אַז אַ יידישע טאָכטער טאָר זיך נישט מיאש זיין, נאָר אָפּווישן דאָס מויל און גיין ווייטער...

זיי זענען זאַלבעדריט אַדורכגעגאַנגען דעם וואַגאָן־קאָרידאָר מיט זייערע וואַליזעס און פּעקלעך און האָבן זיך דערנעענטערט צו דער אַרויס־גאַנג־טיר. די מומע האָט צו זיי געזאָגט:

„מ׳דאַרף זיך צואיילן, ס׳איז היינט ערב־שבת. אַ לויב צו דעם, פאַר וועמען כ׳האָב מיר נישט געוואָשן די הענט, וואָס מיר זענען שוין אין דער היים מיט אונדזער טייערן, ליבן גאַסט, אונדזער זון פון אַמעריקע, ס׳וועט זיין ביי אונדז אַ שבת — ווער מיר גיטס גינט!״

די באַן האָט פּאַמעלעך, מיט אַ גרילצנדיקן געררויש פון די געהאַמעוועטע רעדער, זיך אָפּגעשטעלטביים וואָקזאַל מיטן שפּיציקן רויט־ציגלנעם טורעם.

ביים עפענען די טיר צו די אַראָפּגייענדיקע שטיגלעך, האָבן די וואַרטנדיקע קרובים און פריינד זיך אַ לאָז געטאָן צו פּנחסן. פּנחס איז געררירט געוואָרן ביים דערזען זיין האַרציקע מומע לאה, זיין טאַטנס עלטסטע שוועסטער, מיט די אויסגעשטרעקטע הענט צו אים. אַן אויסגע־דאַרטע, מיטן לענגלעכן בלאַסן געזיכט און גרויסע אויגן, האָט זי אויס־געזען, ווי אַ הייליקע פון חומש אַרויס.

אין שטעטל האָט מען שוין געוווסט וועגן פּנחסעס אַהיימקומען. ווען דער בעל־עגלה, יאָסעלע קיילעס, איז אַדורכגעפאָרן דעם מאַרק, האָבן די קרעמער ביי די אָפענע טירן און אויך די מענטשן, וואָס האָבן אַראָפּ־געקוקט פון די באַלקאָנען אים אויפגענומען מיט גרוסן און היימישער וואַרעמקייט.

צווישן די באַגריסער אויף אַ באַלקאָן, אַקעגנאיבער דעם מאַרק־ברונעם מיטן רויטגעפאַרבטן דעכל און שטענדיק באַוועגלעכן פענדל, האָט

זיך שטאַרקער פון אַלע אַנדערע אַרויסגעזען דער מיטלוואָקסיקער, מיטן ווייסן קאָפּ האָר זישע קלעזמער, פּנחסעס קרוב פון זיין מוטערס צד.

אין שטוב האָט געקוועלט אַ פרייידיקייט. דאָס הויזגעזינד איז געווען אויסגעפּוצט אין די שענסטע מלבושים, לכבוד שבת און אויך צוליב דעם גאַסט. נאָכן קומען פון מיקווה האָט מען זיך צוגעגרייט צום ליכט־בענטשן און צו קבלת שבת.

די מומע דאַכע, די עקרת־הבית, האָט אָנגעטאָן דאָס טונקעלע בלוי־סאַמעטן קלייד מיטן ווייס־געהאַפטענעם קאָלנער און מאַנקעטן און דאָס נייע בלאָנדע שייטל מיט אַריינגעשטעקטע פון ביידע זייטן צוויי גאָלדענע ציטער־שפּילקעס. אַרום איר האַלדז האָט זי געטראָגן זעקס שנירל פּערל, באַהאַפטענע מיט צוויי בלוי־ווייס געשטרייפטע ;יידענע בענדער. אַ ביסל נידעריקער פון די פּערל האָט געבלאַנקט די גאָלדענע „קאָליע", געפּאַסט מיט פלאַכגעשליפענע דימענטן. אין אירע אויערן — לאַנגע צוגעפּאַסטע אוירינגען.

משהל, פּנחסעס פאָטער, אָנגעטאָן אין זיין זיידענער קאַפּאָטע מיטןברייטן גאַרטל און סאַמעטענעם היטל, האָט אויפגענומען די משפּחה־געסט און די מאָדזשיצער חסידים, וואָס זענען געקומען מקבל־שבת זיין ביי אים אין הויז. פּנחס, אויס דרך־ארץ צום פאָטער, האָט צום קבלת שבת אָנגעטאָן אַ קורצע געהאַקטע קאַפּאָטע מיט אַ גאַרטל.

ביים ליכט־בענטשן האָבן די ווייבער מיט זייערע טעכטער, גרויס און קליין, אַרומגערינגלט דעם גרויסן טיש מיטן ווייס־בלאַנקענדיקן טישטעך, מיט די חלות צוגעדעקטע מיטן חלה־טישטעכל; זיי האָבן געשטרעקט זייערע הענט צו די שבת־ליכט, געפּאַכעט דאָס פייער פון די ליכט צו זייערע פּנימער ביים מאַכן די ברכה „להדליק נר של שבת". נאָך דעם האָבן זיי די דלאָניעס צוגעלייגט צו די פאַרמאַכטע אויגן און געשעפּטשעט די ווערטער פון דער תחינה:

„דער זכות פון די לויטערע נשמות פון אונדזערע עלטערן און פון די הייליקע אָבות זאָל אונדז ביישטיין זוכה צו זיין צו האָבן קינדער

תלמידי חכמים און מיר זאָלן דערלעבן צו האָבן פון זיי גרויס נחת, אָמן סלה".

צום לענגסטן איז געשטאַנען ביים ליכט־בענטשן די מומע לאה מיטן אַלטן שפּיציקן טשיפּיקל פון איר חתונה נאָך, אין שייטל מיט די אַריינגעשטעקטע ציטער־שפּילקעס און קאָלירטע שטיינדלעך און קרעלן. פון צווישן אירע לאַנג־פינגערדיקע הענט אויף די צוגעמאַכטע אויגן זענען אַראָפּגערונען צוויי שנירלעך טרערן פון טיפן לויב צום אייבערשטן, וואָס זי האָט דערלעבט ווידער צו זען איר ברודער משהלס זון פּנחס. אין דער שטילקייט אַרום דעם טיש האָט זי זיך דערמאָנט, ווי זי פלעגט ברענגען צו דער בית־המדרש־טיר, יעדן פרייטיק־אינדערפרי, זומער און ווינטער, אַ קיכל, אַ שטריצל מיט יאַגדעס, אָדער אַרום סוכות־צייט אַ ברוינלעך, קיילעכיק אויסגעבאַקן רודישל מיט פיר טייג־פלעכטלעך אַרום דעם אינעווייניקסטן אויסגעבאַקן עפּעלע, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ קרוינדל. זי האָט דאָס איינגעוויקלט אין ביבעלע־פּאַפּיר און איבערגעלאָזט פאַר איר פּנחסן ביי ר' נפתלי דאָלעסער, וואָס איז געשטאַנען ביי דער טיר מיט אַ גרויסן סאַמאָוואַר און פאַרקויפט פאַר אַ גראָשן אַ גלאָז וואַסער מיט מילך.

דאַכע, די באַלעבאָסטע, ווי אירע שכנות האָבן זי גערופן, איז מיט די אַנדערע פרויען געשטאַנען מיט שטילער דרך־ארצדיקייט ביז איר שוועגערין לאה האָט אַרונטערגעלאָזט אירע הענט נאָכן ליכט־בענטשן. אַלע אַרום טיש האָבן זיך געווונטשן מיט פרײדיקער אויפגעהייטערטקייט: „גוט שבת! גוט שבת!"

פּנחסן האָבן באַגריסט משפּחה־מענטשן און מאָדזשיצער חסידים, וואָס זענען געקומען מקבל־שבת זיין און אויפנעמען דעם ליבן גאַסט.

נאָכן געבן שלום האָט פּנחס זיך אַרויסגעשלייכט פונעם הויז. ער האָט זיך פאַרנומען צום מאַרק. מיט אַ נאָגנדיקער בענקשאַפט האָט ער געזוכט אַריינצודרינגען אין די שטיבער, כּדי ווידער צו דערפילן די פרייד פון דער שבתדיקער מנוחה, ווי פון אַ נישט דאָיִקער וועלט.

לאַנג איז ער אַזוי געשטאַנען ווי פאַרזונקען אין אַ חלום. ער האָט אַפילו פאַרגעסן, אַז אין דער היים וואַרט מען אויף אים מיט אומגעדולד.

פּלוצעם איז פאַרביי פאַר אים אַ פויערישער ליידיקער וואָגן. דער געבראַזג פון די אייזערנע רעדער, דאָס קלאַפּן פון די פערדישע פּאַדקעוועס, האָט פּנחסן אויפגעוועקט פון זיין פאַרגליווערטקייט.

ער איז אַוועק אַהיים. דער פרייטיק־צונאַכטס איז דאָרט געווען אָנגעפילט מיט דער אויפגעלייגטקייט פון פעטערס און מומעס, געשוויסטער און ברודערן־קינדער. אַלע זענען זיי געקומען צו פאַרבלייבן נאָכן קבלת־שבת ביי דער שבתדיקער סעודה.

הערשעלע כמיעלניקער, דער למדן און מאַדזשיצער חסיד, מיטן גאָלד־בלאָנדן בערדל, האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביים קליינעם טישל צו מיזרח־זייט און אויסגעזונגען מיט זיין דינעם קולכל דעם „לכו נרננה", דעם אריינפיר צו קבלת־שבת. די מאַדזשיצער חסידים האָמן אונטערגעהאַלטן דעם „לכה דודי לקראת כלה" מיט התלהבות, ממש, ווי באַהאַפּטן מיט דער שבת מלכתא.

נאָך קבלת־שבת איז די העל־באַלויכטענע שטוב פאַרהילכט געוואָרן מיט האַרציק־חדווהדיקן ווינטשן: „גוט שבת! ליב אייך אייער גאַסט!" די איבערגעבליבענע נאָענטע קרובים האָבן אַרומגערינגלט דעם שבתדיקן טיש. ביי משהלס רעכטע האַנט איז געשטאַנען זיין זון פּנחס, וועלכן ער האָט נישט געזען שוין העכער עלף יאָר, זינט זיין אַנטלויפן קיין אַמעריקע. ביים אָנגיסן ווייִן אינעם זילבערנעם קידוש־בעכער איז זיין האַרץ פול געוואָרן מיט נחתדיקן געוויין. נאָכן קידוש־מאַכן האָט ער פאַמעלעכדיק אָפּגעזופּט עטלעכע שלונג ווייִן, געגעבן דעם בעכער זיין ווייב דאָכע. נאָכן אָפּזופּן עטלעכע טראָפּנס ווייִן האָט זי איבערגעגעבן דעם בעכער זייער יונגער טאָכטער חוהלע. אַזוי האָבן אַלע, לויט זייער עלטער נאָך, געמאַכט קידוש און געגעבן זייערע ווייבער און קינדער טועם צו זיין פונעם קידוש־ווייִן. נאָך דעם האָבן זיי זיך געוואַשן די הענט און געוואַרט ביז משהל האָט אָפּגעדעקט די צוויי גרויסע שבתדיקע חלות, זיי אויפ־געהויבן ביים מאַכן די ברכה „המוציא לחם מן הארץ", צעשניטן די חלה אויף „מוציאס", געטיילט יעדן אַ מוציא. זיי האָבן לייכט געטונקען די

חלה־עקן אין די זאַלצמעסטלעך און שטילערהייט געמאַכט די ברכה איבער זיי — און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די פייערלעכע שבתדיקע סעודה.

די פאַרבליבענע מאָדזשיצער חסידים מיט משהלען און זיינע צוויי איידעמס זענען זיך פאַרגאַנגען אין די שבת־מתיקותדיקע זמירות. פּנחס האָט זיך דערמאָנט, ווי אין זיינע יונגע יאָרן האָט ער מיטגעזונגען די אַלע שבתדיקע ניגונים. צווישן איין זמר און אַנדערן האָט מען פּנחסן אויסגעפרעגט וועגן זיין לעבן, זיין משפּחה, וועגן שטייגער לעבן אין אַמע־ריקע בכלל. אַזוי האָט די ערשטע פרייטיק־צונאַכטיקע סעודה זיך פאַרצויגן ביז אין דער האַלבער נאַכט אַריין.

שבת אין דער פרי, נאָכן מיקווה־גיין און מעביר־סדרה זיין, זענען משהל מיטן זון פּנחס געגאַנגען דאַווענען אינעם מאָדזשיצער שטיבל. נאָכן דאַווענען זענען אַלע חסידים מיט די טליתים אויף די אַקסלען אַריין מיטן פאָטער און פּנחסן אין שטוב צום קידוש לכבוד דעם גאַסט.

איינער פון די חסידים, דער הוליאַק, משה־יוסף דער גאָלדשמיד, איז באַלד נאָכן ערשטן „לחיים״ אַרויפגעקראָכן אויף דער הויכער קליידער־שאַנק, האָט אַראָפּגעשלעפּט די פלאַש ווישניק, וואָס איז געווען צוגעדעקט מיט אַ ווייסן ליילעך. בעת מעשה האָט דאַכע געקנייפּט זיך די באַקן. זי האָט זיך געשעמט צו זאָגן משה־יוספן, אַז דעם ווישניק האָט זי באַהאַלטן צו דער חתונה פון איר יינגסטער טאָכטער, חוהלע.

משה־יוסף איז אַרויף אויפן טיש, האָט אָנגעגאָסן די משקה אין די זילבערנע בעכערלעך, די חסידים האָבן געטרונקען, די פּנימער האָבן זיך צעפלאַמט און מען האָט זיך געווונטשן: „לחיים, משהל! לחיים, פּנחס! מיר זאָלן דערלעבן צו טרינקען אויף דיין טאָכטער חוהלעס חתונה, אי״ה, און ס׳זאָלן קומען ישועות ונחמות אויף יידן, אָמן!״

ביים לאַנגן טיש איז געווען אויסגעזעצט די גאַנצע משפּחה. בעתן עסן דעם טשאָלנט האָבן זיי אויך פאַרזוכט פון די אַלע קוגלען און צימעסן, וואָס מען האָט געשיקט פון אומעטום לכבוד דעם גאַסט. פאַרן בענטשן האָט מען אָוועקגעשטעלט אויפן טיש צוויי פלעשער רויטן וויין מיטן גרינעם

שימל אויף זיי. ווער ווייסט, ווי אַלט דער ווײַן האָט שוין געמוזט זיין? דאָס האָט זישע דער קלעזמער צוגעשיקט פאַרן גאַסט. ביים טרינקען דעם ווײַן אין די זילבערנע, פאַרגילדעטע בעכערלעך מיט אויסגראַווירונגען אויף זיי: דער מוטער רחלס קבר, די מערת־המכפּלה, די כּותל־המערבי, משה רבנו מיט די לוחות — האָט מען אַרום טיש געשמועסט, אַז דער ווײַן, וואָס זישע האָט צוגעשיקט לכבוד דעם גאַסט, מוז שוין אַוודאי זיין זייער אַלט, אפשר נאָך עלטער אַפילו פון אים אַליין. דער ווײַן מוז אַוודאי שטאַמען פון די גאַר־אַלטע ווײַנקעלערס פון די מינצבערגס, — מתּנות פאַר זישען אויף די חתונות און אויפנעם־בעלער פונעם באַליבטן גראַף וויעלאָפּאָלסקי — פאַר זיין שפּילן דאָרט די פּוילישע לידער פון מלך סאָביעסקיס צייטן, וואָס האָט דעם פריץ און זיינע קאַלעגן דערמאָנט אין פוילנס אַמאָליקער גרויסקייט.

משהל, פּנחסעס פאָטער, האָט מיט אַ מאָל, ווי דערמאָנענדיק זיך אין אַ וויכטיקן ענין, זיך געווענדט צו פּנחסן:

„כ'בעט דיך, זון מיינער, נישט צו פאַרגעסן, אַרויפצוגיין צו אונדזער זישען, ער וועט זיך זייער דערפרייען מיט דיר, וועסט דערמיט אויך טאָן אַ גרויסע מיצווה".

אַלע ביים טיש האָבן צוגעבאָמקעט:

„אַוודאי, אַוודאי! זישע האָט זיך דאָס כּשר פאַרדינט. אַזאַ יאָר אויף אונדז אַלעמען, מיט דיר פּנחס אין איינעם, וואָס פאַר אַ ווילער, טייערער מענטש דער זישע איז".

די שבתדיקע סעודה האָט זיך פאַרצויגן ביז פאַר נאַכט. די שאָטנס האָבן שוין פאַרטונקלט די שטוב אַרום, ווו מען האָט קוים געזען די איינגעבויגענע מאָדזשיצער חסידים אַריינקוילערן מיט געזאַנג אַ פעסל ביר צו שלוש־סעודות. אין דער טונקלקייט האָט מען בלויז געקאָנט זען די שיין פון זייערע פּנימער און זייערע שאָטנדיקע סילועטן אויף דער וואַנט הינטער זיי.

ביי שלוש־סעודות האָט מלך שמעגדע, דער הייזעריקער בעל־מנגן אינעם מאָדזשיצער שטיבל, געזונגען בציבור די זמירות מיטן רבינס

פאַרפּאַסטע מאַרשן, מיט אַלע תּנועות און העוויות — לויטן רבינס נוסח. מיט דער האַנט אונטערגעלענט די רעכטע באַק, איז ער זיך פאַרגאַנגען אין דבקות. דאָס געזאַנג האָט דורך די אָפענע פענצטער זיך צעטראָגן איבערן מאַרק און אַפילו צו די אַרומיקע ווייטיקע געסלעך.

די שבתדיקע שפּאַצירער פונעם וואַלד, די שניידער־ און שוסטער־ ייִנגלעך און די אַנדערע געזעלן, מיט זייערע כּלות — מיינסטנס דינסט־ מיידלעך — האָבן זיך אָפּגעשטעלט פאַר משהלס הויז איינצוהערן זיך און הנאה האָבן פון די שיינע חסידישע ניגונים.

# קאַפּיטל צוויי

נאָך הבדלה האָט זיך אויף אַלעמען געלייגט אַ טיפער אומעט. די פּנימער זענען ווי פאַרענדערט געוואָרן. עס האָט זיך אָנגערוקט די שווערקייט פון דער אָנקומענדיקער וואָך.

נאָך דעם ווי אַלע חסידים און קרובים זענען אַוועק אַהיים, האָבן זיך באַוויזן עטלעכע ייִדן, וואָס האָבן זיך געסודעט מיט פּנחסעס פֿאָטער. דער שמועס איז געגאַנגען וועגן טוישן דאָלאַרן אויף תּר״פּט אַלפים פּוילישע זלאָטעס.

אויף צו מאָרגנס, זונטיק, האָט פּנחס אין מאַרק דאָס ערשטע דערזען די טרעגער, וואָס זענען דאָרט געשטאַנען אין זייערע פון מעל ווייסע, צע־ריסענע קורטקעס, מיט אַלטע שטריק אַרומגעבונדן אַרום זייערע לענדן. די פּנימער פאַרדאגהטע, די אויגן געווענדט צום אַנדערן עק שאָסיי: אפשר קומט אָן אַ וואָגן מיט מעל אָדער מיט אַן אַנדערער סחורה, און מ׳וועט קאָנען פאַרדינען עטלעכע גילדן. אין די געוועלבער, ביי די מאַרק־געשטעלן און אינעם גאַנצן מאַרק אַרום אַלע פיר ציילן, איז געווען אַ שווערע שטיל־קייט.

פּנחס האָט נישט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט זיך, איז ער אַזוי געגאַנ־גען אָן אַ ציל פון צייל צו צייל. אַ סך פון די אַמאָליקע באַקאַנטע זענען אַנטקעגנגעגאַנגען אים אָפּגעבן אַ ברייטן „שלום־עליכם״, האָבן זיך אויס־געפרעגט וועגן אַמעריקע. זיי האָבן אים ווי אָפּגעמאָסטן מיט זייערע בליקן און פון זייערע אויגן האָט געבליצט די קינאה. ביים שיידן זיך פון זיי איז אים באַפאַלן אַן אומעט: ער האָט געטראַכט וועגן דער פאַרענדערונג, וואָס איז פאַרגעקומען זינט ער איז אַוועקגעפאָרן פון שטעטל.

עטלעכע טעג נאָך אַנאַנד איז פּנחס אַרומגעגאַנגען באַזוכן קרובים, די מיינסטע — אַלטע בעלי־מלאכות. ביי כּמעט אַלע האָט זיך געוואָרפן אין די

אויגן דער פינצטערער דלות. אויפגענומען האָט מען אים אומעטום בכּבודיק. די אָרעמע שטיבער זענען געווען ציכטיק אויפגערוימט. צו פיל האָבן זיך די קרובים נישט פאַרקלאָגט פאַר אים, זיי האָבן זיך אויסגעהיט פון צו מאַכן אַן איינדרוק, אַז זיי ווילן עפּעס אויסבעטלען, אָבער אין זייערע פאַרחושכטע פּנימער און אין דעם פּוסטעווען פון זייערע וואַרשטאַטן האָט די אָרעמקייט זיך בולט אָנגעזען.

דער פעטער נאָטל, דער פּריילעכער שניידער, האָט פּנחסן דערציילט וועגן די עטלעכע טאַנדעטניקעס, וואָס דרייען זיך אַרום מיט די וואַלוטני־קעס, וועלכע זענען איבער נאַכט געוואָרן גרויסע עשירים. דעם פעטערס קינדער זענען זיך שוין לאַנג געהאַט צעפלויגן אין ארבע פּינות העולם. אַ סך פון די בחורים לערנען אינעם אַלטן בית־המדרש, אָדער אין ביידע ישיבות: איינע, אינעם אַלטן ייִדיש־פּוילישן נוסח פון לערנען ש״ס און פּוסקים, און שבת־יום־טובדיקער חסידישער באַהעפטונג מיטן רבין — און די אַנדערע ישיבה, די ערשט נישט לאַנג אַריבערגעקומענע, די נאָוואַרדי־קער, מיט די שטענדיק שטיל־פאַרדבקהטע ליטוואַקעס אין די פאַרקירצטע מלבושים, די אַנטלאָפענע פון די יעווסעקישע משומדים, ווי נאָך אַ שׂרפה, רחמנא־ליצלן. זיי דאַווענען שטיל, אָן העוויות, שטייען שמונה־עשׂרה מיט אויפגעהויבענע קעפּ פאַרן רבונו־של־עולם, ווי פּרינצן פאַרן מלך מלכי המלכים. זייער אופן פון לערנען איז נישט ווי פון די פּוילישע — מיטן זינגעוודיקן ניגון, מיט אַריינפאַלן אין התפּעלות ביזן פאַרגעסן זיך. זיי איז פרעמד דער חסידישער גאַנג פון שאָקלען זיך, כּדי זיך אויסצוטאָן פונעם חומרדיקן, צו ווערן איינס מיטן זיו השכינה. ביי זיי איז דער עיקר — צו אַרבעטן איבער זיך מיט שמירת הגוף און שמירת הלשון, ווי עס לערנען זיי זייערע וועגווייזער, דער חזון איש, דער חפץ חיים. דער רב פון שטעטל, מיטן אָפּגעשוואַכטן גוף, בלויז הויט און ביינער, האָט זיי אויפגענומען מיט אָפּע־נע אָרעמס. די ייִדן אין שטעטל פאַרשטייען נישט די משונהדיקע דרכים פון די, וואָס רופן זיך מוסרניקעס, און רופן זיי „די מוסר־נפשניקעס״, ווייל זיי שטעלן זיך אויך אַקעגן יעדער עוולה קעגן די אָרעמע.

די ישיבה־בחורים פון דער פרעמד, וואָס דער רב האָט פאַר זיי געקריגן

„טעג" ביי די שטעטלדיקע בעלי־הבתים, האָבן אין יענער שווערער צייט פון אינפלאַציע און יידן־העצע, זיך געשטיקט ביים עסן די פלייש־יאַיכלעך, ווען זיי האָבן זיך דערוווּסט, אַז די בעלי־הבתים גופא קאָנען זיך פאַרגינען צו עסן בלויז ברויט מיט הערינג.

און דאָס בעל־מלאכישע יונגוואַרג? להיפך צו די אַמאָליקע פּראָסטע בעלי־מלאכות אַמפּערן זיי זיך אין זייערע נייע קליינזלעך איבער אַ קוצו של יוד — וועגן בער באָראָכאָווס טעאָריעס און וועגן דער מאַרקסיסטישער דיאַלעקטיק.

*

פרייטיק אין דער פרי איז פנחס צוריקגעגאַנגען פונעם באָדן זיך אין טייך ליאַס, דורך די לאָנקעס, פון וועלכע עס האָבן אַרויסגעשיינט ווייסע בלימעלעך מיט גאָלדיקע קעפּלעך. אַרום די הויכע גראָזן האָבן געזשומעט פליגן און בינען. פאַרביי אים האָבן קליינע באָרוועסע שיקסלעך מיט העל־פלאַקסענע לאַנגע האָר געטריבן מיט גרינע ריטלעך יונגע גענדזלעך צום טייך. זייערע גאָדערדיקע געשרייען האָבן זיך צונויפגעמישט מיטן הירזשען פון לאָשיקלעך, וואָס האָבן זיך געפּאַשעט לעבן דער לאַנגער בריק.

ווען פנחס איז דורכן טומאה־באַרג פונעם שמאָלן געסל אַריין אינעם מאַרק, האָט ער דערהערט ווי מען רופט אים. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און דערזען אויפן באַלקאָן אַנטקעגן אים זישע קלעזמער. זיין קרעפּ־טיקע פיגור איז געווען אויסגעצויגן ווי אַ ווירע; דער ווייסער קאָפּ האָר איז געווען ווי אַ סתירה צו זיין רויטלעכן פנים. מיט אַ האַנט־באַוועגונג האָט ער פנחסן פאַרבעטן אַרויפצוקומען צו אים.

אויף די שטיגן איז זישע אים אַנטקעגנגעגאַנגען מיט אַן אויסגע־שטרעקטער האַנט. פנחס האָט זישען אַרומגענומען, אים געגלעט, ווי ער וואָלט עס געטאָן אפשר מיט אַן אייגענעם זיידן. זישע האָט פנחסן אָנגע־נומען פאַר דער האַנט, ווי ער וואָלט געווען אַ קליין קינד, און אים אַריינ־געפירט אין זיין שטוב אַריין. פנחס האָט מיט אַ ווייס טאַשן־טיכל זיך אָפּ־געווישט דעם שווייס פון שטערן און דעם שטרויענעם קאַפּעליוש אָוועקגע־

לייגט אויפן קליינעם מאַהאָגענעם טישל לעבן גרויסן טאָמביקן סאַמאָוואַר.

אַ שמייכלענדיקער האָט זישע געזאָגט צו פּנחסן:

„זעסט אָט דעם סאַמאָוואַר? דעם סאַמאָוואַר האָט מיר געגעבן דרשה־געשאַנק צו מיין חתונה מיט שיינדעלען ע״ה דיין זיידע דוד ע״ה, וואָס איז געווען מיין לייבלעכער פעטער. ער איז דאָך געווען אַ זעלטענער מענטש. מען זאָל אויסגיין אַ האַלבע וועלט, וועט מען נישט געפינען זיינס גלייכן. נו, וועגן אים וועלן מיר רעדן שפּעטער, אָבער שיינדעלע... אַזאַ אומגליק!״ — ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ צום דיל און איבערגעחזרט — „אַזאַ אומגליק! אָבער צו וואָס דיר פאַרווייגען דעם קאָפּ? איך בין דאָך נישט קיין ייִדענע״.

זישע האָט פּנחסן צוגערוקט אַ שטול:

„קודם־כל זעץ זיך אָט דאָ אַנטקעגן דער אָפענער טיר פונעם באַלקאָן. דאָ בלאָזט אַ מחיהדיק ווינטל״.

זישע האָט פּנחסן אויסגעפרעגט וועגן זיין ווייב און קינדער, וועגן פּרנסה, און פּנחס האָט אים פאַרזיכערט:

„אַ דאַנק גאָט, נישקשה, בעסער האָט דאָך נישט קיין שיעור״.

פּנחס האָט אים געדאַנקט פאַרן צושיקן אים די צוויי פלעשער וויין.

די אַראָפּגעלאָזטע פאַרהאַנגען האָבן פאַרמילדערט די הייסקייט פון חמימהדיקן, תמוזדיקן טאָג. דערווייל זענען אָנגעקומען זישעס זון ישראל־איטשע מיט זיין ווייב זעלדעלע. זיי האָבן פּנחסן אָפּגעגעבן שלום. זישע האָט געבעטן דער שנור זעלדעלע, זי זאָל צוגרייטן טיי מיט צובייסן. אויף זיין אופן האָט זישע געזאָגט:

„פון טיי און תהילים זאָגט זיך קיין ייִד נישט אָפּ, דאָס ערגסטע וואָס קאָן געשען פון די ביידע איז — פון טיי אַ שוויץ טאָן און פון אַ קאַפּיטל תהילים אַ וויין טאָן״.

*

ווען ישראל־איטשע מיט זעלדען זענען אַוועקגעגאַנגען און זישע איז

פאַרבליבן אַליין מיט פּנחסן, האָט זישע געהאַט פאַראיבל אויף פּנחסן. ער האָט זיך גערעכנט, אַז ער, פּנחס, וועט אַרויפקומען צו אים גלייך נאָך שבת, אָבער ער האָט זיך נישט געוויזן די גאַנצע וואָך, און ווען ער דערזעט אים נישט היינט און רופט אים נישט אַרויף, וואָלט ער אפשר אויך היינט נישט אַרויפגעקומען. זישע האָט צוגעגעבן:

„דאַרפסט זיך נישט פאַרענטפערן מיט אויסזוכן כּלערליי תּירוצים, סיי ווי וועט עס בלייבן ביי מיר אַ תּירוץ. אַלע תּירוצים זענען האַלבע ליגנס. דער אמתער אמת דאַרף נישט קיין תּירוצים. אַצינד אָבער, אַז כ'האָב דיך שוין יאָ געפּאַקט, וועסטו שוין אַזוי גיך פון מיר נישט אַנטלויפן".

ראשית, וויל ער מיט אים אַ שמועס טאָן וועגן זיין זיידן ע"ה דוד דער רופא, ווי מען האָט אים גערופן. מען האָט נישט געזאָגט, אַז מען דאַרף גיין רופן דעם פעלדשער, חס וחלילה! געזאָגט האָט מען: מען דאַרף גיין רופן דעם רופא דודן. געשמט אין שטעטל האָט ער ביי יידן און, להבדיל, ביי די גויים, ווי אַ פאַלנער דאָקטער.

מ'זאָגט, אַז דאָס עפּעס פעלט נישט ווייט פונעם ביימעלע. לויט זישען, איז אויך זיין זיידע דוד, דער רופא, אַנטלאָפן פונעם בית־המדרש. ער האָט געהאַט אַן עילוישן קאָפּ אויף זיך. פּלוצעם איז ער נעלם געוואָרן, ווי אין וואַסער אַריין. ער האָט זיך אַרומגעוואַלגערט פריער אין וואַרשע, שפּעטער איז ער אַוועק קיין ווין, בערלין. מען זאָל האָבן געשמועסט אין שטעטל, אַז ער האָט נישט געקאָנט ווערן קיין דאָקטער, סיידן ער זאָל אויסבייטן דאָס רענדל.

ער איז צוריקגעקומען אַהיים מיט צעריסענע שיך און אין אַ צעשליסע־נער מאַרינאַרקע, קרוע־בלוע, אָן אַ באָרד, אַפילו נישט קיין וואָנצעס, אויס־געזען האָט ער ווי אַ גלח...

די זון האָט זיך שוין אַרויסגעזען איבער די דעכער פון מאַרק פון מערב־זייט, דאָס האָט פּנחסן דערמאָנט, אַז עס איז שוין צייט אַהיימצוגיין, אַלץ איז שוין מסתּמא גרייט צום מקבל־שבת זיין. זיי האָבן זיך געזעגנט. פּנחס האָט זישען צוגעזאָגט צו קומען זונטיק אַרום מיטאָגצייט.

„זישע טייערער!״ — האָט ער אים פאַרזיכערט — „איך וועל מיט אייך זיצן אַזוי לאַנג ביז איר וועט פאַרענדיקן די מעשׂה וועגן מיין זיידן״.

זישע האָט אים מיטגעגעבן אַ פלאַש ווײַן און דערביי אים געזאָגט: די וויינען, וואָס ער האָט געקריגן ביי די פּריצים, זענען נישט קיין יין נסך, חלילה, ווייל ר׳ פינטשע מינצבערג, דער וואָס האַלט אין אַרענדע די פּראָפּינאַציע, פּאַסט שוין אויף זינט יאָרן אויף דעם, און אַזוי ציט זיך שוין מקדמונים, פון זיינע זיידעס און עלטער־זיידעס, אַז די וויינען פאַר ייִדן זענען אונטער די מינצבערגס השגחה.

# קאַפּיטל דריי

פּנחס איז זונטיק געקומען נאָך פריער, ווי ער האָט געהאַט צוגעזאָגט. זישע איז געזעסן אַ פאַרטראַכטער ביים ספר ישעיה. זישע האָט אויסגעטאָן די ברילן, זיי אַוועקגעלייגט ביים פּסוק כ״ז: „אמר ה׳ מלך ישׂראל וגואלו ה׳ צבאות״. פּנחס האָט אים נישט געלאָזט זיך אויפהייבן און ער האָט אַליין פאַר זיך צוגערוקט אַ שטול לעבן אים.

„זעסט״ — האָט זישע געזאָגט צו פּנחסן — „ביים נביא געפין איך שטענדיק אַ טרייסט, אַפילו ווען איך שטיי שוין מיט איין פוס אין קבר. אפשר טאָקע אינעם טיפן עלטער פאַרשטייט מען בעסער די געטלעכע ווערטער״. ווען ער איז געווען יונג, האָט ער אַלץ, אַפילו דאָס לערנען, אָפּגעלייגט אויף שפּעטער, היינט איז שוין נישטאָ קיין שפּעטער. די שעהען רוקן זיך אַזוי שנעל, אַז דער היינט מיטן שפּעטער ווערן איינס. דאָס קאָנען אַריינקוקן אין אַ ספר האָט ער טאָקע צו פאַרדאַנקען פּנחסעס זיידן, זיין פעטער דוד.

זישע האָט דערמאָנט פּנחסן, אַז אין זיין לעצטן פּרייטיקדיקן שמועס האָט ער דערציילט, אַז ביים צוריקקומען אַהיים האָט דוד רופא אויסגעזען ווי אַ גלח. אָבער פאַר דער אייגענער משפּחה און אפשר פאַרן גאַנצן שטעטל איז ער נענטער געווען צו אַ מלאך ווי, להבדיל, צום גלח.

ווען דער זיידע דוד איז אַהיימגעקומען, האָט ער זיך געשטעלט צום פּריזיוו. נאָכן אָפּדינען פאַניע־גנב גאַנצע פינף יאָר אין מיליטערישן שפּיטאָל, איז ער אַהיימגעקומען מיט אַ דערלויבעניש אַרויסצוהעלפן די דריי מעשענע טעלער, — דעם צייכן פון אַן עלטסטן פעלדשער. האָט מען אים גלייך גערופן צו די שווערסטע מסוכנדיקסטע קראַנקע. ער האָט פאַרשריבן רעצעפּטן מיט לאַטיינישע אותיות, וועלכע קיינער אַחוץ דעם אַפּטייקער זשאַקאָווסקי, האָט זיי נישט געקאָנט פאַרשטיין. די אַנדערע צוויי פעלדשערס, אַ סך עלטערע פון אים, האָבן געקוקט אויף די רעצעפּטן

זיינע, ווי אַ האָן אין בני־אדם. מען האָט אין שטעטל געהאַלטן פון אים מער ווי פון צוויי פאַלנע דאָקטוירים. מען פלעגט זאָגן אויף אים, אַז דער מלאך רפאל אַליין באַגלייט אים אויפן וועג צו יעדן חולה. דערפאַר האָט מען אים אַלץ מוחל געווען, מען האָט פאַרקוקט זיין הילוך, זיין האַלב גויִיש פירעכץ. ער איז געוואָרן דאָס אייבערשטע פון שטייסל אין דער משפחה. אָט צוליב אים האָט טאַקע מיין טאַטע ע״ה, דער דעמאָלטיקער קאַפעל־מייסטער פון דער קלעזמערישער קאַפעליע, אויס־געטאָן די לאַנגע זשיפּעצע מיטן קליינעם היטעלע, מיטן נאָך קלענערן דענקעלע און דאַשיקל, זיך אָנגעטאָן אין קורצע מלבושים מיט אַ שוואַרצן האַרטן קאַפעליוש און זיך פאַרשוירן די באָרד און פאות יעדן ערב־שבת.

פון אים, דעם טאַטן זיינעם ע״ה, האָבן זיך שוין אויסגעלערנט און אים נאָכגעטאָן נישט נאָר די איבעריקע קלעזמאָרים, נאָר אַפילו די קצבים, — סיי די קצבים, וואָס האָבן געשפּילט אין דער קאַפעליע, און סיי די אַנדערע קצבים, וואָס האָבן זיך משדך געווען מיט קצבישע קלעזמאָרים און אויך אַ טייל פון די געהויבענע טרעגער.

דער עיקר, וואָס דער פעטער דוד ע״ה האָט איינגעפּירט אין דער משפחה — דאָס וועלן זיי קיין מאָל נישט פאַרגעסן, און דערפאַר אַכפּערן זיי אים אַלע זייערע יאָרן — וואָס די קינדער זייערע האָבן געמוזט גיין לערנען צו די בעסטע מלמדים אין שטעטל ביז זעכצן יאָר. ער פלעגט עס ליב האָבן צו זאָגן מיטן הארבן וואָרט: „פאַר קיין כניאַקעס זאָלט איר זיי נישט מאַכן, אָבער לאָזן זיי בלייבן עמי־הארצים — אַוודאי נישט, צו דעם וועל איך נישט דערלאָזן.״ דערביי פלעגט ער קלאַפּן מיטן קעפל פונעם זילבערנעם שטעקן זיינעם אין דער לינקער, אָפענער האַנט און דרשענען אויף זיין שטייגער, אַז די גאָלדענע ווערטער פון קהלת: „כי ברוב חכמה רוב כעס ויוסף דעת יוסף מכאוב״. — מיינען גאַנץ פשוט, אַז וואָס מער דער מענטש זאַפּט אין זיך אַריין חכמה דורך לערנען תורה, אַלץ מער כעסדיק וועט ער זיין קעגן אַלע שלעכטיקייטן לגבי זיך און קעגן די רישעותן פון דער וועלט, און וואָס מער דעת, לערנען, אַלץ מער ווייטיקט דער מענטש. „ווי אַ רופא ווייס איך פון מיין אייגענער פּראַקטיקע,

אַז ווען דער חולה הערט אויף צו פּילן זיינע ווייטיקן, האַלט עס שוין זייער שמאָל מיט אים. דאָס איז מיטן מענטשלעכן גוף, נאָך ערגער איז עס, ווען דאָס געשעט מיט דער נשמה פונעם מענטשן".

ווי פאַריאָגט ער איז נישט געווען מיטן אַרומגיין צווישן די שטעטלשע חולאים און אַרומפאָרן אין זיין בריטשקע, די געשפּאַנטע מיט הויכע קאַרע פערד, איבער די אַרומיקע שטעטלעך און דערפער — האָט ער דאָך נישט פאַרגעסן די מיצווה פון „ושננתם לבניך". ווי אַלע קינדער פון דער משפחה וואָלטן געווען זיינע אייגענע, האָט ער אונטערגעטריבן צו שיקן זיי לערנען תורה...

דערפאַר האָט אים, זישע, דער טאַטע זיינער געשיקט צום אויסגעפּוצטן משׂכּילישן מלמד נחמיה דעמסקי, וואָס האָט ווייניקער געלערנט מיט זיינע תלמידים גמרא און געווען אין גאַנצן פאַרקאַכט אינעם תנ"ך. ער האָט געלערנט מיט זיי דיקדוק און געלייענט פאַר זיי די שירים פון די אַמאָליקע פּייטנים. אויפן דרייצנטן יאָר האָט ער שוין געלערנט מיט זיי דעם אבן עזראס פּירושים. דער פעטער דוד האָט פון אים געהאַלטן אַ וועלט. ער פלעגט אים פאַרבעטן שבתים און יום־טובים צו זיך אַהיים. ער האָט אים זייער מקרב געווען, האָט ליב געהאַט מיט אים צו פירן וויכּוחים, אַדאַנק אים איז ער געווען פון די ערשטע קלעזמאָרים אין שטאָט מיט אַ ביסל תורה. טאַקע נישט קיין גרויסער למדן, אָבער נישט, חלילה, קיין עם־הארץ. די קצבישע קלעזמאָרים פלעגן גוט־ברודעריש אָפּחוזקן פון אים: אַ שאָד וואָס ער איז נישט געוואָרן קיין דיין. ווען זישע וואָלט געווען אַ דיין, וואָלטן זיי דאָך געהאַט מער כשר פלייש אין זייערע יאַסקעס צום פאַרקויפן.

זישע האָט פאַרמאַכט דעם ספר ישעיה, פאַרקנייטשט דעם דף, גענומען פּנחסן פאַר דער האַנט און אים אַרויסגעפירט אויפן באַלקאָן.

זישע האָט אויפגעהויבן זיין קאָפּ צום העל־בלאָען הימל און צו פּנחסן געזאָגט: אַצינד, אויף דער עלטער, און דערצו — ווען ער איז געבליבן אַליין, האָט ער זיך צוגעוווינט אין די שיינע זומערטעג צו קוקן און באַטראַכטן דעם לויטערן הימל, די גרינעביימער אינעם גלחס סאָד

מיט די פרוכטן אויף זיי: די קאַרשן אויף די קלענערע ביימלעך ווערן טאָג־טעגלעך רויטער. אין זייער פולער רייפקייט, ביים זון־אונטערגאַנג, זעען זיי אויס אָקעגן די גרינע אַגרעסן, ווי בונטע בלומען; די דינע שטענגלעך ווײנפּערלעך, ווי אויפגעצויגענע שנירלעך רויטע קרעלן אַרום זיי, און אין מיטן — די הויכע עפּל־און באַרנביימער בעת זייער רייפקייט, ווען זיי ווערן האַלב פאַררויטלט ווי שעמעוודיקע כּלות אונטער די חופּה־שטאַנגען. איבער אַט דער רעגנבויגנדיקער שיינקייט גלוסט זיך אים, זישען, טאַקע צו מאַכן די ברכה ווי ביי אַן אמתן הימלישן רעגן־בויגן: „עושׂה מעשׂה בראשית".

זישע איז מקנא די ביימער און אַפילו די גראָזן אינעם גרינעם טאָל, וואָס דער רבונו של עולם האָט זיי געבענטשט צו באַנייען זיך מיט אַ פריש בלִיענדיק לעבן נאָכן ביטערן ווינטער. ער איז אויך מקנא דעם טייך אַנטקעגן, וואָס נאָכן ווינטער, ווען ער איז פאַרקאָוועט, ליגט אונטערן ווייסן אייז, ווי אַ מת אין ווייסע תּכריכים, פליסט ער ווידער אין פרילינג האַסטיק און שטורעמדיק, ווערט שטיפעריש־יונג ווי אַ ציגיינער־מיידל. זישע טראַכט, אַז אויף דער עלטער קלאָמערט מען זיך אָן לעבן שטאַרקער, ווי אין די יונגע יאָרן. ווען מען איז יונג, לעבט מען ווי דער ביינאַכטיקער גליוואָרעם: מען גליט און מען פאַרברענט דאָס שטיקל געשענקטע קורצע לעבן.

זינט זיין שיינדעלעס טויט, זיצט ער אָפּ די זומערן אויפן באַלקאָן שעהען־לאַנג איינער אַליין, אַן עלנטער. ער באַטראַכט דעם הימל און אַלץ אַרום. טייל מאָל, ווען עס באַווייזן זיך אויפן הימל די צוואָרפענע, צִיענדיקע, ווייסע וואָלקנדלעך, קומט אים אין קאָפּ אַ מחשבה: אפשר זענען דאָס יונגע פאַרשטאָרבענע כּלות, וואָס ווערן דאָרטן געפירט מיט יונגע מלאכים צו זייערע חופּות, אָדער אפשר זענען עס מתים, וואָס מען פירט זיי צום דין און מישפט פאַרן גרויסן בית־דין און דאָרטן דאַרפן זיי אָפּגעבן דעם לעצטן חשבון פאַר זייערע מעשׂים, די גוטע און די שלעכטע. ער האָט געבעטן פּנחסן ער זאָל אים זאָגן דעם ריינעם אמת, צי אויך ער קוקט אַ מאָל אין הימל אַריין ווי ער אַצינד? ער איז זיך מודה, אַז

ווען ער איז געווען יינגער, ווען ער האָט נאָך אָנגעפּירט מיט זיין קלעזמערישער קאַפּעליע אויף חתונות אָדער בעלער ביי די פּריצים און ביים שפּילן טעאַטער אויפן סטאַוו, האָט ער וועגן די הימלען נישט געטראַכט. זישע איז זיך אויך מודה, אַז נאָך אַלעמען קוקט ער זיך אַרום, וואָס ס׳טוט זיך אינעם מאַרק. ער האָט ליב צו זען, ווי יידן איילן זיך אין די ערב־שבתים, דערפאַר האָט ער אים, פּנחסן, דעם לעצטן פרייטיק דערשנאַפּט. פריער, פאַרן רופן אים, האָט ער אים גוט באַטראַכט. ער האָט געזען, ווי ער גייט אַליין אַ פאַרטראַכטער, איז אים, זישען, געקומען אויפן זינען, אַז אפשר איז די סיבה פון זיין קומען צוריק אַהיים נישט בלויז דאָס, וואָס ער, פּנחס, האָט זיך פאַרבענקט נאָך זיין פאָטער און משפּחה, נאָר מער נאָך — זיין פאַרבענקטקייט נאָך זיין אייגענעם יונגן לעבן, וואָס ער האָט דאָ אין שטעטל איבערגעלאָזט...

זישע האָט צוגעלייגט זיין האַנט צום געקאַרבטן שטערן בעתן קוקן אויף פּנחסן מיט קרובישער נאָענטקייט. ער האָט געזוכט צו דערמאָנען זיך אין עפּעס, וואָס ער האָט געטראַכט ביים דערזען אים דעם לעצטן פרייטיק. ביים ערשטן בליק אויף אים האָט ער זיך דערמאָנט יענע צייט, וואָס גלייך נאָכן אַרויסגיין פון דער טורמע, ווען ער איז אַנטלאָפן קיין אַמעריקע. זישע געדענקט עס, ווי דאָס וואָלט ערשט נעכטן געווען און שטיפעריש־קלעזמעריש האָט ער געפרעגט, צי אין אַמעריקע אַרבעט מען עפּעס אויף אַ פאַרטל קעגן טויט. אָדער אפשר זענען די אַמעריקאַנער אַזוי פאַרהאַוועט און פאַריאָגט מיטן „מאַכן אַ לעבן", אַז זיי האָבן נישט קיין צייט צו טראַכטן וועגן „אַזעלכע נאַרישקייטן".

זישע וויל אויך וויסן, צי ער ווייסט, וואָס יידן האָבן דאָ איבערגעלעבט זינט זיין אַוועקפאָרן פון דאַנען: סיי אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע, און שפּעטער אין דער וועלט־מלחמה מיט אַלע אירע פּורעניותן — אַז איבערלעבן אַ טאָג איז געווען שווערער ווי קריעת ים־סוף. איצט, אַז די פּאָליאַקן האָבן דערלעבט, און זייער „אויטשיזנע" (פאָטערלאַנד) איז אויסגעלייזט געוואָרן פונעם מאָסקאָלס הענט, איז די יידן ערשט ביטער ווי דער טויט. אַמאָליקע צייטן האָבן יידן דאָ, ווי אין גאַנץ פּוילן, געלעבט

צווישן זייערע קריסטלעכע שכנים, ווי מענטשן צווישן מענטשן. זיי, די גוים, האָבן די ייִדן גערופן „סטאַראָזאָקאָננע" — אַלטגלויביקע, פונעם אַלטן שניט, ווי מען זאָגט דאָס. זיי האָבן נישט נאָר דרך־ארץ געהאַט פאַרן „ראַבין", נאָר פאַר אַלע ייִדן. סיי די אייגענע שטאָט־גויִם, סיי אויך די פּויערים פון די אַרומיקע דערפער, האָבן געוווסט, אַז די שטאָט מיטן מאַרק ביזן קאָשטשאָל געהערט צו ייִדן. זיי זענען געקומען אויף די מאַרק־טעג יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק מיט אָנגעפּאַקטע וועגענער פון כּל־טוב: מיט הויכע זעק קאָרן און ווייץ, מיט פולע קויבערס גרינסן און פּרוכטן, נאָך מיט פרישן טוי אויף זיי. די ריחות האָבן פאַרשמעקט די לופט אַרום דעם מאַרק, אַזש מען האָט דאָס דערפילט אין אַלע אָפענע געוועלבער. דאָס מעקען פון די קי און די קעלבער, דאָס פריילעכע הירזשען פון די פערד ביים אויפהענגען אויף זייערע העלדזער די טאָרבעס מיט האָבער און שעצקע, אַפילו דאָס קוויטשען פון די געבונדענע חזירים אויף די וועגענער מיטן אויסגעבעטן פריש־געלבלעכן שטרוי, איז אונדז אויך געווען היימישלעך. עס האָט עפּעס ווי געהערט צום רומל. טראָץ אונדזער שטאַרקן ווידערווילן צו די „דבר אַחרס" — מילא, דאָס גאָדערן פון די גענדז, דאָס קוואַקען פון די קאַטשקעס און דאָס קרייען פון די הענער איז אונדז זיכער נישט געווען דערווידער. אַדרבא: די אַלע קולות, אויסגעמישטע מיטן שטילן קוואָקען פון די הינער, האָט דאָך אַפילו אין די וואָכעדיקע טעג, שוין דערמאָנט אין די שיינע שבתים און ימים־טובים.

נאָך דעם ווי די פּויערים האָבן פאַרקויפט צו די ייִדן אַלץ, וואָס זיי האָבן געבראַנגט אויף די פורן, זענען אַלע געוועלבער און קראָמען אָנגעפילט געוואָרן מיט די פריילעכע פּויערים, אַ סך פון זיי מיט די קליינע, פאַרשפּיצטע, גרין־פּליושענע קאַפּעליושלעך מיט די געפאַרבטע פעדערן, ווי די פאַרביקע קרויינען פון די הענער. די יונגע פּויערטעס זענען געווען אָנגעטאָן אין ברייטע ספּאָדניצעס מיט רויטע סטענגעס און ענג־געפּאַסטע העל־בלויע סאַמעטענע בלוזקעס, מיט גרינע און רויטע בענדער אַרום זייערע אַרויסשטאַרנדיקע בריסטן. מיט נאָענטער היימישקייט האָבן די פּויערים זיך געקלאַפּט אין די אָפענע דלאָניעס ביים אויסדינגען זיך

מיט זייערע אַלט־באַקאַנטע שטעטלדיקע קרעמער. זיי פלעגן איינקויפן אַלע סחורות, פון אַ נאָגל ביז בעטן, טישן, שענק און בענק; פאַרשידענע קליידער: צייגענע אָנצוגער פאַרן אינדערוואָכן און גוטע מלבושים פאַר די זונטיקס און חגאות צו טראָגן אין די קאָשטשאָלן, און אויך האַרמאָניקעס און מאַנדאָלינעס פלעגן זיי איינהאַנדלען ביי זישען אין געוועלב דאָ אונטן. די רייכערע פויערים פונעם נאָענטן דאָרף דרעווגע, זיינע אַלטע גוטע קומעס, האָבן קיין מאָל נישט פאַרגעסן צו ברענגען פאַר זייער באַליבטן מוזיקאַנט געגנדזענע אייער, די גרייס ווי מענערישע פויסטן. טייל מאָל האָבן זיי אים געבערענגט אַ מתּנה אַ רויטלעך ערדערן טעפּעלע מיט פרישער פּוטער, צוגעדעקט ציכטיק־שיין מיט גרויסע גרינע בלעטער, ווי געהאַפּטענע זיידענע שפּיצן. אַ מאָל גאָר האָבן זיי אים געבראַכט אַ ווייס קעזל, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ האַרץ, אַרומגעוויקלט מיט ברייטע גרינע וואַסער־בלעטער.

פון זיינע פּריצים אין די הויפן, ווו זיין קאַפּעליע פלעגט שפּילן אויף בעלער און חתונות, איז דאָך נישט געווען פון וואָס צו רעדן. זיי פלעגן דאָך אים צושיקן אויף יעדן ייִדישן יום־טוב דאָס שענסטע ווייסע מעל, אַ מאָל אַ פעט אויסגעפּאַשעט יונג גענדזל אויף פּסח. דער באַלטיוועך דוכּוס פלעגט אים צושיקן אויף יעדן פּורים אַן עמער אָקאָוויט פון זיין גאָזשעלניע, איז וואָס האָט אים טאַקע דעמאָלט געפעלט? ער, זישע, האָט געלעבט ווי אַ גראַף. ס'איז טאַקע אמת, אַז פונעם בלויזן שפּילן אין דער קאַפּעליע קאָן מען האָבן וואַסער אויף קאַשע, דערפאַר האָבן טאַקע די מיינסטע מוזיקאַנטן אויך זייטיקע פּרנסות. צרות האָט ער געהאַט נאָר מיט די עטלעכע קבצנישע קלעזמאָרים פון דער קאַפּעליע, די פידל־סעקונדאַנטן זיינע, וואָס האָבן קיין מאָל נישט פאַרדינט קיין זייטיקן גראָשן. זיי האָבן זיך מיט דער פּרנסה פאַרלאָזט אין גאַנצן אויף קלעזמעריי. קיין גרויסע קינסטלער זענען זיי נישט געווען, האָבן זיי דערפאַר געקראָגן בלויז צו אָנדערטהאַלבן גראָשן פונעם פאַרדינטן גילדן. מילא, אַ גאַנצע וואָך זענען זיי שוין ווי עס איז דורכגעקומען, מ'האָט אַדורכגעשטופּט די בידע. אַ ביסל האָבן צוגעהאָלפן די קצבישע קלעזמאָרים מיטן צושיקן צו

זיי עטלעכע מאָל דורך דער וואָך אַ האַלבע לונג־און־לעבער, עטלעכע פליישביינער, אַ וואַמפּ, אַ מילץ, עטלעכע קעלבערנע פיסלעך, אַ שטיקל קעלבערינס פון אַ בן־פקוע, (אַ געפונען קעלבל אין אַ געשאָכטענער בהמה). אמת, דאָס איז אַזאַ קלעפּעדיק קעלבערינס, וואָס נאָכן אָפּקאָכן, מוז מען עס עסן זייער שנעל הייסערהייט, כדי די צונג זאָל נישט בלייבן צוגעקלעפּט צום גומען ווי מיט טריוואַקס. אַ לייטישע בעל־הביתטע וויל אַפילו נישט קוקן אויף דעם, מ׳זאָל איר אָפּגילטן. די קצבים פּאַרקויפן עס פאַר אַ שיבוש צו די אָרעמע טאַנדעטניקעס, שניידער און שוסטער. אָבער ווי זאָגט מען: אַ געשענקט פערד קוקט מען נישט אין די ציינער אַריין.

אָבער וואָס טוט מען מיט די אָרעמע קלעזמאָרים אין די שבתים און ימים־טובים? מוז אים, זישען, דאַרן דער קאָפּ, און ער דאַרף אונטערשטופּן יעדן פון זיי עטלעכע עקסטרע פאַר גילדן. ערשטנס, איז דאָך אַ ביטערער רחמנות אויף זיי, און אויסער דעם — האָט ער דאָך נישט געקאָנט ברענגען זיי צו די פּריצים אין די הויפן אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע ווי בעטלער.

ווען זיי פלעגן אַריינקומען צו אים דאַנערשטיק, אָדער אָן ערב יום־טוב, האָט זיי שיינדעלע ע״ה אויפגענומען מיט אַ ברייטן „סקאָצל־קומט!״ זי האָט זיי פאַרבעטן זיך זעצן ביים טיש, זיי מכבד געווען מיט כיבוד: פרישע מאָנקיכלעך אָדער מאַנדלברייטלעך צום פאַרבייסן נאָכן אויסטרינקען די קעלישקעלעך ווישניק.

זישע איז דאַן צוגעגאַנגען צו דער שאַנק, האָט אַרויסגענומען, מכלומרשט, דאָס לאַנגע בוך מיט די שוואַרצע טאָוולען, געמאַכט דאָס מיט אַ מינע, ווי ער פאַרשרייבט דאָס ווי אַ קאָנטע — אַ מאָל, הייסט עס, וועט ער זיך מיט זיי צערעכענען, כדי חס־וחלילה, זיי נישט צו פאַרשעמען, אַז זיי נעמען ביי אים קיצבה. ווייל צו אַלדי גוטע יאָר זענען זיי נאָך האָנאָראָווע, ווי אמתע פּריצים.

זישע האָט דערביי דערמאָנט פנחסן די איינגעפלאָנצטע מידה אינעם שטעטל: „היינטער אונדזער מזוזה ווערט קיינער נישט מבוזה״... נישט

אויסגערעדט זאָל עס זיין — אויף יעדן פּסח האָט ער פאַרזאָרגט זייערע קינדער מיט קליידונג פון קאָפּ ביז פוס.

אין שטעטל האָט מען געמיינט, אַז זישע, דער שטענדיק לאַכנדיקער מיט די בלויע, גנבישע אייגעלעך, דער פריילעכער שטיפער, וואָס האָט אויף חתונות געקנייפּט די מיידלעך קונציק, מיטן סמיטשיק אין האַנט, בעתן טאַנצן די קאַדרילן און טשאַרדאַשן — אַז דערפאַר גיט ער צדקה מיט אַ ברייטער האַנט, כּדי אויסצוקויפן זיך ביים רבונו־של־עולם פאַר זיינע באַגאַנגענע זינד. ס'איז אָבער אַ טעות, אַ בילבול, ס'הייבט זיך נישט אָן און ס'לאָזט זיך נישט אויס. דאָס איז אים אפילו נישט געלעגן אין דער לינקער פּאה ביים טאָן טובות זיינע אָרעמע אָדער אַנדערע נויט־באַדערפטיקע ייִדן. צוריק־געשמועסט, קאָן זיין, אַז דאָס גאַנצע „חלה־נעמען” ביי די מיידלעך איז מער נישט געווען ווי אַ פאַרטל אַזאַ — צו פאַרטרייבן זיינע דעמאָלטיקע שווערע זאָרגן.

אמת, קיין גרויסער צדיק אין פעלץ איז ער נישט געווען. טאַקע דערפאַר זענען דאָך די צדיקים קיין קלעזמאָרים נישט... און אַז מען וויל — האָט זישע אַ ווונק געטאָן מיטן רעכטן אויגל — איז עס דאָך ביי די קלעזמאָרים אַ מינהג אַזאַ, נאָך פון גאָר אַלטע צייטן נאָך, און ביי אונדז ייִדן זאָגט מען: „אַ מינהג ברעכט אַ דין”. און דערצו, וואָס איז זייער נשמה, אַ ראַזשינקע? ער קאָן פּנחסן שווערן ביי אַ ספר־תורה, אַז זינט ער איז אַ קלעזמער, שוין איבער אַ שאָק מיט יאָרן, האָט ער נאָך קיין אשת־איש, חלילה, קיין קניפּ נישט געגעבן. אַוודאי, דאָס רעדט זיך נאָר וועגן אונדזערע אייגענע ייִדישע חתונות. וועגן פאַרטשעפּען זיך מיט פּריצעטעס? אויף פּריצישע בעלער אין די הויפן איז דאָך דאָס פּשוט נישט מעגלעך געווען, אויס מורא פאַר זיי, מען זאָל אים נישט דערשיסן, אָבער אַ מאָל, אויף אַ רייכער פּויערישער כאַסלערע, מיט היימישע צוגעלאָזע־נע שיקסעס, האָט געקאָנט טאַקע טרעפן, אַז מ'האָט זיך פאַרגעסן, ווו מען האַלט אין דער וועלט... ער איז דאָך נישט מער ווי אַ קלעזמער, נעבעך. וואָס האָט ער געקאָנט טאָן, אַז דאָס קלעזמעריי איז אַזאַ זינדיקע פּרנסה, נישט געדאַכט זאָל דאָס זיין. דעריבער פלעגט ער טאַקע יעדן מוצאי

יום־כּיפּור אַהיימקומען פון דער שול מיט אונטערגעהאַקטע זייטן פון דעם בוכצען זיך ביי די „על חטאס".

ס'איז אַן אַלטע חזקה ביי דער קאַפּעליע אין שטעטל, אַז די קלעז־מאָרים פון זיין טאַטנס צד שפּילן אויף די פידלען, פלייטן, קלאַרנעטן און באַסן, און די קלעזמאָרים פון דער מאַמעס צד — די מיינסטע זענען זיי קצבים פון דור דורות — שפּילן אויף די גרויסע מעשענע, בלאָזנדיקע כלים. זיי זענען איינער מיטן אַנדערן געקניפּט און געבונדן. די־אָ זענען שוין נישט געבליבן שטיין ביים בלויזן „חלה נעמען", זיי זענען געגאַנגען אַ ביסל ווייטער, ווען ס'האָט זיך זיי נאָר אונטערגערוקט אַ כּשרע מציאה. אוי, וועט מען זיי שמייסן אויף יענער וועלט!

אָבער כּדי פּנחס זאָל נישט מיינען, אַז די גאַנצע קאַפּעליע באַשטייט פון לויטער נאַשערס, האָט אים זישע מסביר געווען, אַז דאָס איז אפשר נאָר דערפאַר, ווייל זיי שפּילן ווי די פרייע פייגל אינעם וואַלד, אָן שום נאָטן. אַן אויסנאַם אין זייער קאַפּעליע איז דער פידלער ראובעלע. ער איז דער איינציקער קענער פון נאָטן אין דער קאַפּעליע. ער שפּילט אויף זיין רויטלעך פידעלע מיט אַזאַ זיסקייט און האַרציקייט, ווי דוד המלך פלעגט שפּילן אויף זיין האַרפּע. ער, ראובעלע, איז בעתן שפּילן שטאַרק פאַרטאָן אין די בלעטער מיט די נאָטן, וואָס זענען אויס ביי זיינע מוזיקאַנטן אין דער קאַפּעליע, ווי שווימענדיקע קאַטשקעלעך אויפן טייך. ער היט אָפּ אויסצושפּילן געטריי יעדעס פּערטעלע און אַכטעלע, וואָס ער קלאַפּט אויס מיטן רעכטן פוס זיינעם — אַזש ביז אַ פיר־און־אַכציקסטל פון אַ טאָן. ראובעלע איז ביים שפּילן אַזוי פאַרטיפט אין די נאָטן־בלעטער זיינע, ווי אַ פרומער בעל־קורא, להבדיל, ביים לייענען די תורה. דערפאַר קאָן געמאָלט זיין, אַז די טענער פון זיין פידעלע זאָלן אַרויסקומען טרויעריקע און פאַרוויינטע. ער איז אין דעם פאַרקאַכט נישט נאָר מיט די אויגן, נאָר מיטן גאַנצן לייב־און־לעבן, אַז ער קוקט זיך גאָרנישט אום ווער עס טאַנצט, נקבות אָדער מאַנצבילן. דערפאַר איז נישט קיין ווונדער, וואָס בעת זיין שפּילן ביי אַ כּלה־באַדעקנס, ווער שמועסט נאָך ווען די כּלה איז אַ יתומה — זענען די געוויינען און יללות, ווי ביי אַ לוויה, זאָל גאָט

אליעזר קופערמאַן

אַפּהיטן! ווען דער בדחן, דער לאַנגער דוד מיט דער נידעריקער באַם־שטים, ווען ער גיט אַ זאָג מיט זיין פאַרטרויערט פּנים און פאַרמאַכטע אויגן: „וויין זשע, כּלהשי, וויין, ביסט דאָך מלא חן, דיינע טרערן פּאַסן דיר אַזוי שיין, אַז ס'האַרץ טוט צעגיין, ווי שניי אין זונען־שיין" — דעמאָלט ברעכן אויס די ווייבער אין אַ יאָמערלעך געוויין. וויפל, ער, זישע, זאָל נישט האָבן געוועין ווינקען און פאַכען מיט זיין סמיטשיק צו שיע־יעקלען, דעם פריילעכן פידלער, אַז ער און די גאַנצע קאַפּעליע זאָלן אַזוי אַ פיר־טאָן מיט זייערע סמיטשיקעס און טראָמפּייטן, לעבעדיקער און פריילעכער שפּילן, און דערמאָנען די ווייבער, אַז ס'איז אַ חתונה און, חלילה, נישט קיין לוויה — האָט עס געהאָלפן ווי אַ טויטן באַנקעס. וויל זיי, די ווייבער, האָבן זיך באַלעקט מיט זייערע געזאַלצענע טרערן, וואָס זענען פון די אויגן־ווינקלען גערונען אין זייערע אָפענע מיילער אַריין. זיי האָבן הנאה געהאַט פונעם וויינען, ווי זיי וואָלטן נאָך אַ מאָל איבערגעלעבט זייער אייגענע חתונה...

דערפאַר אָבער, ביים פירן חתן־כּלה איבערן מאַרק צום שולהויף, צום קיילעכיקן ווייסן שטיין, ווו מען שטעלט אין שטעטל די חופּה, האָט די גאַנצע קאַפּעליע זיך צעפירט די הענט, ווי פריילעכע ציגיינער. ווער מיר נאָטן, וואָס מיר נאָטן? ווער דאַרף דאָס? זיי האָבן געריבן אויף די פידלען און די באַסן מיט די גאַנצע סמיטשיקעס אויף אַלע סטרונעס. די שוואַרצע פייגע האָט געטאַנצט מיט דער אויפגעהויבענער חופּה־חלה קעגן די געפירטע חתן־כּלה, ווי אַ סגולה פאַר פּרנסה. די קצבים־קלעזמאָרים מיט זייערע שטאַרקע ברוסטן האָבן געבלאָזן אין די טראָמפּייטן און קלאַרנעטן מיט אַזאַ רעש און אימפּעט, גלייך ווי דאָס וואָלט געווען אַ מאַרש, געשפּילט פון דורכגייענדיקע רוסישע זעלנער. זעליג קופּע, דער וואַסערטרעגער, האָט געזעצט אין דער פּויק, געקלאַפּט מיט די צוויי מעשענע טאַצן מיט אַזאַ ראַזמאַך, שטאָלץ מיט דעם, וואָס ער איז אויך אַ קלעזמער און נישט בלויז קיין פּראָסטער אַבי־ווער, אַ וואַסער־טרעגער.

דעמאָלט האָט אָפּגעהילכט דאָס שפּילן נישט נאָר איבערן מאַרק, נאָר

מען האָט דאָס געהערט אַפילו אין אַלע אַרומיקע געסלעך, און אפשר גאָר איז דער רעש דערגאַנגען אַזש אין די נאָענטסטע דערפער.

נאָך דער חופה, בעת דער חתונה־סעודה, האָט מען דערלאַנגט דעם חתן די גאָלדענע יויך. אַלע מחותנים, אָרעם און רייך, ווי גלייכע יחסנים, זענען געזעסן ביי די לאַנגע געדעקטע טישן. די ברוינגלאַנציקע חופה־חלה איז צעשניטן געוואָרן דורכן שמש־ראשון, ר׳ שמאילע. ער האָט יעדן איינעם דערלאַנגט אַ מוציא־חלה. די אינעווייניקסטע געלקייט פון דער חלה האָט געבלענדט ווי ריינער גאָלד. אַלע האָבן געגעסן פון כל־טוב. די אָרעמע, ווי די רייכע, האָבן זיך געפילט ווי גלייכע מחותנים, אחוץ די עטלעכע לומדים מחותנים, וואָס האָבן געפּראַוועט די שבע־ברכות און זענען געזעסן לעבן חתן־כלה, ביי אַלעמען האָבן געשיינט די פּנימער מיט חתונה־פרייד און הנאה פון דער מיצווה משמח צו זיין חתן וכלה.

דעמאָלט האָט שיע־יעקל אַ נעם געטאָן זיין פידעלע מיטן דינעם בויגן, זיינע פלינקע פינגער האָבן ווי געטאַנצט אויף די סטרונעס. ער האָט אויסגעשפּילט די רומענישע וואָלעכלעך, און אויף דער דינער לעצטער סטרונע אויסגעפייפט, ווי אויף אַ פייפעלע, די שענסטע פאַסטעך־לידער. יעדן האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אָט באַשיימפּערלעך זענען זיי אים, דעם באָרוועסן פאַסטעך, מיטן גרינעם פרישן צווייגן־פייפל, ווי ער פירט זיין טשערעדע שעפסן אַרונטער פון די משופּעדיקע גרינע בערג, און דער זון־אונטערגאַנג פאַררויטלט די שאָף־הערנער, ווי גאָלדענע מיידלשע לאָקן.

דער גאַנצער עולם מחותנים האָבן דעמאָלט פאַרגעסן די פולע טעלער מיט די געדעמפּטע פליישן, מיט דער געפילטער קישקע, און האָבן געקוקט ווי פאַרגאַפטע אויפן פאַרחלומטן, אויסגעדאַרטן, בלאַסן, פריילעכן קלעזמער שיע־יעקלען, וועלכער האָט זיך געבויגן ווי אַ לולב און געשפּילט מיט פאַרמאַכטע אויגן.

שיע־יעקל פלעגט זיך אויפכאַפּן ווי פון אַ זיסן חלום, עפענען די אויגן מיט אַ קינדישן שטיפערישן שמייכל קוקן אויף זיין פידל, אַ פיר טאָן שנעל מיטן סמיטשיק איבער די סטרונעס אַרויף אַ״ן אַראָפּ אין אויפשפּילן אַ היימיש־פריילעכע האָפּקע.

די גאַנצע קאַפּעליע האָט אים אונטערגעהאַלטן מיטן ברען. די קצבישע קלעזמאָרים האָבן, ווי דערפרישטע פון שיִע־יעקלס לויטערע טענער, אויך געוויזן וואָס זיי קאָנען.

פּנחס האָט מסכּים געווען, אַז זישע האָט זיך גאָרנישט וואָס צו שעמען מיט זיין קלעזמערישער קאַפּעליע און מיט די קצבישע קלעזמאָרים פון זיין משפּחה.

# קאַפּיטל פיר

ביידע, זישע און פּנחס, האָבן אין גאַנצן פאַרגעסן אין עסן, ביז פּנחס האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט אַ קוק געטאָן אינעם מאַרק אַריין, געוויזן זישען, ווי דער מאַרק איז אין גאַנצן כמעט אָן אויסגעליידיקטער פון וועגענער און מענטשן.

ליכטפאַסן פון דער פאַרגייענדיקער זון אינעם מערבדיקן שולגעסל אַנטקעגן האָבן זיך גערויטלט אויף די שויבן פון די הייזער אַרום. ייִדן, אין לאַנגע זומערדיקע מלבושים, זענען שוין געגאַנגען אין די בתי־מדרשים דאַווענען מנחה־מעריב.

זישע האָט געבעטן פּנחסן צו פאַרבלייבן מיט אים אויף וועטשערע, וואָס זיין שנור זעלדעלע וועט באַלד אָנגרייטן.

„וועגן דיין היים" — האָט ער אים געזאָגט, — „דאַרפסטו זיך נישט זאָרגן. כ'וועל גלייך אָריבערשיקן מיין ישׂראל־איטשען צו דיין טאַטן מיט דער מומען, זיי פאַרבעטן אַהערצוקומען, און דערווייל וועל איך דיר אי־בערגעבן וואָס ס'איז דאָ געשען, זינט דו ביסט אַוועק קיין אַמער־קע".

ביי פּנחסן וואָלט ער דאָס לייכט געפּועלט, ווייל, ווי האָט ער אים גע־זאָגט בעתן אויפשטעלן זיך:

„גלייבט מיר, מיין טייערער זישע, אַז כ'וואָלט מיט אייך געזעסן טעג און נעכט און נישט מיד געוואָרן צו הערן די אַלע געשעענישן, וואָס זע־נען דאָ פאָרגעקומען זינט מיין אַוועקפאָרן פון דאַנען. דערווייל זע איך, אַז די ייִדן דאָ זענען פאַרדאגהט, פאַרחושכט. ס'איז געננוג אַ קוק צו טאָן אויף זיי, כאַפּט אָן אַ שוידער. ווען איך פּאַק נישט אַזאַ טייערן אוצר ווי איר, וואָלט איך גלייך נאָכן טאַטנס הבדלה, מוצאי־שבת, אַנטלאָפן קיין וואַרשע. דאָרטן, אין דעם גרויסן טומל, זעט זיך נישט אָן אַזוי בולט דער דלות, ווי אין די קליינע שטעטלעך. כ'האָב געהאַט בדעה אַזוי צו טאָן און

אַהיימקומען נאָר אויף די שבתים. זיי, די שבתים, האָבן זיך נישט גע־ענדערט".

און נאָך אַ ווײַלע האָט ער זיך געווענדט צו זישען:

„כ'זע אין אײַער שאָקלען מיטן קאָפּ, אַז איר טראַכט בײַ זיך: אָט, דאָס זענען זיי, די אַמעריקאַנער ייִדן, גיבן געלט פֿאַר העלפֿן ייִדן, — אַדרבא, אָבער מיטלײַדן מיט הארץ און נשמה, אַפֿילו בלויז די עטלעכע וואָכן, וואָס זיי פֿאַרברענגען דאָ אין שטעטל — אויף דעם זענען זיי קיין בעלנים נישט".

זישע האָט אָפּגעזיפֿצט, צעשפּרייט די הענט מיט די אָפֿענע דלאָ־ניעס, ווי ער וואָלט פּנחסן געענטפֿערט אויף שטום־לשון: „פֿאַרפֿאַלן, דאָס איז עס!" ביים זאָגן זישען „אַ גוטע נאַכט", איז פּנחסן באַפֿאַלן אַ פֿאַר־דראָס צו זיך. אפשר האָט ער זישען וויי געטאָן מיט אָט די אָפֿענע רייד. ער האָט אָבער געזוכט זיך צו באַרויִקן, אַז במשך פֿון די צוויי טעג, וואָס פּנחס האָט פֿאַרבראַכט מיט זישען, זענען זיי געוואָרן צוגעלאָזן איינער צום אַנדערן, און מסתּמא, דאָס האָט טאַקע גורם געווען, אַז ער זאָל זײַן צו אים אָפֿנהאַרציק.

זישע האָט פּנחסן צוגעפֿירט ביז צו די שטיגן און בײַזלעך אים אַ פֿרעג געטאָן:

„זאָג נאָר, ווען פֿאָרסטו קיין וואַרשע?"

„ניין, איך פֿאָר נאָך נישט" — האָט אים פּנחס געענטפֿערט, — „אויב ס'איז אײַך ניחא, קום איך מאָרגן אין דער פֿרי ווידער צו אײַך".

בײַ זישען האָט אויפֿגעשײַנט דאָס פּנים:

„ביסט בײַ מיר אײַנגעבאַקן אינעם האַרצן ווי אַן אייגן קינד. גראָד דײַנע אָפֿנהאַרציקע רייד צו מיר, וואָס וואָלסט זיי אפשר אַפֿילו דײַן איי־גענעם טאַטן נישט געזאָגט, איז דער בעסטער באַווײַז, ווי ליב דו ביסט מיר. קום צו מיר ווען דו ווילסט נאָר, אַפֿילו אין מיטן נאַכט. כ'וויל זאָלסט וויסן, אַז די טיר פֿון מײַן שטוב איז שטענדיק אָפֿן פֿאַר דיר".

אויפֿן וועג אַהיים איז פּנחס פֿאַרבײַגעגאַנגען זײַן פֿאָטערס הויז. פֿון דער גרויסער שטוב מיט די לאַנגע פֿענצטער אַנטקעגן דעם שאָסיי האָט זיך געטראָגן אַ שײַן פֿונעם גרויסן הענגלאָמפּ, וועלכע האָט באַלויכטן דעם

דורכגאַנג־וועג, וואָס פאַרקירעוועט זיך צום בית־עולם, און אַ ביסל ווײַטער, אויפֿן בערגל אַרויף, צום לאַנגן טיפֿן וואַלד. דאָס שטובליכט האָט באַלויכטן דעם דורכגאַנג, און עס האָט האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט אַרײַן אין אַ פּירעקיקן ליכטיקן זאַל. ער איז אַדורך, מיטן נאָכבאַגלייטנדיקן שאָטן הינטער זיך. פאַרטאָן אין מחשבות האָט פּנחס מיט אַ מאָל דערפֿילט, אַז ער איז דאָ אַ פרעמדער, אַ דערווייטערטער, אַפֿילו צו די אייגענע, צו די נאָענטסטע.

אַרומגענומען פֿון דער בין־השמשותדיקער דעמערונג האָט פּנחס געקוקט צום רויטן ליכטפּאַס ביים האַריזאָנט, צווישן בית־עולם און דעם וואַלד, וואָס האָט באַלויכטן מיט אַ רויטלעך ליכט די טונקעלע שאָטנדיקייט פונעם שליאַך — עפּעס, ווי אַ שפּיל פֿון נישט טאָג און דאָך נישט פולע נאַכט.

פּנחס איז פאַרבייגעגאַנגען דעם בית־הקברות. אויפֿן בערגל צו רעכטס האָבן די מצבות זיך געשאָטנט אין דעם רויטלעכן ליכט פונעם האַריזאָנט. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער דאַרף מאָרגן גיין אויף קבר־אָבות צו זיין מאַמעס קבר, וואָס געפינט זיך ביים געבויגענעם בערגל אַרונטער, לינקס. ער האָט אָנגעשטרענגט זיין בליק, ווי ער וואָלט געזוכט איר מצבה, און עס האָט פאַר אים ווי זיך אויסגעשיילט פון דעם זונפאַרגאַנג איר דינער גוף מיטן לענגלעכן, העלן פּנים מיט די זומער־שפּרענקעלעך, מיט אירע גרויסע בלויע אויגן, וואָס האָבן געקוקט אויף אים, איר זעקסיאָריקן בן־יחיד, צום לעצטן מאָל.

פּנחס האָט נאָך אַ מאָל איבערגעלעבט יענעם אלולדיקן שבת־פאַרנאַכט, ווען זי איז פּלוצעם קראַנק געוואָרן אויף דער כאָליערע, די מגפה וואָס האָט דעמאָלט געבושעוועט אין שטעטל. ער געדענקט גוט, ווי מען האָט אים יענעם שבת־צונאַכטס אַריבערגעפירט צו דער מומע רויזע, וואָס האָט געוווינט אינעם אַנדערן האַלבן הויז. פּנחס האָט געזען, ווי די שטאַרקע ווייבער און די הויכע ייִדן, וואָס מען האָט זיי גערופן די „רייבער", זענען געקומען ראַטעווען דער מאַמען מיטן רייבן די איינגעקאָרטשעטע גלידער מיטן שטאַרקן ספּירט און מיט לייגן הייסע טיכער, וואָס זיי האָבן אַרויס־

געצויגן פון קאָכיקן וואַסער. און ער, וואָס האָט שוין געלערנט גמרא ביים מלמד ר׳ ישעיהלע, איז דעמאָלט געשטאַנען די גאַנצע נאַכט ביי דער אַנטקעגנאיבערדיקער טיר מיט אַ תּהילים אין זיין הענטל און געזאָגט מיט אַ העשנדיק געוויין דאָס קאַפּיטל „תּפילה למשה״. זיין קינדיש געוויין איז געווען פול מיט אַנגסטלעכער שרעק פון די געשרייען, וואָס האָבן זיך גע־טראָגן פון אַלע זייטן. צו מאָרגנס איז ער נאָכגעגאַנגען נאָך דער מיטה פון זיין מאַמען ע״ה.

פּנחס איז פאַרביי דעם וואַלד, זיך דערמאָנט אין זיינע אַמאָליקע שפּאַצירן דאָ מיט זיינע חברים, בית־המדרשניקעס, ווי זיי האָבן געקליבן די שיינע שמעקנדיקע שלאָפּעפּעלעך, וואָס האָבן אין זיינע אויגן אויסגעזען ווי די געמאָלטע ביימעלעך פון דער מערת־המכפּלה אויף די שער־בלע־טער פון אַלטע מחזורים.

ער האָט זיך אויך דערמאָנט ווי אין עלטער פון זעכצן יאָר האָט ער שוין אין דער טיפעניש פונעם וואַלד געהאַלטן זיינע ערשטע, פייערדיקע רעוואָלוציאָנערע דרשות, שטייענדיק אויף די פּניאַקעס פון אונטערגעזעג־טע ביימער.

ביים אומקערן זיך צוריק אַהיים, אַראָפּגייענדיק פונעם באַרג, לעבן עק וואַלד אויפן פרייען שליאַך אַרויס, האָט זיך די בלאַסע לבנה ווי גע־שפּילט אין באַהעלטערלעך מיט אַ העל־טונקעלן וואָלקן איבער איר. אָט האָט דער וואָלקן זי געפּאַקט און פאַרדעקט, אָדער זיך געשפּאָלטן און געלאָזט איר אַראָפּקוקן מיט אַ האַלב־פאַררונדיקט אייגל.

פּנחס האָט געטראַכט וועגן זישען, וועגן זיינע פּערלדיקע מעשיות. פּנחס האָט נאָך אַלץ געהאַט עגמת־נפש ביים דערמאָנען זיך וועגן זיין וועלן אַנטלויפן פונעם גרויען, אומעטיקן לעבן אין שטעטל.

במשך די צען טעג, וואָס ער געפינט זיך אין שטעטל, האָט מען אים שוין פאַרבעטן צו דריי בריתן. מען האָט אים אויך פאַרבעטן אויף צוויי חתונות ביי ווייטע קרובים, וואָס ער געדענקט זיי קוים. דער בעל־עגלה איז „באַגליקט״ געוואָרן מיטן דאָלאַר, וואָס פּנחס האָט אים באַצאָלט פאַרן אָפּפירן אים מיט דער גאַנצער משפּחה פון וואָקזאַל צום פאָטערס הויז.

מיט דעם דאָזיקן דאָלאַר האָט מען געפּראַוועט אַ פּדיון הבן מיט אַ סעודה כשלמה בשעתו, מיט אַזאַ ברייטקייט, וואָס מען האָט אַפילו ביי דעם ביסל איבערגעבליבענע גבירים אין שטעטל שוין לאַנג נישט געזען.

אַט די שיפלות האָט פּנחס נישט געקאָנט סובל זיין, טראָץ דעם, וואָס ער פאַרשטייט גאַנץ גוט, אַז ס'איז נישט זייער שולד. זיי זענען קרבנות פון אַ שפלדיקן מצב, פון אַ רישעותדיקן עקאָנאָמישן באַיקאָט קעגן זיי מצד דער אַנטיסעמיטישער רעגירונג מיט איר לאָזונג „סוואָי דאָ סוואָגאָ" (איי־גענע צו אייגענע).

און אפשר, האָט פּנחס אין זיין וויכּוח מיט זיך אַליין אַ פרעג געטאָן, דאַרף מען גאָר קוקן מיט די אויגן און הארץ פון רבי לוי־יצחק באַרדיטשע־ווער און זען די גרויסקייט פון זיינע שטעטלדיקע יידן. זיי, די פּראָסטע בעלי־מלאכות, זעען נאָך אין אים זייער אַמאָליקע האָפענונג צו האָבן אַ רב אין זייער אייגענער משפחה. איז דאָך טאָקע זייער גרויסער רב אַליין אַ בעקערס אַ זון. איז, כאָטש זייער האָפענונג איז נישט מקוים געוואָרן, ווילן זיי זיך נאָך אַלץ נישט שיידן מיט זייער אַמאָליקן חלום. זיין אַוועקפאָרן פון דער אַלטער היים אויף אַזוי פיל יאָרן, האָט אפשר גורם געווען דאָס אויפ־האַלטן ביי די משפחה־מענטשן יענע בענקשאַפט פון אַמאָל. און אויב אַפילו זיי זענען בלויז אויסן צו באַקומען זיינע עטלעכע דאָלאַר, כדי צו באַשיי־נען דערמיט זייערע קינדערס שימחות, איז וואָס? דאָס זענען דאָך סוף־כל־סוף דערהויבענע יידן, וואָס אַפילו ווען זיי ליגן ביין איילן אין דער אדמה, זוכן זיי דערהייבונג. אָבער פּנחס איז שוין געוווינט געווען צום אַמעריקאַ־נישן לעבנס־שטייגער פון „מאשפות ירים אביון", ווו אַפילו דער שוכפוצער פילט זיין מענטשלעכע חשיבות און שטאָלץ, און דאָס האָט מסתמא גורם געווען זיין נישט פאַרשטיין זיי. יאָ! — האָט פּנחס געטראַכט — מיט זישען, דעם אַלטן, איינזאַמען, פאַרבענקטן, קלוגן און דאָך פריילעכן קלעזמער, וועט ער זיין אין שטאַנד צו פאַרטרייבן די מרה־שחורהדיקע, וואָכע־דיקע טעג זיינע — אַחוץ דער פייערלעכקייט פון די זעקס שבתים, וואָס ער וועט דאָ נאָך פאַרבלייבן.

ער האָט שטילערהייט זיך אַריינגעשאַרט אין שטוב. דער פאָטער זיי־

נער, דער הויכער און אויסגעגלייכטער, מיט זיין טונקל געזיכט און גרוי־סע ברוינע אויגן, האָט אים באַגעגנט ביי דער טיר מיט אַ שטילן ענטפער אויף זיין „גוט־אָוונט", — „אַ גוטן אָוונט דיר, מיין זון, וואָס עפּעס אַזוי שפּעט?" דערביי איז אין זיין קול געווען אַ געמיש פון פרייד און בייזקייט. מיט דער רעכטער האַנט האָט ער זיך געגלעט זיינע שוואַרץ־פאַרקיילעכ־דיקע וואָנצעס, וואָס האָבן זיך געדונדיקט ווי זיינע רויטלעכע ליפּן.

זיין יינגערע שוועסטער, דאָס הויך־שלאַנקע מיידל, וואָס איז שוין געווען פאַרקנסט, איז געזעסן אויסגעדרייט מיטן פּנים צום פענצטער, אויס־געפּוצט אין איר רויטלעך־באַטיסטן קליידל, אַ ביסל אָנגעדרודלט. אירע געטאָקטע גלידער און איר הויך־פאַרקעמטע, שאַטינענע פריזור האָבן גאָר בולט אַרויסגעבראַכט איר יונג־מיידלשן רייץ.

די מאַסיווע, ברייטלעכע שטיפמוטער, זיין מומע, ווי ער האָט זי גערופן, איז געשטאַנען ביים ווייסן קאַפלענעם אויוון. זי האָט זיך אויסגעדרייט צו פּנחסן און געפרעגט:

„ווו ביסטו דאָס נעלם געוואָרן ביז אַזוי שפּעט אין דער נאַכט אַריין? מיר וואַרטן שוין שעהן לאַנג אויף דיר מיט דער וועטשערע. דאָס געקעכטס איז שוין לאַנג איבערגעשטאַנען געוואָרן".

פּנחס האָט געבעטן פאַרגעבונג, געפּרווט זיך פאַרענטפערן צוליבן לאַנגן שפּאַציר. לכתחילה האָט ער געמיינט, אַז עס וועט נאָר געדויערן עטלעכע מינוט, אָבער אין דער שיינער, לבנהדיקער זומערנאַכט האָט ער זיך פאַרטראַכט אַ ביסל וועגן דעם שטעטל דאָ, און אויך וועגן זיין בענק־שאַפט נאָך ווייב און קינדער אין דעם שיינעם, באַרגיקן אַמעריקאַנער ניי־ענגלאַנדער שטעטל בעריבערי. האָט ער דעריבער פאַרגעסן צו קוקן אויפן זייגער און אַזוי זענען די שעהן אַוועקגעפלויגן.

די מומע דאַכע האָט מיט אַ פאַרגעבנדיקן טאָן, בעתן מישן מיטן לאַנגן הילצערנעם קאַכלעפל דעם רויטן באַרשט, ווי אונטערגעמורמלט:

„אַבי מיר האָבן געמיינט, אַז דו האָסט זיך אַזוי פאַרפּלאָפּלט דאָרטן מיט דיין קלעזמער, און פאַרגעסן, אַז דער זייגער שטייט נישט אויף איין אָרט".

דער פּאָטער האָט זיך אַריינגעמישט. ער האָט אויסגערעדט זיין ווייב פאַר איר רעדן לשון־הרע אויף זישען:

„וואָס איז ער שולדיק אין פּנחסעס לאַנגן שפּאַציר? יענער איז נע־בעך גאָט די נשמה שולדיק".

חוהלע האָט מיט פאַרדראָס געזאָגט צו פּנחסן:

„ליגסט אָפּ ביי זישען גאַנצע טעג און ביי אונדז אין דער היים ביסטו ווי אויפן שפּרונג. מיט מיר האָסטו נישט קיין צייט אַ וואָרט צו רעדן, ווער שמועסט נאָך — אַ פאַרנאַכטיקן שפּאַציר צו מאַכן, אָדער גאָר מיט מיר צו גיין אינעם קינאָ, וואָס האָט זיך ערשט געעפנט אויפן סטאַוו. אפשר וויל זיך די שוועסטער אַראָפּרעדן פאַר דיר פונעם שווערן האַרץ אירן?"

נאָכן בענטשן האָבן ביידע, דער פּאָטער און די מומע, אָנגעהויבן רעדן מיט פּנחסן וועגן זייער הסכּם מיט חוהלעס מחותּנים אויף אַ זמן חתונה, גלייך נאָך די דריי וואָכן — „דו זאָלסט נאָך באַוויזן צו זיין אויף איר חתונה, איידער דו פאָרסט אַוועק צוריק צו דיין ווייב און קינדער אין אַמעריקע". חוהלע האָט זיך דערביי האַסטיק אויפגעשטעלט פונעם טיש, די שטול, אויף וועלכער זי איז געזעסן, איז אומגעפאַלן מיט אַ הילכיקן קלאַפּ און זיך איבערגעקערט. זי האָט צוריק אויפגעהויבן די שטול, זיך אַנטשול־דיקט פאַר אַלע אין שטוב, געזאָגט „אַ גוטע נאַכט" — און אַוועק שלאָפן.

פּנחסן האָט שטאַרק אויפגערעגט חוהלעס האַסטיק אויפשטעלן זיך און איר איבערקערן די שטול בעת די רייד וועגן צואיילן דעם זמן־חתונה, און אויך אירע פאַראיבלדיקע ווערטער „הלמאַי ער גיט איר נישט די מעגלעכ־קייט", ווי זי האָט זיך אויסגעדריקט, „אפשר וויל זיך די שוועסטער אַראָפּ־רעדן פונעם שווערן האַרץ אירן?" און ער האָט געפרעגט:

„צי איז דאָס אַן אַרויפגעצוווּנגענער שידוך, ווייל איר ווילט זיך איינ־קויפן אין יִיחוס מיט די רייכע גרשון־העניכס פון הינטערן באַרג אין דעם טומאה־געסל?"

דעם פּאָטערס פּנים איז אַ ביסל בלאַס געוואָרן. ער האָט מיט זיין רעכ־טער האַנט אונטערגעלענט זיין באַק און אָנגעשטעלט זיינע אויגן אויפן

ווייב זיינס. זי, די מומע דאַכע, האָט זיך אַ וויש געטאָן, ווי איר שטייגער, מיט דער רעכטער האַנט איבערן מויל, און געזאָגט צו פּנחסן:

„מיין טאַטע־מאַמע, אין גן־עדן זאָלן זיי רוען, האָבן מיך אויך נישט געפרעגט ווען חתונה האָבן מיטן טאַטן דיינעם צו זיבעצן יאָר, ווען ער איז שוין אַלט געווען פינף און דרייסיק. איך האָב מיט אים, קיין עין־הרע נישט, פינף קינדער, זאָלן געזונט זיין, פיר מוידן, איינע שענער און לייטישער פון דער אַנדערער. צוויי פון זיי האָט מען חתונה געמאַכט, און נישט געפרעגט ביי זיי, און זיי לעבן ווי די טויבן".

פּנחס האָט זיך נישט געוואָלט אַמפּערן מיט איר, כדי נישט וויי צו טאָן זיין פאָטער, וואָס אין זיין תּמימות קאָן ער זיך נישט אויף דער ווייבערישער שלויקייט. ער וועט זיך דורכרעדן מיט זיין שוועסטער חוהלע און וועט זען אין וואָס די זאַך באַשטייט.

די מומע דאַכע האָט, ווייזט אויס, דערשנאַפּט אין זיין בליק, אַז זי האָט אים נאָך אַלץ נישט איבערדייבערט, האָט זי ווייטער ממשיך געווען:

„אַט נעם אונדזער ליטוואַק אין שטעטל: דער שפּיליטער ר' חנן, אַ טייערער ייִד, ציילט יעדעס וואָרט פון דאַווענען, ווי מ'ציילט טייערע פּערל, אָבער מען מורמלט, אַז ער איז פאַרקאָכט אין די טריפהנע ביכלעך. האָט ער אַ טאָכטער איינס און אַזוינס: אַן אָסאָבע, ווי אַ קייסעריניע, מאַרי הייסט זי. דער טאַטע אירער, ווי זי, האַלט נישט פון שידוכים. ביז היינט פירט זי שוין די פינפטע ליבע, האַלט אין איין קושן, ווי מ'דערציילט אין שטעטל, מיט איר פאַרשמירט רויט פּיסקל, די סטודענטלעך, אָבער צו קיין תּכלית קומט נישט".

אַ ביסל שפּעטער, אין אַ שפּאַציר מיט זיין שוועסטער חוהלע, האָט ער זיך דערוווּסט, אַז ווען ער קומט נישט אַהיים בייצייטנס, וואָלט זי געגאַנגען צו דער חופּה מיט אַ חתן, וואָס איז איר דערווידער. אויף פּנחסעס פרעגן: „ווער צווינגט דיך?" האָט זי געענטפערט: „איך קאָן זיך נישט העלפן, כ'קאָן נישט מצער זיין אונדזער טאַטן. דו האָסט געקאָנט גיין קעגן אים, איך קאָן דאָס נישט!"...

פּנחס האָט באַשלאָסן נישט צו פירן קיין וויכוחים מיט זיין יונגער

שוועסטער. ווי אַלע אַנדערע פון איר צייט, לײַדן זיי פון אַ מאַרטירער־מאַניע, וועלכע גרענעצט מיט מאַזאָכיזם.

ער האָט איר געגעבן אָנצוהערן, אַז ער האָפט טאָקע צו זיין אויף איר חתונה, אָבער — אין אַמעריקע, ווהין ער טראַכט זיי אַלע אַריבערצוברענגען.

די מומע „גייט אין די הויזן", אָבער זי טוט דאָס מיט טאַקט לגבי דעם מאַן אירן, און קיין זאַך באַשליסט זי נישט אָן זיין הסכמה. און ער ווידער שטימט שטענדיק איין צו וואָס זי זאָגט. ביי די נעמען זייערע רופן זיי זיך נישט זינט זיי האָבן חתונה געהאַט. זי רופט אים „הער נאַר!" „הער נאַר! וואָס זאָגסטו? דאָס שטיקל שעוויאָט איז גענוג פאַר ר' שלמהלע פאַר אַ געהאַקטער קאַפּאָטע?" אָדער: „הער נאַר, וואָלסט אפשר געבעטן דעם רבין, וואָס וועט איינשטיין ביי אונדז שבת נחמו, ער זאָל געבן זיין ברכה דעם עלטסטן אײדעם אונדזערן, אַברהמלע, ער זאָל נושא־חן זיין אין אָזשע־ראָוו, מ'זאָל אים אָננעמען פאַרן נייעם שוחט?"

ווען משהל הערט נאַר רופן „הער נאַר", דרייט ער אויס דעם קאָפּ. ער ווייסט שוין ווּעמען זי רופט. זי, דער ווייב זיינער, רופט ער אויך נישט ביים נאָמען אירן, נאַר: „וואָס זאָגסטו?" — „וואָס זאָגסטו? זאָל איך היינט צושניידן דעם דאָלעסער פריצס באַנדע, אָדער ר' אָשרס יופּעצע?"

רופן אַ ווייב אָדער אַ מאַן ביים נאָמען — איז צו פּאַרשייט, ס'פּאַסט פאַר גויים אָדער בעל־מלאכהשע פּראָסטאַקעס, נישט פאַר זיי. האָט משהל, גלעטנדיק זיך דאָס בערדל, געקוקט אויף איר מיט זיינע גרויסע ברוינע אויגן, אָן אַ וואָרט צו רעדן: „וואָס זאָגסטו?" האָט זי געענפערט איר מענה־לשון:

„דיינע דאָלאַרן, פּנחס, וואָס דו האָסט אונדז געגעבן, האַלט איך אָט דאָ". — זי האָט מיטן פינגער אָנגעוויזן אויף איר ברייטן גרויסן בוזעם — „און ווער פון טאָג צו טאָג נתעשר. יעדן טאָג איז דאָס קניפּל ווערט מיט נאָך עטלעכע מיליאָן זלאָטעס. דאָס ווערטל „פּיעניענדזי ניע מאַם, אַליע האַנאָר מאַם" (קיין געלט האָב איך נישט, אָבער האַנאָר האָב איך) איז היינט צוגעפּאַסט, ווי אַ קנעפּל צו אַ לעכל. אַ וואַזשנע האַנאָר איז זייער

געלט. ס'איז געמאַכט פון אַלטע זעק און כּינים כאַפּן זיך אַריין אין די גרויסע פלאַכטעס".

פּנחס האָט זיך צעלאַכט: ער האָט נעכטן, ביים ציילן דאָס געלט, אַוועקגעוואָרפן אַ הונדערט־טויזנטיקע פלאַכטע, ווו עס איז אַרומגעקראָכן איינע פון די עשׂר מכּות. האָט ער אַרויסגעכאַפּט די איבעריקע פּאַפּיר־געלטער, זיי געוואָלט אויסוואַשן ביי זישען מיט זייף, זענען זיי זיך צע־קראָכן אויף דינע צויטן.

פאַרן גיין שלאָפן האָט פּנחס געזאָגט, אַז מאָרגן גאַנץ פרי, גלייך נאָכן אָנבייסן, גייט ער ווידער אַרויף צו זישען. די מומע האָט געפרעגט:

„ביסט נאָך אַלץ נישט פאַרטיק מיט די מעשׂיות זיינע? אַפילו מאַר־צעפּאַנעס, פלאָדן, עסן זיך דאָך צו". „מעשׂיות, מומע", — האָט איר פּנחס געענטפערט, „איז ביי מיר ווי לערנען גמרא: מען מאַכט אַ סיום־הש"ס און מען הייבט ווידער אָן אויף ס'ניי, אָדער ווי די פינף חומשים פון דער תּורה. מען זאָגט „חזק ונתחזק" — און מען הייבט נאָך אַ מאָל אָן פון בראשית"...

# קאַפּיטל פינף

פּנחס האָט נישט געקאָנט איינשלאָפן, אים האָט געמאַטערט זיין מומעס פראַגע: פאַר וואָס איז ער אַזוי פאַרקאָכט אין זישעס מעשיות? איז דאָס ביי אים אַ געוווינהייט פון קינדערווייז אָן? און אפשר צוליב עפּעס אַנדערש: דאָס לערנען ביי די מלמדים, אָנהייבנדיק פון דרדקי־מלמד ר׳ אשר זאַק, ביז זיין לעצטן מלמד ר׳ אלי קריצער, איז אים אָנגעקומען זייער לייכט. די שווערסטע סוגיות פון ש״ס און פוסקים האָט ער תופס געווען כהרף־עין. די אַנדערע תלמידים האָבן געמוזט האָרעווען שווער אויפן שיעור זעקס טעג אין דער וואָך, ווען ער איז פּאַרטיק געוואָרן באַלד דעם ערשטן טאָג. דערפאַר זענען זיינע אויערן שטענדיק געווען וואַכזאַם צום צוהערן זיך, וואָס עס געשעעט אַרום אים. יעדער פון די מלמדים האָט געהאַלטן אָן אויג אויף אים, ער זאָל נישט קוקן ווו מען דאַרף נישט. אָבער אין אַ זייט האָט ער נישט באַדאַרפט קוקן, און אין דער גמרא אָדער אין די פוסקים האָט ער אויך נישט באַדאַרפט לאַנג קוקן, ווייל נאָכן ערשטן בליק האָט ער, ווי אַ בליץ, דאָס אויפגענומען אין זיין גאַנצן תוכן. ער האָט געהאַלטן אָנגע־שטעלט די אויגן אויפן רבין זיינעם, בעת יענער האָט, נעבעך, שווער גע־גאָרעט מיט די אַנדערע תלמידים, זיי מסביר צו זיין די שווערע ענינים, און דערביי פלעגט דער מלמד זיך גראַבלען הינטער דער באָרד און אַ מאָל געגנוג לאַנג האַלטן דאָרטן די צוויי פינגער. פּנחס האָט אים נאָכגעמאַכט אַלע זיינע שטיקלעך, אָבער אַכטונג געגעבן, ער זאָל אים נישט פּאַקן ביי דעם.

ווען די איבעריקע תלמידים האָבן אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער, קוקנדיק אויף פּנחסן, פלעגט דער מלמד שוין וואַרפן אויף פּנחסן מיט אַ זייטיק אייגל. ער, פּנחס, איז דערפאַר שטענדיק געזעסן לעבן רבין און געקריגן די ריכטיקע קניפּן אין די זייטן, אונטערן בויך, אין די פליישיקע טיילן נישט ווייט פון זיינע פיס, אַזש פונקען זענען געפלויגן פאַר די

אויגן, אָבער ס׳האָט נישט געהאָלפן. ער האָט געמוזט מיט עפּעס אויספילן זיין ליידיקע צייט. ווען זיין פאָטער פלעגט אים אינעם מרחץ פרעגן: „פּנחס, ווער האָט דיר דאָס געמאַכט די בלאָע צייכנס?״ האָט ער נישט געענט־פערט. ביים דערציילן דאָס פּרייטיק־צונאַכטס דער שטיפמוטער, פלעגט זי טענהן, אַז דאָס מוז זיין די אַרבעט פון שדים, וואָס קומען אים ביי נאַכט צו חלום. זי האָט זיך שוין פיל מאָל מיט שרעק אויפגעכאַפּט פון זיינע געשרייען אין די שפּעטע ביינאַכטן.

אָבער די אויערן האָבן אים די מלמדים נישט געקאָנט פאַרשטאָפּן. האָט ער זיך צוגעהערט צו די מעשיות פון די ווייבער. נאָך דעם — צו די מעשיות, וואָס מען פלעגט דערציילן אַרום אויוון אינעם אַלטן בית־המדרש.

אפשר האָט זיין חשק צו הערן מעשיות אויך געהאַט צו טאָן דערמיט, וואָס ער איז געגאַנגען אין ווייסע מלבושים ביז צו צוועלף יאָר. על־פּי דער סגולה פונעם ליפּסקער רבין, זיין סנדק ביים ברית — אַ סגולה קעגן דעם, וואָס ביי זיין מאַמען, האָבן זיך, גאָט זאָל אָפּהיטן, נישט געהאַלטן קיין קינדער.

צוליב זיין גיין אין ווייסן, האָבן די קינדער פון שטאָט נישט געוואָלט שפּילן זיך מיט אים, געשריגן צו אים: „ווייסער טויטער, גיי צום הויקער, ויהי ערב, ויהי בוקר״.

דערפאַר, וואָס ער איז תּמיד געווען אַליין, האָט ער זיך ווי אַריינגע־לעבט אין די געהערטע אָדער אַליין צוגעטראַכטע מעשיות, ווי פון אַ שפּענדל איז געוואָרן אַ קלאָץ.

און איצט, שוין אַ דערוואַקסענער, האָט ער זיך דען אַ סך געענדערט? אַט האָט ער ליב צו לייענען לידער, מייסטנס פון יידישע דיכטער. יעדעס ליד איז ביי אים אַ מעשה. וואָס שענער און טיפער דאָס געראָטענע ליד, אַלץ מער ווערט עס אַ מעשה שהיה. וואָס דער דיכטער האָט דורך וויזיע דערזען, דורכגעלעבט מיט זיין האַרץ און נשמה, און ריטמיש דאָס דער־ציילט, איז אַ מעשה. און די נביאישע חזיונות: וואָס וועט זיין? אָדער וואָס עס וואָלט באַדאַרפט זיין? אין דער אונטערשטער שורה ווערט עס אַ שיר, אַ מעשה שיהיה.

אַלץ אינעם גייסטיקן שאַפן ווערט פונעם געוויינטלעך שׂכלדיקן אַ מעשׂה. ביי אַ הויכער מדרגה פון קרעאַטיווער גייסטיקייט ווערט אַפילו דאָס שׂכלדיקע דערהויבן צו אַ סימבאָל, וואָס געהערט שוין צום למעלה מן השׂכל און ווערט מגולגל אין אַן אויסגעחלומטער מעשׂה.

און לעבן אַליין איז דען נישט קיין דורכגעלעבטע מעשׂה? סיי דאָס יסורימדיקע, ווי דאָס פריידיקע, זענען דורכגעפילטע מעשׂיות.

ליבע און טויט, אָט די צוויי גרעסטע אונטערפירער און דורכפירער פונעם לעבן. דאָס ערשטע איז אַ פאַרפירערישע מעשׂה. דאָס צווייטע — אַ שפּאַטישער, חוזקדיקער פינאַל פון אַ מעשׂה.

פנחס זעט, אַז זישע האָט געטראָפן אין פּינטל, ווען ער האָט צו אים געזאָגט ביים ערשטן באַגעגענען זיך, אַז ער איז נישט אַהיימגעקומען צו זען זיך מיטן טאַטן און דער משפחה, אַז דאָס איז נאָר אַן אויסרייד אַזאַ פאַר אים, ווי ביי אַלע מענטשן, וואָס זוכן שׂכלדיקע אויסריידן צו פאַרדעקן דאָס אינערלעכע פאַרבאָרגענע. אין דער אמתן איז ער אַהערגעקומען, כּדי נאָך אַ מאָל איבערצולעבן זיין קינדהייט־מעשׂה.

צו מאָרגנס אין דער פרי האָט פנחס, פאַרן אַוועקגיין, צוגעזאָגט דער מומען, אַז ער וועט פרי זען אַהיימצוקומען. ווען ער איז שוין געשטאַנען ביי דער טיר, האָט די שטיפמוטער אים נאָך אַ מאָל דערמאָנט: „פנחס, מאַך דיר אַ קניפּל, זאָלסט ווידער נישט פאַרגעסן ווען אַהיימצוקומען; אויב דו קאָנסט נישט מאַכן דאָס קניפּל אינעם טלית־קטן, וואָס דו האָסט פאַרלוירן ביי די ציציליסטן, מאַך עס אין דיין ברייטן קראַוואַט. געדענק, דאָס מאָל וועלן מיר שוין נישט וואַרטן אויף דיר מיטן עסן די וועטשערע".

פנחס האָט געזאָגט, אַז ער וויל בעטן זישען מיטצוגיין מיט אים אויפן בית־עולם צו זיין מוטערס קבר.

דער פאָטער און די מומע האָבן מסכּים געווען:

„גיי טאַקע, זאָל זי זיין אַ גוטע בעטערין פאַר איר איין־און־איינציקן זון, און פאַר זיין ווייב און קינדער, און פאַר אונדז אַלעמען, גאָטעניו דער־באַרעמדיקער" — די מומע האָט נאָך צוגעגעבן, אַז ער האָט באַלד אין דער זעלבער וואָך, ווען ער איז געקומען צו פאָרן, דאָס געדאַרפט טאָן.

פנחס האָט זישען געטראָפן טרינקען זיין טעפעלע קאַווע מיט ציקאָריע. ער האָט זישען געפרעגט, צי ס׳איז נישט שווער פאַר אים צו גיין מיט אים אויפן גוטן־אָרט צו זיין מאַמעס קבר.

„דאָס דאַרפסטו מיך נישט בעטן. כ׳בין דאָך דיין קרוב פון דיין מאַמע חנה פייגעס זייט״.

אומר ועושה. זישע האָט מיט דער סערוועטקע אָפּגעווישט די גרויע לאַנגע וואָנצעס, אָנגעטאָן אַ קורצן שוואַרצן ראָק, אָפּגעפּוצט מיט אַ גרין־שטרויענעם האַנט־בעזעמל די הויזן, די קלאַפּעס, דעם קאָלנער, דעם גאַנצן פּראַנט — קיין שפּרענקעלע שטויב זאָל נישט בלייבן — זיך פאַרקנעפּלט אויף אַלע קנעפּלעך, זיך אויסגעגלייכט, גענומען דעם שטעקן מיט דער זיל־בערנער גאָלקע — און ביידע, זישע און פנחס, האָבן זיך געלאָזט גיין צום בית־הקברות.

ווען זיי זענען שוין געווען אין גאַס, האָט זישע געוויזן פנחסן דעם „מעבר־יבוק״, וואָס ער האָט נישט פאַרגעסן אַריינצולייגן אין קעשענע.

„עס וועט דיר גאָרנישט שאַטן, פנחס, צו זאָגן ביי דער מאַמעס קבר עטלעכע קאַפּיטלעך״.

זיי זענען פאַרבייגעגאַנגען די יאַטקעס. די קצבים, ווען זיי האָבן דער־זען זישען, סיי די מוזיקאַנטן, די מיינסטע זיינע קרובים, און סיי די אַנ־דערע קצבים, האָבן אָוועקגעלייגט די העק און די לאַנגע קצבישע מעסערס. די קונהטעס ביי די יאַטקע־קלעצער האָבן זיך אויסגעדרייט, כּדי צו זען וועמען מען גיט דאָס אָפּ אַזאַ כּבוד. די קצבים האָבן פנחסן געפרעגט צי אין אַמעריקע נוצט מען נאָך אין די יאַטקעס העק, מעסערס און קלעצער, ווי דאָ, אָדער אַלץ ווערט דאָרט געטאָן אויפן מאַשינאָוועז אופן, דורך עלעק־טריע?

נאָכן אָוועקגיין האָט זישע געפרעגט פנחסן:

„געדענקסט נאָך דעם הויכן שיִע קצב? דער, וואָס איז דער ערשטער אָפּערגעלאָפן פון הינטערן קלאָץ און זיך מיט מיר אַרומגעכאַפּט? ער, דער שיִע, האָט געשמט אַפילו אינעם בית־המדרש פאַר אַ שמשון הגיבור. אָט וועגן אים וועל איך דיר נאָך היינט דערציילן״.

אויפן בית־עולם,ביים דורכגיין דעם הקדש, איז ביי אַ זייט געשטאַנען די הילצערנע מיטה מיט פיר פיס. אַן אַלטע גרויע קאַלדרע איז געלעגן, אַ צעפּאַלדעוועטע, ביים עק פון דער מיטה און אַראָפּגעהאַנגען אויף דער ערד.

ירחמיאל, דער קברן, מיטן ברוינעם פּנים און די ביסטרע אויגן, איז אַרויסגעקומען פונעם קברות־הייזל, אָנגעטאָן אין אַ טונקעלן שפּענצער מיט אַ ברודיק העמד, געזאָגט „גוט מאָרגן" צו זישען, געפרעגט ביי אים אויף פּנחסן, צי דאָס איז משהלס זון פון אַמעריקע?

ער האָט אויסגעצויגן אַ שווארצע האַנט צו פּנחסן אויף „שלום־עליכם". פּנחס האָט מיט אַ ווידערווילן אים אָפּגעענטפערט „עליכם שלום". ירחמיאל קברן איז זיי נאָכגעגאַנגען, כדי צו ווייזן ווו ס'איז פּנחסעס מו־טערס קבר. די מיינסטע הויכע קשאַקעס אַרום דעם בית־הקברות־מויער זענען פון דער ברענענדיקער זון געוועזן פאַרגעלט, עפּעס ווי מיט אַ מין טויטלעכן קאָליר.

זיי זענען פאַרבייגעגאַנגען דעם אַלטן הילצערנעם אוהל. פונעם אוהל האָבן, דורך די שפּאַלטן פון די ברעטער, אַרויסגעלויכטן צאַנקענדיקע ליכט פון די ברענענדיקע אייל־לעמפּלעך אויף די קברים פון די גרויסע צדיקים.

צוויי קעץ האָבן זיך געיאָגט און געשפּרונגען איבער אַלטע, נידעריקע מצבות, איינגעבויגענע, באַדעקטע מיט גרינעם מאָך.

אַ פויגל אויף אַן אַלטן בוים האָט געטרילערט מיט הילכיקע פריידיקע טענער.

פּנחס האָט זיך אָנגעלענט אין זיין מאַמעס מצבה. טרערן זענען גע־רונען פון זיינע אויגן. זישע האָט געזאָגט עטלעכע קאַפּיטלעך פונעם „מעבר־יבוק".

פאַרן אַוועקגיין האָט זישע אַריינגערעדט אינעם קבר:

„חנה־פייגע! איך, זישע, שטיי דאָ מיט דיין איינציקן זון, פּנחס, דיין אויג פונעם קאָפּ. ער איז אַוועק ווייט פון דיר, אויף טויזנטער מיילן, אי־בערן ים. ווער ווייסט, צי ער וועט נאָך אַ מאָל באַטרעטן דיין קבר. זיי זשע אַ מליצה ישרה פאַר אים און זיין הויזגעזינד". און ער האָט פאַרענ־

דיקט: „זאָג מיין שיינדעלען, אַז כ'בין דאָ געווען. כ'וועל זיין ביי איר קבר, אם ירצה השם, תשעה באב".

ווען זיי זענען אָריינגעקומען צו זישען אין שטוב, האָבן זיי זיך גע־וואָשן די הענט. ביידע האָבן אויסגעטאָן די אייבערשטע רעק, זיך געזעצט ביים טיר פונעם אָפענעם באַלקאָן, ווו עס האָט געבלאָזן אַ מילד ווינטל.

זישע האָט מכבד געווען פנחסן מיט אַ גלעזל זיסלעכן ליקער, און צום פאַרבייסן — אַ שטריצל, אָנגעפילט מיט צעבאַקענע, נאָך וואַרעמע יאַגדעס.

און דאַן האָט ער דערמאָנט דעם הויכן שיַע קצב, וואָס זיי האָבן אָקערשט נישט לאַנג געזען אין די יאַטקעס.

# קאַפּיטל זעקס

און זישע האָט אָנגעהויבן דערציילן:

פון מיינע קצבישע קלעזמאָרים האָב איך אין מיין לעבן געהאַט, ווי מען זאָגט, צו זינגען און צו זאָגן. אַ סך פרייד, אָבער אויך גענוג עגמת־נפשן.

כ׳ווייס נישט, צי דו געדענקסט נאָך דעם מינהג ביי די קצבים, פישער־יונגען, טרעגערס און ביי אַ טייל פון די בעלי־עגלות, אַז אין דער נאַכט פון שׂמחת־תּורה, נאָך די הקפות, גייען זיי נאָכן עסן זיך אָנשיכּורן אין די טריפהנע שענקען. יעדע כּנופיה אין אַן אַנדערער שענק.

דאָרטן אין די שענקען, גרייט מען זיך, יאָר־איין, יאָר־אויס, צו די שׂימחת־תּורהדיקע געשלעגן, כּדי אויסצוגלייכן צווישן זיך די עוולות, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט פאַרן גאַנצן יאָר, און איין מאָל פאַר אַלע מאָל, אַראָפּ־נעמען די שווערע שטיינער פון זייערע הערצער.

די אָנגעזאַמלטע עוולות נעמען זיך, מיינסטנס, פון רכילותן און צוגע־טראָגענע פּאַטשטן, ווי, למשל, איין קצב זאָל האָבן געזאָגט אויפן אַנדערן בשתיקה, אַז יענער האָט אַ טבע ביים וועגן פליייש קונציק שנעל אַראָפּ־צוציִען די וואָגשאָל און געבן אַ פאַלשע וואָג, אָדער אומבאַמערקט אַריינ־שאַרן אַן אַלט שטיקל פליייש; אָדער דער און דער טרעגער האָט אַ טבע ביים טראָגן אַ זעקל מעל, קאָרן, ווייץ, אַרבעס, פלוימען, אַרונטערצולקחנען אַ ביסל; אָדער דער און דער פישער־יונג האָט גערעדט מיאוסע ווערטלעך וועגן יענעמס ווייב, ווי אַ שטייגער, אַז ביי יאָקלס ווייב הענגען שוין אַרונ־טער די „אייטערס״ ווי ביי אַ בהמה. און נאָך אַזעלכע באַליידיקונגען, גע־רעדטע אויפן מאַרק, אָדער אין פּאָליש פון דער שול. די אַלע עוולות, וואָס זענען באַגאַנגען געוואָרן דורכן יאָר קעגן זיי און זייערע ווייבער, קינדער, אָדער קעגן זייערע מאַמעס, טאַטעס, שוועסטער, ברידער, כּלות, ווערן נישט פאַרגעסן.

דאָס פֿייער פֿון נקמה טראָגט מען אין די הערצער אַ גאַנץ יאָר, ביז צום אָפּרעכענען זיך שימחת־תּורה ביי נאַכט. דאָס מכּלומרשטע איבערבעטן זיך, ווי דער שטייגער איז ביי ייִדן, ערב יום־כּיפּור, איז ביי זיי נישט שטאַרק אָנגעלייגט. ווי זייערע טאַטעס און זיידעס ווייסן זיי, אַז יום־כּיפּור איז אַ פּאַרכטיקער טאָג, דער יום־הדין, ווען יעדער בשר־ודם ווערט גענו־מען אויפֿן צימבל און געמישפּט, ווי עס שטייט אין „ונתנה־תּוקף״: ווער צום לעבן, ווער צום טויט, ווער צו אָרעמקייט, ווער צו רייכקייט. רייכקייט קימערט זיי דווקא נישט. זיי דאַרפֿן דאָס גאָרנישט. ס׳ליגט זיי נישט אין זייערע לינקע פּאַרשווירענע פּאות. פֿאַרן טויט ציטערן זיי אָבער, ווי די פֿיש. האָבן זיי טאַקע מורא, און בעטן ביי גאָט מיט גרויס אונטערטעניקייט אַ גוט קוויטל.

זיי האָבן גרויס בטחון אין זיין רחמנות ווי פֿון אַ טאַטן צו איי־גענע קינדער און זיי פֿאַרלאָזן זיך אויף זיין יושר. איז כאָטש זיי פֿילן זיך נישט ווי קיין רשעים. ווייל — זאָגט זישע — אַזאַ יאָר אויף מיר און דיר אין איינעם, וואָס פֿאַראַ גאָלדענע מענטשן זיי זענען. ווען טוען זיי שלעכטס? זיי אַרבעטן שווער און ביטער טאָג ווי נאַכט, אַבי מפֿרנס צו זיין זיך מיט זייערע הויזגעזינדן. זייער גרעסטער גליק איז נישט דאַרפֿן אָנצוקומען צו קיינעם, צו קאָנען שבת מאַכן בכּבֿוד, צאָלן דעם מלמד שׂכר־לימוד פֿאַר זייערע קינדער, זיי זאָלן קענען אַ שייטל עבֿרי. דאַוועגען ווי ייִדן איז דאָך זייער גרעסטע שׂימחה, איז ווי קומט צו זיי זינד? עבֿרות? אָבער מען איז דאָך נאָר אַ מענטש, און ווי שטייט טאַקע געשריבן? „ווי קאָנסטו געפֿינען אַ מענטש אָן זינד?״ שטייען זיי יום־כּיפּור אינעם פּאָליש פֿון דער שול ביי די גרויסע, לאַנגע טישן מיט די הויכע, ווייסע סטערינע און געל־וואָקסענע ליכט, אַריינגעשטעקטע אין די זאַמדקאַסטנס, און וויינען זיך אויס די אויגן, בעטן ביי גאָט סליחה ומחילה, פֿאַרגעבונג פֿאַר נישט באַגאַנגענע זינד. ווען ס׳קומט צו „על חטא״ און „ועל חטאים״ זעצן זיי זיך מיט זייערע אייזערנע פֿויסטן אין די הערצער, כאָטש פֿון דעם גאַנצן „על חטא״ מיטן „אָשמנו״ פֿאַרשטייען זיי קיין וואָרט נישט. זייערע טאַטעס, זיידעס און עלטער־זיידעס האָבן זיך געקלאַפּט „על חטא״, קלאַפּן זיי ווײ־

טער. מוצאי יום־כּיפּור גייען זיי אַהיים מיט אונטערגעהאַקטע זייטן, באַ־פרייטע, געלייטערטע, מיט אַ טיפן גלויבן אין אַן אויסגעבעטן גוט יאָר.

זישע האָט צוגעגעבנט זיין רעכטע האַנט צו דער באַק ווי אַ היימישער בעל־מנגן ביים זינגען אַ ניגון, פאַרזשמורעט די אויגן און אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף פנחסעס אַקסלען, ווי ער וואָלט וועלן מיט אים טאַנצן אַ חסידישן טאַנץ. זיינע בלויע אויגן האָבן זיך צעבלישטשעט, ווי ער וואָלט זיך דערמאָנט אין עפּעס, וועגן וואָס ער האָט שוין פון פריִער געטראַכט מיט אים צו רעדן, איידער ער וועט אַוועקפאָרן פון דאַנען, און געזאָגט: „אַ שאָד! אַ גרויסע עוולה, וואָס דו בלייבסט נישט דאָ ביז איבער די ימים־טובים".

זישע האָט אָנגעהויבן שילדערן די ימים־נוראים אין שטעטל מיט זייער גאָטספאָרכטיקייט. ווי נאָר מען דערהערט דעם ערשטן שופר־בלאָזן אָנהייב ראש־חודש אלול, ווערן קינד און קייט באַהאַפטן מיט דעם באַשעפער פון אַלע וועלטן, ערד מיטן הימל פאַראייניקן זיך, נישט פונאַנדערצושיידן זיי. מען נייטיקט זיך נישט אפילו אין יעקבס לייטער, אַזוי נאָענט איז דער הימל צו דער ערד, און די מלאכים פליִען נישט מיט זייערע פליגל, נאָר שוועבן איבערן שטעטל אַראָפּ און אַרויף. דאָס פלאַטערן פון זייערע פליגל איז אַזוי שטיל, אַז ס׳איז שווער צו דערהערן, סיידן אפשר דער רב אונד־זערער, און נאָך עטלעכע פון די געציילטע חסידים זיינע, ווי אַ שטייגער אַברהמלע שידלאָווצער, וואָס קאָלערט אַריין די שטיינער אינעם אַלטן בית־המדרש הושענא־רבא, כּדי צו כאַפּן אַ דרימל אויף זיי. בלויז זיי זעען די מלאכים די לעצטע רגעס ביים שיידן זיך מיטן שטעטל ביז איבער אַ יאָר ביים ערשטן שפּראָץ פון חודש אלול. זישע האָט פאַרענדיקט:

„כ׳ווייס, אַז אויף דעם ביסטו נישט קיין גרויסער בעלן, אָבער שׂימחת־תּורה? דעם פריילעכסטן פון אַלע יידישע ימים־טובים? אַ שאָד וואָס דו בלייבסט נישט אין שטעטל ביז איבער שׂימחת־תּורה".

זישע דערמאָנט פנחסן זיין דענקעווער געסל, ביזן גויִשן „מקום", ווי זיי רופן דאָס, באַוווינט פון בלויז יידישע בעלי־מלאכות: שניידער, שוס־

טער, סטאָליאַרעס. זלמן שלאָסער איז דער חכמהדיקער ווערטל־זאָגער און זייער עצה־געבער. אין די צוויי בשותּפותדיקע סוכּות פּילן זיך אַלע ווי איין משפּחה.

שוין די פרייד פונעם אויפשטעלן די סוכּות: אַלע אין געסל, יונג און אַלט. די ייִנגלעך, פריי פון די חדרים ביז נאָך סוכּות, טראָגן פאַרשמייעטע אָראָפּ פון די בוידעמער די סוכּה־ברעטער. די באַבערדיקטע קרעפטיקע ייִדן, נאָכן צוזאַמענשטעלן און צודעקן מיט סכך די סוכּות, טרינקען ביי די אָפענע אַריינגאַנג פוןביידע סוכּות גלעזלעך משקה און ווינטשן זיך נאָך אַ מאָל אַ גוט יאָר מיט געזונט און פּרנסה, אַז קיין איינער פון זיי זאָל, חלילה, נישט געמינערט ווערן ביז איבער אַ יאָר צום ווידער אויפשטעלן זייערע סוכּות.

די דערוואַקסענע מיידלעך און יונגע ווייבלעך פּוצן אויס די אינע־ווייניקסטע סוכּה־ווענט מיט פאַרביקע טישטעכער, פאָרהאַנגען און גע־בלימלטע פאַטשיילעס. אויף די סכך־צווייגן הענגען זיי אויף רויטע עפּל און אַנדערע קאָלירטע באַפּוצונגען צו באַשיינען די סוכּות.

געהייליקט ווערן די סוכּות מיטן ליכט־בענטשן און קידוש־מאַכן. די ווייבער און טעכטער טראָגן מיט גרויס פלייס זייערע צוגעגרייטע יום־טוב־דיקע מאכלים אין די סוכּות פאַר זייערע מענער און זין, זיי שפּאָרן די ביסנס פון זייערע מיילער, כּדי נישט פאַרשעמט צו ווערן קעגן די אַנ־דערע שכנים און שכנות.

אין אַ קאַלטלעכער לויטערער סוכּות־נאַכט מיט אַן אויסגעשטערנטן טונקל־בלויען הימל, פאַרגנבעט זיך אַ העלער שטערן, וואָס שיינט דורכן סכך אין סוכּה אַריין, באַלייכט דאָס הייליקע פּנים פונעם אושפּיזין־גאַסט, וואָס איז אַ רואה ואינו נראה („אַ זעער, נישט קיין געזעענער״). איז גע־שען אַ מעשׂה אין איינער פון די סוכּות אינעם דענקעוווער געסל: כאַצקל קעסטעלע, וואָס דעם נאָמען „קעסטעלע״ האָט ער זיך דערוואָרבן צוליבן מאַכן פאַר די קינדער פון געסל שיין־קונציקע קעסטעלעך מיטן אָנקום פון די ימים־טובים אין יאָר; כאַצקל דער סטאָליער אינעם דענקעוווער געסל, דער נידעריק־קרעפטיקער, ווי אַ דעמב, מיט ברייטע פּלייצעס, גרויע אויגן,

מיט אַ רויטלעכע באָרד איבערן קוועלנדיקן פּנים, וואָס ווען עמעצער האָט אים צעבייזערט, האָט ער געצוימט זיין כּעס מיטן בייסן זיין צוזאַמענגע־פּרעסטער פויסט מיט ווייטיקלעכן צאָרן; אָט דער כאַצקעלע, וואָס מען האָט אים אין געסל אויך גערופן „דער שפּילפויגל״, ווייל ער האָט פאַרזונגען דאָס געסל, טאָג־איין טאָג אויס, חוץ תשעה־באב, מיט שבתדיקע זמירות און מיט די פּאָלקע־מאַזורקעס און קאַרוסעלע־מאַרשן פון פּוילישע שכנים — אָט מיט אים איז עס געשען: ער איז מיט נאָך עטלעכע שכנים זיינע געבליבן זיצן אין סוכּה שוין לאַנג נאָכן עסן און טרינקען. ס׳האָט זיך זיי נישט געגלוסט שיידן זיך פון דער סוכּה און אויך פונעם גרויסן ליבן אוש־פּיזין גאַסט. די ליכט פון די לייכטער האָבן שוין פון לאַנג אויסגעברענט, דורך די שפּאַרונעס פונעם סכך האָט אַריינגעלויכטן אַ העלער שטערן, געוואָרפן אַ שמאָלן פּאַס ליכט אינעם אויבנאָן צו מיזרח־זייט אין דער סוכּה. כאַצקל איז געווען זיכער, אַז דאָרטן זיצט אליהו הנביא. ס׳איז דאָך אַנדערש נישט געמאָלט; נאָר ער איז דער וועגווייזער פון אַלע אושפּיזין, פון די הייליקע אָבות, וואָס קומען אין די סוכּות, ווייל ווער נאָך ווי ער קען אַזוי גוט אַלע ייִדישע שטעטלעך? ער קומט פאַרשטעלט ווי אַ פּויער, אויף אַלע אונד־זערע מאַרקטעג און יאַרידים; ער טרינקט אַ טראָפּן וויין ביי יעדן ייִד אין די פּסחדיקע סדרים, וו ער שוועבט אַריין דורך די אָפענע, צעפּראַלטע טירן.

איז יענעם הושענא־רבה, דעם לעצטן טאָג פון זיצן אין סוכּה, האָט כאַצקל, נאָכן אַרומגיין אין שול מיטן לולב און אתרוג, געקלאַפּט מיטן גאַנצן כּוח די הושענות, אַז קיין בלעטעלע איז נישט געבליבן אויף זיי. נאָכן מאַכן קידוש ביי זיך אינעם דענקעווער געסל, האָט ער זיך דערמאָנט אין אליהו־הנביא, ווען ער האָט נעכטן ביי נאַכט געזען אויבן אָן אין דער סוכּה, ביי דער שיין פונעם שטערן. האָט ער אָנגעגאָסן נאָך אַ גלעזל בראָנפן, עס אַוועקגעשטעלט דרך־ארצדיק אויבן אָן אין מזרח־זייט, און הכנעהדיק שטיל געפּליסטערט: „רב אליהו, פאַרזוכט אַ טראָפּן, פּועלט ביי די אָבותדיקע אושפּיזין, וואָס זענען געווען מיט אונדז איבער גאַנץ סוכּות, זיי זאָלן זיך מיִען פאַר אונדז ביים טאַטן אין הימל, ער זאָל שיקן משיחן אויסלייזן אונדז פון גלות״.

אין די סוף־סוכּות־טעג איז דער הימל שוין גרוי. שוואַרצע וואָלקנס מיט ווייס־באַזוימטע פּאַסן ציִען זיך ביי די הימל־ראַנדן. די לופט אַרום איז פול מיט פייכטע נעפּלען, דראַבנע טראָפּנס פון האַרבסטיקע רעגנדלעך קאַפּען אַראָפּ פונעם אָקערשט פאַרלאָזענעם און פאַרטריקנטן סוכּות־סכך. אָבער די מאַמעס, אין זייערע קאָלירטע פאַרטעכער, האָווען אַרום די איינ־געהייצטע באַקאויוונס. זיי בראָטן די צוגעגרייטע גענדזלעך מיט די פּו־פּיקלעך און געפילטע העלדזלעך, וואָס פאַרשמעקן מיט זייערע ריחות דעם גאַנצן אַרום.

עס שמעקן אויך יום־טובדיק די געבאַקענע חלות־רודישן מיט די פאַרקייילעכדיקע טורבאַן־שפּיצן, ווי טערקישע מיצן, די פלאָדנס מיט ראָ־זשינקעס און מאַנדלען, די טונקל־ברוינע האָניק־לעקעכלעך, העלע געלב־לעכע אייער־קיכלעך, געבויגענע ווי יאַרמלקעס, די שמאָלע מאַנדל־ברייטלעך מיט די צעשניטענע מאַנדלען, וואָס שטאַרצן אַרויס ווי קליינע סענקעס פון סאָסנע־ביימלעך. די אַלע באַטעמטע ריחות זענען באַהויכט מיטן ריח פון קדושת יום־טוב, פון שמיני־עצרת און שימחת־תורה. דאָס גאַנצע שטעטל גרייט זיך צו שימחת־תורה.

און עס גרייטן זיך אויך די פישער־יונגען, די קצבים, די טרעגער, טייל בעל־עגלות — אַלע פון שענער און קינעווער געסלעך, — אויסצוקלאַפּן די עוולות צווישן זיך נאָך די הקפות, ווי ס'איז דער מינהג ביי זיי פון דור־דורות. דאָס ווערט אָפּגעהיט ביי זיי, ווי דאָס גיין צו די הקפות.

די יינגלעך און מיידלעך, וואָס שפּילן אין „באַהעלטערלעך" אין די געסלעך, כאַפּן זיך אַריין אין די שטיבער און לאָזן נישט אָפּ פונעם אויג זייערע שימחת־תורהדיקע פענדלעך, וואָס ליגן אויסגעלייגט אויף די בעטן. ביים וואַשן און ווישן די קינדער, טאַנצן זיי אונטער אומגעדולדיק מיט זייערע יונגע פיסלעך. זייערע בעקלעך פלאַמען, זייערע אייגעלעך גלאַנצן ביים קוקן אויף די פענער. דערנאָך טוט מען אָן די קינדער אין די שענ־סטע מלבושימלעך און קליידלעך לכבוד יום־טוב.

ביי די חסידים, אין זייערע חסידים־שטיבלעך, טאַנצט מען שוין און מען זינגט נאָך פון שמיני־עצרת ביי נאַכט אָן, גלייך נאָך הושענא־רבה,

ווען זיי גייען נאָך מעריב צו הקפות. דאָרטן האַלטן זיך די מיידלעך פון דער ווייטנס. ווער שמועסט נאָך פון כלה־מיידלעך, סיי די, וואָס זענען שוין פאַרקנסט, סיי די, וואָס שטייען אין שידוכים — זיי האַלטן זיך סטאַטעטשנע, מיט צניעותדיקער צוריקגעהאַלטנקייט.

ביי די שׂימחות אין די היימען פון די גבירישע חסידים, ווו די מייד־לעך דערלאַנגען צו די טישן די געטראַנקען און יום־טובדיקע געבעקסן, וואַרפן זיי מיט זייערע אויפגעהויבענע קעפלעך זייטיקע שעמעוודיקע בליקן אויף די יונגע בחורים מיט די געקרייזלטע פאות, אין די שוואַרצע אַטלאַ־סענע קאַפּאָטעס מיט זיידענע גאַרטלען, וועמענס טראַלדן הענגען אַראָפּ ביז זייערע ווייסע זאָקן. ווען זייערע בליקן באַגעגענען זיך, פאַררויטלען זיי זיך.

די יינגערע מיידלעך זענען מקנא די קינדער פונעם דענקעווער און שענער געסלעך. דאָרטן, ווו עס וווינען די בעלי־מלאכות, די קצבים, טרע־גער, פישער־יונגען און בעלי־עגלות, לויפן די יינגלעך און מיידלעך באַלד נאָכן אָנטאָן זיי לכבוד יום־טוב, אַרויס אין די געסלעך. די מאַמעס שטופּן זיי אונטער קיכלעך, שטיקלעך פלאַדן און די פריש־אָנגעבאַקענע שׂימחת־תּורהדיקע געבעקסן. די קינדער שפּילן זיך דערווייל אין דרויסן ביז צום גיין צו די הקפות.

ביים באַווייזן זיך פון די ערשטע שטערן לויפן די מאַמעס און רופן די קינדער: די טאַטעס וואַרטן שוין אויף זיי מיטן גיין צו די הקפות. די קינדער גלוסט זיך נישט צו שיידן פון זייערע שפּילן, ביז די מאַמעס שרייען, אַז די טאַטעס וועלן באַלד אַרויסקומען נאָך זיי מיט די לעדערנע פּאַסיקעס. ערשט דעמאָלט לויפן זיי אַריין אין די שטיבער צעיאָכמערטע, פאַרסאָפּעטע, קוים זיי קאָנען דעם אָטעם אָפּכאַפּן. די טאַטעס, מכּלומרשט בייזע, וואַרטן ביז די מאַמעס וועלן ווידער אַרומוואַשן די קינדער, צוגלעטן זייערע צעשויבערטע קעפּלעך, אויסגלייכן זייערע מלבושימלעך און קלייד־לעך. דערנאָך צינדן זיי אָן די ליכטלעך אין די רויטע עפּל, די אַריינגע־שטעקטע אין זייערע פענדלעך.

אינעם פאַרכמאַרעטן בין־השמשות ציִען זיך פון די ייִדישע געסלעך

טאַטעס מיט קינדער, און אַרום זיי — די מאַמעס מיט פּנימער באַלויכטענע פון די ברענענדיקע ליכטלעך אין די פענדלעך. די יינגלעך גייען מיט געצונדענע פענדלעך מיט געהויבענע קעפּלעך, ווי די אַמאָליקע גיבורי־ישׂראל בעתן באַזיגן די פּלישתּים.

די מיידלעך, פריילעכע מיט רויט־צעפּלאַמטע באַקן, ווי די רויטע עפּל פון די שׂימחת־תּורה־פענדלעך, מישן זיך אויס מיט אַלע אַנקומענדיקע קינדער אינעם שולגעסל, גייען אַדורך די דריי אָפענע שטיינערנע טויערן פונעם שול־הויף און דאָרטן באַגעגענען זיך די קינדער פון אַלע געסלעך.

די מאַמעס לאָזן נישט אַראָפּ די אויגן פון זייערע ליבע קינדערלעך, פאַרגינען זיך נישט גוט איינצוקוקן אין זיי. ביים אַרויפגיין אויף די שטיגן אין דער ווייבערישער שול אַריין, מורמלען זיי אַ שטילן געבעט צום האַר און באַשעפער פון אַלע וועלטן, אַז ער זאָל זייערע און אַלעמענס קינדער באַשירעמען און באַשיצן פון אַן עין־הרע און ס'זאָל זיי קיין שום בייז נישט געשען, אָמן־סלה.

נאָכן אַדורכגיין דעם פּאַליש אין דער שול אַריין, טיילן זיך די מיידלעך אָפּ, זיי שפּרינגען אַרויף ווי די יונגע סאַרנעס אויף די זייטיקע בענק פון דער שול, מישן זיך אויס מיט די כּלה־מיידלעך. די טאַטעס מיט די יינגלעך גייען צו זייער חזקהדיקע „שטעט" ביי די זייטן פונעם הויכן באַלעמער אין מיטן שול, אָדער צו דער מיזרח־וואַנט ביי די הויכע שמאָלע שטענדערס פון ביידע זייטן עמוד, נאָענט צום אָרון־קודש.

עס דערהערט זיך דאָס קול פון דעם איינגעבויגענעם חזן: „ברכו את ה׳ המבורך" און דער ענטפער פון קהל: „ברוך ה׳ המבורך לעולם ועד". די יינגלעך און מיידלעך מיט זייערע פענער אין די הענט, שטייען אויסגעשטעלט ביי די דריי זייטיקע בענק שטיל און דרך־ארצדיק ביזן סוף פונעם מעריב־דאַווענען.

אַלעמענס אויגן, סיי פון די מאַנצבילן און סיי פון די ווייבער אויבן אין עזרת־נשים, זענען געווענדט צום אָרון־קודש. דאָרט שטייגט אַרויף דער שטאָט־גיבור, דער האַרציקער גוטער־ברודער פון אַלע אָרעמע און נויטבאַדאַרפטיקטע, שׂיע קצב, וואָס האָט די חזקה נאָך זיין טאַטן און זיידן

ע״ה צו זאָגן „אתה הראת״. מיט אַ זינגענדיקן קול, ווי אַן אמתער חזן, זאָגט ער די ווערטער פון „אתה הראת לדעת״ פסוק נאָך פסוק, און ער פילט זיך דעמאָלט נישט ווי אַ קצב־קלעזמער, נאָר ווי דער כּוהן גדול אַמאָל אינעם בית המיקדש.

די ייִדן אין שול ענטפערן אים אָפּ פון אַלע פיר זייטן מיט די זעלבע פון אים אַרויסגעזאָגטע פסוקים. אין שיִעס אויערן קלינגט עס ווי דאָס שאַלן פון די לויים מיט זייערע האַרפעס און פלייטן אין יענע אוראַלטע צייטן. פאַרן זאָגן דעם פסוק „ויהי בנסוע האָרון״ שטייגט שיִע אַרויף אויפן לעצטן טרעפּל צום אָרון־קודש, פאַררוקט לאַנגזאַם דאָס פּרוכת צו רעכטס, עפנט מיט די שפּיצפינגער די פאַררונדיקטע טירלעך, און פאַרענדיקט צוזאַמען מיטן שאַלנדיקן עולם דעם פּסוק: „כּי מציון תצא תורה ודבר ה׳ מירושלים״.

מען נעמט אַרויס אַלע ספרי־תורות פונעם אָרון־קודש. דער שמש שטעלט אַריין אַ ברענענדיק ליכטל אינעם ליידיקן חלל. דער גבאי ליפּע, הויך און בלאָנד, פון דורות דאָרפישן אָפּשטאַם, איז מכבד מיט דער ערשטער הקפה דעם רב, מיט דער צווייטער דעם חזן, די דריטע הקפה באַקומט דער בעל־„אתה־הראת״ שיִע קצב. בעתן אַרומגיין מיט די הקפות אַרום דעם באַלעמער און ביי די זייטיקע ווענט, קושן די מתפּללים די ספרי־תורות מיט די עקן פון זייערע טליתים און אויך מיט די פינגער, די ייִנגלעך און מיידלעך שטרעקן אויס זייערע הענטלעך צו די ספרי־תורות און קושן די פינגער. די כּלה־מיידלעך פאַררויטלען זיך צניעותדיק בעתן קושן דורך די פינגער די ספרים, געטראָגענע דורך זייערע חתנים אָדער באַשערטע. דורך די שמאָלע, לענגלעכע פענצטער פון דער ווייבערשול קוקן די ווייבער מיט נחתדיקער פריידן אויף זייערע מענער מיט די גרויסע ספרי־תורות און אויף זייערע ייִנגלעך הינטער זיי מיט די קליינע תּורהלעך, אין רויטע און אין בלויע מענטעלעך.

דער רב מיט צעשטראָלטע אויגן, דאָס פּנים געל ווי וואַקס, טראָגט די גרויסע ספר־תורה מיט דער זילבערנער קרוין ביז מען שטעלט אַריין אַלע ספרי־תורות אין אָרון־קודש. נאָכן זאָגן דריי מאָל „דוד מלכא משיחא״

פאַרענדיקט מען די הקפות מיט גרויס התלהבות און מיטן דריימאַליקן אויס־געשריי: „לשנה הבאה בירושלים!״

נאָכן פאַרענדיקן דאָס דאַווענען און נאָך די הקפות לויפן די יונגלעך און מיידלעך צום אַריינגאַנג פון דער ווייבערישער שול. זיי לויפן אימפּע־טיק, ווי די לאָשיקלעך, צו באַגעגענען זייערע מאַמעס. אין פאַליש און אין שולהויף ווינטשט מען זיך גוט־יום־טוב. אין דער היים ברענען נאָך די ווייסע סטערין־ליכט אין די מעשענע און באַזילבערטע לייכטער. די מע־נער מאַכן קידוש. נאָכן וואַשן די הענט מאַכן זיי „המוציא״ איבער די חלות — פאַרשפּיצטע רודישן. יעדער איינער באַקומט אַ מוציא, געטונקען אין האָניק, אַ סגולה צו האָבן אַ זיס יאָר. מען עסט קאַלטע פיש, מאַרינירטע אין זויערן, מיט פאַרגליווערטער פישיויך, מיט אינדישע בלעטער און פע־פערלעך. נאָך דעם רוקט מען אַרויס פון הייסן אויוון געבראָטן געגנדזן־פלייש מיט געפילטע העלדזלעך מיט גריוועגעס, מייערן־צימעס, געפילטע קרויט מיט ראָזשינקעס און מען זינגט „שישו ושימחו בשמחת תורה״.

אין די חסידים־שטיבלעך טאַנצט מען נאָך מיט די הקפות. די יום־טובדיקע סעודה פאַרציט זיך ביי זיי אין דער שפּעטער נאַכט אַריין.

די קצבים, פישער־יונגען, טרעגער און בעלי־עגלות לויפן אַהיים גלייך נאָך די הקפות. זיי עסן שנעל אָפּ זייער יום־טובדיקע סעודה, און איילן אַוועק אין די שענקען טרינקען בראָנפן און ביר. זיי גיסן אין זיך אַריין וויפל עס לאָזט זיך, ביז זיי ווערן בגילופינדיק. נאָכן אָנטרינקען זיך, גייען זיי, יעדע חברה מיט אירע גוטע־ברידער, אַרויס אויף שענער גאַס, נישט ווייט פון די מאַרק־יאַטקעס. דאָרטן שלאָגט מען זיך אַזוי לאַנג ביז די באַזיגטע פאַלן אַוועק צעניזוקטע אויף דער ערד. נאָך דעם הייבן די זיגער אויף די צעשלאָגענע, די אַנידערגעפאַלענע און באַזיגטע. מען דער־לאַנגט זיך די הענט און מ׳גייט אַריין אין מינדל קיילעס היימישער ביר־שענק. דאָרט וואַשט מען אַרום מיט נאַסע האַנטעכער די צעשלאָגענע, מען העלפט אַריינקוועטשן די אויפגעבלאָזענע ביילן אויף די שטערנס און קעפּ. דאָס טוען זיי מיט ברייטע שטאָלענע מעסערס אָדער האַקמעסערס, וואָס זיי קריגן דאָרטן אין דער שענק. די אָפענע וווּנדן פאַרבינדט מען מיט

קאַלטע טיכער. און אַזוי אַרום ווערן אָפּגעמעקט און פאַרגעסן די אַלע עוולות, קריגערייען און פאַרביטערונגען פונעם פאַרגאַנגענעם יאָר. מען באַשטעלט ווידער ביר און מען קלאַפּט זיך אָן מיט די גלעזער.

ווען זיי ווערן שיכּורלעך, ווינטשן זיי זיך אַ פריילעכן „גוט-יום-טוב״. מען טומלט הויך, ווי אויף אַ יאַריד. „לחיים, פּייוול, בערל, שמערל, יאַנקל, כאַצקל!״ מיט צוגעלאָזנקייט שרייט איינער צום אַנדערן: „אַ רוח אין דיין טאַטנס טאַטן אַריין, מיר זאָלן דערלעבן איבער אַ יאָר ווידער זיך צו פרייען מיט דער הייליקער תּורה״. זיי טרינקען ביז שפּעט ביי נאַכט, און ווען זיי ווערן שוין גוט פאַרשניאָשקעט, פאַלן זיי זיך אויף די העלדזער, קושן און האַלדזן זיך, און פאַרגעסן דאָס אָקערשטיקע געשלעגעריי אויף דער שענער גאַס...

פאַראַן צווישן זיי אויסגעדינטע סאָלדאַטן. זיי באַנוצן זיך מיט די רוסי־שע קללות און „פּעטע״ ווערטלעך, וואָס זיי האָבן אַהיימגעבראַכט פון פאַניען.

גאַנץ אָפט פלעגט טרעפן, אַז ביז איבער אַ יאָר שׂימחת-תּורה האָבן זיך געביטן די כּגופיות: די היינטיקע באַוולטע זענען געוואָרן די באַוולער; און מען נעמט שלאָגן פאַר נייע אָנגעקליבענע עוולות במשך פון פאַרגאַנ־גענעם יאָר — אַן אמתער גלגל החוזר.

# קאַפּיטל זיבן

אין שטעטל זענען פאַראַן צוויי „טריפהנע״ שענקען. מען רופט זיי „טריפהנע״, ווייל זיי האָבן נישט קיין „פּאַטענט״ צו פאַרקויפן אַלקאָהאָלישע געטראַנקען, דאָס צאָלן פאַר דער דערלויבעניש ווערט ביי זיי פאַררעכנט ווי אַ רוסישע גזרה.

די בירשענק פון מינדל קיילעס איז מיינסטנס אַ שבת־יום־טובדיקע. אַלע ייִדן אין שטעטל זענען ביי איר פאַרצייכנט אין אַ לאַנגן שוואַרץ־טאָוולדיקן בוך, נישט מיט קיין נעמען: אין די געשוירענע פּאַפּיר־צויטן, ווי לאַנגע ברייטע „לאָקשן״, האָט יעדער „לאָקש״ אַ באַזונדערן דערקענצייכן, וואָס זעט אויס ווי עגיפּטישע היראָגליפן, אַ שטייגער: דער האַלב־בלינדער שניידער, מאיר קרושניקער, איז באַצייכנט מיט אַ געגנדזענער פּעדער און טינט, ווי אַ פאַרשמירט אויג. ביים הינקענדיקן יאַנקל סטאָליער איז אויף זיין „לאָקש״ פאַראַן אַ היבעל מיט אַ קוליע. אַ שניידער האָט אויפן שמאָל־געשניטענעם פּאַפּיר־צויט אַ שער, אַן אייזן מיט איין אָדער מער פינטעלעך. מינדל נעמט ביי קיינעם נישט קיין געלט ביי זיך אין שענק. יעדער איינער האָט אין מינדלס בוך זיין „לאָקש״. ווען עמעצער ווערט, גאָט באַהיט, אָפּגעשיידט פון דער וועלט, בלייבט די פאַרצייכענונג פאַר קינדער און קינדס־קינדער.

מינדל קיילעס זיצט אויפן הויכן קופערט, איבערן געצאַפּטן בירפאַס, מיטן לאַנגן בוך אין האַנט. זי פאַרצייכנט דאָס מינדסטע פלעשל ביר, וואָס ווערט געגעבן צו די געשיקטע ייִנגלעך אָדער מיידלעך, אָדער צו די, וואָס קומען צו איר אין שענק, זיצן ביי די טישלעך אין דער גרויסער טונקעלער שטוב לעבן דער וואַנט פון די דריי טויערן צו דער שול און די דריי בתי־מדרשים. יעדן דינסטיק אינדערפרי גייט מינדל אַרום צו אירע קונים מיטן שוואַרצן בוך הינטער דער פאַטשיילע און מאָנט אויף פאַרן געטרונקענעם און גענומענעם ביר. דערפאַר האָט זי נישט קיין מורא פאַרן אַקציזניק.

אָבער ווען דער אַקציזניק קומט אַ מאָל אומגעריכט אין מינדלס שענק אויף אַ רעוויזיע, און ער „פּאַקט" זי מיט די טישלעך ביר־טרינקער, הייסט ער זיך ווייזן דעם פּאַטענט. מינדלס טאָכטער, רוכטשע, טראָגט צו די טישלעך טעלערלעך מיט געלן שלום־זכרדיקן אַרבעס. מינדל ווענדט זיך מיט גרויס העפלעכקייט צום באַאַמטן: וואָס וויל ער? דער אַקציזניק ווערט רויט פון כעס און ווייזט מיטן פינגער אויף די אַלע טרינקער ביי די טישלעך און אויף דעם גרויסן פאַס ביר. מינדל ענטפערט אים: היינט איז איר איינציקער טאָכטערס געבוירן־טאָג. דעם אַקציזניק העלפט נישט זיין טופּען מיט די פיס, זיין שרייען: „ווי איז דאָס מעגלעך צו האָבן שׂימחות יאָרן לאַנג? ווו נעמסטו דאָס געלט אויף אַזוי פיל הוליאַנקעס?" מינדל בלייבט טויב ווי די וואַנט.

אַזוי שנעל ווי דער רעוויזאָר פון גובערניע איז אַוועק פון שטעטל, זענען שוין ביי מינדלען אין שענק געזעסן די פּאָליציאַנטן און געטרונקען די קופּליעס ביר אָן אויפהער. די צוויי אלמנות, די מאַמע און טאָכטער, וואָס האָבן שווער געאַרבעט אויף זייער אויסקומעניש, האָבן דאָס טרינקען פון די פּאָליציאַנטן באַטראַכט ווי אַ פּשוטע גזלה.

די אַנדערע „טריפהנע" שענק איז מיט אַן אַריינגאַנג פונעם מאַרק. דאָס איז אַ שיינע שטוב מיט אַן אַלקער, שטענדיק ציכטיק־העל אויסגעווייסט, צוגעפּאַסט צו דער שיינער בעל־הביתטע זלאַטעלע די „רביצין" — בלוט און מילך, מיט אַ פּנימל, וואָס מען האָט נישט געקאַנט אַריינקוקן דעריין, ווי אין דער זון. זי האָט געבלענדט און געפּעכלט מיט איר פרוויזשן רייץ ווי אַ פאַרפירערישע לילית. סיי פּויערים, סיי פּריצים און נאַטשאַלסטווע האָבן איינגענומען די פּגירה פאַר איר. די ייִדן אין שטעטל האָבן אַ שטילן נדר געטאָן נישט צו קומען אין אירע דלד־אמות, כּדי נישט געשטרויכלט צו ווערן פון איר געטאַקטער פיגור, וואָס האָט ווי אַרויסגעלויכטן פון די געפּאַסטע קליידער. און די אויגן? — די גרויסע, בלויע, מיט ברענענדיקע פינטעלעך אין זיי, האָבן גערופן די מענער אין שאול־תּחתּיה אַריין.

איר מאַן, זיסל כאַליערע — אַ מיטלוווקסיקער, ברייטפּלייציקער, מיט אַ לענגלעך פּנים, שוואַרצע אויגן, דיקע ברעמען, אַ גלוח, אַנגעטאָן אין אַ

קורצער קורטקע, אין אַ היטל מיט אַ גלאַנציקן דאַשיק, ווי ביי אַ גוי. דאָך האָבן זיי געשיקט זייער בן־יחיד דודל צו די בעסטע מלמדים און ער איז געוואָרן אַ בית־מדרשניק.

זייער שענק איז געווען די אמתע „טריפהנע״ צוליבן פאַרקויפן בראָנפן אויפן גלעזל. דורכן רוסישן רעגירונגס־מאָנאָפּאָל איז אַזאַ אופן פון פאַר־קויפן שנאַפּס געווען שטרענג פאַרבאָטן. זיסל כאַליערע האָט די שענק גע־ירשנט פון זיין טאַטן זאַנוול, דער ברייטפּלייציקער גיבור, וואָס האָט בעת אַ כאַליערע־מגפה אין שטעטל אוועקגעשטעלט אין מיטן מאַרק אַ טיש מיט גלעזלעך בראָנפן פריי פאַר אַלעמען. צום מיינסטן האָבן דעם בראָנפן גע־טרונקען די שטאַרקע ברייטפּלייציקע „רייבער״, וואָס האָבן די קראַנקע געריבן מיט הייסע טיכער, און אויך די, וואָס האָבן אויסגעשפּריצט די רינשטאָקן מיט קאַלך און קאַרבאָל.

אין זיסל כאַליערעס שענק האָט מען אויך געקריגן צו פאַרבייסן פון די בעסטע געבעקסן, פערטעלעך געבראָטענע געדזונס, סיי הינטערשטע פאַרברוינטע פולקעס, סיי אייבערשטע פערטעלעך מיט די פליגל. ביים אַריינ־בייסן זיך אין זיי מיט די פאַרפעטסטע ליפּן האָבן די קונים געפילט דעם טעם גן־עדן. ביי די כאַליערעס האָט מען אויך געקריגן געבראָטענע גע־פילטע גענדזענע העלדזלעך און פופּיקלעך. די בראָטיוך פון די גענדז האָבן זיי אַוועקגעגעבן פאַר אָרעמע אלמנות, אָדער סתם אָרעמע לייט, וואָס פלעגן זיך דערמיט מחיה זיין.

ווען דודל האָט צו זיבן יאָר אָנגעהויבן לערנען ביים גמרא־מלמד, דער קליינער פישעלע, האָבן אים זיינע עלטערן אַוועקגעפירט צו זייער נאָענטן קרוב שימעלע קאַמאַשן־מאַכער און זיין ווייב פייגע־ביילע, עד זאָל וווינען ביי זיי דורך די וואָכנטעג און אַהיימקומען נאָר אויף די שבתים און יום־טובים. דאָס האָבן זיי געטאָן, כּדי צו האַלטן זייער איינציק קינד וואָס וויי־טער פון דער שענק. אַפילו שבת פלעגט די שענק שטיין אָפן און געפירט ווערן פון בוגאַלסקי, דעם געוועזענעם שיכּור, וואָס האָט פאַרטאַכלעוועט די געירשנטע שענק זיינע, ווייל עס איז אים געווען אַ שאָד, ווי ער פלעגט עס זאָגן שיכּורערהייט, פאַרקויפן אַזאַ וווּנדערלעכע זאַך ווי אָקאָוויט. ווען

ער האָט זיך שפּעטער אויסגעניכטערט און געבליבן, ווי מען זאָגט, מיטן בייטשל אין האַנט, האָט בוגאַלסקי געגומען העלפן זיסלען אין דער שענק; אין די שבתים איז בוגאַלסקי דער גאַנצער כּל־וולך אין זיסלס שענק.

אין די שבתים איז די טיר פונעם אַלקער צו דער שענק פאַרשלאָסן, מען נוצט נאָר די הינטערטיר. די מאַמע מיטן טאַטן קאָנען זיך אין די שבתים גאָרנישט אָנזעטיקן מיט זייער דודלען. מחמת פרומער בושה לאָזט ער זיך נישט צו פיל קושן פון דער מאַמען. כאַפּט זי אַראָפּ בעת דער מו־טערלעכער שפּיל זיין קליין קאַפּעלע, טוט אים אָן דאָס שבתדיקע סאַמעטע־נע היטעלע און דריקט דאָס קאַפּעלע צו אירע ברוסטן. בעת דודל זינגט די שבתדיקע זמירות און דער טאַטע ברומט אונטער, רינען פּערלדיקע טרערן ביי זיין שיינער מאַמע זלאַטעלע, וואָס ווערט דעמאָלט דערהויבן פון דער סיטרא אחרא צו דער מלכּא קדישא...

זיסל כּאַליערע האָט נישט קיין מורא געהאַט פאַרן אַקציזניק. דער גאַנצער מאַגיסטראַט, צוזאַמען מיטן נאַטשאַלניק פונעם פּאָוויאַט, האָבן, צוליב דער שיינער זלאַטעלע, זיי באַשיצט און באַהיט, געלאָזט זיי וויסן פאַרויס אויסצורוימען דאָס „חמץ" פאַרן פּאַטענטניקס קומען צו אים. דער אַקציזניק האָט קיין מאָל נישט געפונען אין זיסל כּאַליערעס שטוב קיין שמץ פון אַ שענק. ער פלעגט זיך נאָר וווּנדערן, ווייזן מיטן פינגער ביי דער נאָז, אַז ס'גאַנצע הויז שמעקט מיט בראָנפן און געבראָטענע גענדז. זיסל האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין, געהויבן מיט די פּלייצעס און געזאָגט: „ס'קאָן מעגלעך זיין, אַז אַ שכן האָט נעכטן געפּראַוועט אַ פּדיון־הבן, האָט זיך דער גערוך צעשפּרייט אין אַלע שטיבער אַרום און אַרום". זיסל האָט דעם גוי געפּרוווט געבן צו פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ „פּראַזדניק" (שׂימחה) עס מיינט פּדיון־הבן. דער באַאַמטער האָט מיט רוגזה פאַרלאָזט די שטוב.

דער דריטער „טריפהנער" שענקער — אָן אַ שענק — איז געווען דער הויכער דאַרער לאָזער גאָדלס. ומעשׂה שהיה, כּך היה: נאָך זיין חתונה מיט מאיר גאַרבערס ייִנגסטער טאָכטער צירל קלעצל — אַ נידעריקע, אַ פּליי־שיקע מיט קעלבערנע אויגן — איז לאָזער געוואָרן אַ דרדקי־מלמד. דאָס

חדר אין שולגעסל האָט ער געירשנט פון זיין פאָטער גאָדל ציריל־נעטלס, וואָס איז אַוועק פון דער וועלט פאַר דער צייט, מחמת, ווי זיינע שכנים האָבן נאָך גאָדלס לוויה געמורמלט: „מען דאַרף זיין שטאַרקער פון אייזן צו קאָנען גאָרען און קלאַפּן מיטן קאַנטשיק פון אין דער פרי ביז אין דער נאַכט אַריין אויסצולערנען אַ שייטל עברי אונדזערע קונדייסים פון שול־געסל״.

אויך זיין זון לאָזער האָט, נאָך עטלעכע יאָר מלמדות, אָנגעהויבן צו הוסטן און שפּייען מיט בלוט. געהיילט האָט אים דער בעסטער פעלדשער אין שטעטל, אלתר בולאַק, אַ הויכער און פעט־לייביקער, ווי אַ פאַס, שטענ־דיק אַ פריילעכער, מיט וואָרעם־מילדע אויגן צו יעדן איינעם, צו ייִדן און גויים. אַפילו קינדער, וואָס האָבן מורא פאַר די אַנדערע פעלדשערס און דאָקטוירים, האָבן ביים דערזען אַלתרן, מיטן געגאָלטן רויטהויטיקן קאָפּ און ברייטקיילעכדיקן פּנים, מיט די שטענדיק לאַכנדיקע אויגן, הנאה גע־האָט צו שטרעקן זייערע הענטלעך און אַריינפאַלן אין זיין וואָרעמער ווייכ־קייט.

אין שטעטל איז געוואָרן אָנגענומען ביי יונג און אַלט, אַז זיין גרוי־סער גוף איז נישט פון איבערעסן זיך, נאָר אַז די הויפּט־סיבה פון זיין געוויקסיקייט און פעטלייביקייט איז זיין נאַטירלעכע גוטסקייט און מסירת־נפשדיקע גרייטקייט צו העלפן מענטשן. ווען לאָזער מלמד איז אַריינגע־קומען צום פעלדשער אלתר בולאַק אין טומאה־געסל און האָט זיך באַ־קלאָגט פאַר אים אויף זיין הוסטן און שפּייען מיט בלוט, האָט אים אלתר געהייסן זיך אויסטאָן ביזן העמד און פאַררוקט אים דאָס העמד ביז איבערן קאָפּ. ער האָט צוגעלייגט זיין גרויסן קאָפּ צו לאָזערס אויסגעדאַרטער פּלייצע, זיך איינגעהערט צו דעם כאָרכלעניש פון לאָזערס לונגען, געקוקט פאַרזאָרגט אויף לאָזערס בלוטיקער לייכעץ. ווי אַ לייבלעכער ברודער האָט אלתר אים געהאָלפן צוריק אָנטאָן זיין שפּענצער און פאַרלאַטעטן פּאַלטן, געגלעט לאָזערן איבער זיינע איינגעפאַלענע, פאַררויטלטע באַקן און מיט שטרענגע רייד באַפוילן לאָזערן תיכף איבערגעבן די קינדער פון זיין חדר

צו אַנדערע מלמדים, זאָגן די טאַטעס פון די תּלמידים, אַז אַזוי האָט אלתּר רופא באַפוילן.

לאָזערן האָט אַלתּר פעלדשער געהייסן טרינקען ציגענע מילך מיט פּוטער, זיין וואָס מער אין דרויסן אויף דער לופט, און יעדן טאָג גיין אינעם וואַלד נישט ווייט פונעם מאַרק. „דער ווינטער", — האָט אַלתּר געזאָגט — „איז שוין באַלד אַוועק. איך וועל שוין זען, אַז דער „ביקור־חולים" זאָל דיך נישט לאָזן פאַלן, ביז דו וועסט זיך דערשלאָגן צו אַן אַנדער שטיקל פּרנסה. דאַרפסט זיך נעמען צו עפּעס אַזוינס, אַז דו זאָלסט קאָנען זיין מער אויף דער לופט. אפשר וועסטו ווערן אַ „טריפהנער" שענקער? נישקשה, דער רוסישער מאַנאָפּאָל וועט נישט אָרעמער ווערן, צווישן יידן ווערט מען נישט פאַרפאַלן.

אַלתּר בולאַק האָט לאָזערן געגעבן אַ פלאַש בראָנפן אַ מתּנה און איינגעטענהט מיט אים אַז זינט דער איינפירונג פונעם מאַנאָפּאָל, קויפן די פּויערים „מאָנאָפּאָלקעס", קלאַפּן די פלעשער אין זייערע אָפענע דלאָניעס און די קאָרקעס פליען אין דער לופטן. זיי לייגן צו זייערע הענט צו די אָהינטער־געבויגענע קעפּ און אַזוי אַרום טרינקען זיי ביז זיי ווערן שיכּור. אָבער אַ ייִד? איידער ער טרינקט אַ גלעזל בראָנפן, וואַשט ער זיך די הענט, מאַכט אַ ברכה. „גיי אַהיים, טו ווי איך הייס דיך, און גאָט וועט דיר העלפן. פאַרקויף יידן בראָנפן, יידן האָבן ליב צו טאָן מיצוות". — שמייכלענדיק האָט אַלתּר צוגעגעבן: „יידן זענען נישט שטאַרק פאַרליבט אין די לאווין: וואָס מען טאָר נ י ש ט טאָן. אַזוי פיל געזונט זאָל דיר, לאָזער, צוקומען, וויפל מאָל יידן מאַכן זיך נישט וויסן אויף די לאווין פון די עשׂרת־הדיברות. אָבער ווען ס'קומט צו מיצוות עשׂה, אויף יאָ צו טאָן, — איז פאַר יידן נישט גענוג די זעקס הונדערט מיט דרייצן מיצוות. גיי, וועסט, מיט גאָטס הילף, מצליח זיין".

לאָזערס ווייב, מלכּהלע קלעצל, האָט אַריינגעניייט אין לאָזערס פּאַלטן צוויי קעשענעס: אַ לאַנגע, טיפע בוזעם־קעשענע פאַרן פלאַש בראָנפן פון איין זייט, און אין דער אַנדערער זייט פונעם ווינטער־מאַנטל — נאָך אַ קעשענע, אַ קלענערע, וווּ ער האָט געהאַלטן אין אַ שקאָרמעץ אייער־ און

מאַנקיכלעך, אחוץ ברוינעם באָקסער, וואָס לאָזער האָט געגעבן צו יעדן טרונק־בראָנפן אָן געצאָלט. דער באָקסער האָט, אַגב, דערמאָנט דעם טאָג פון לאָזערס ווערן אַ שענקער — חמישה־עשׂר־בשבט.

לאָזער איז געקומען יעדן פאַרטאָג אין אַלטן בית־המדרש צום תהילים־זאָגן, פאַרן דאַווענען. נאָכן דאַווענען האָט לאָזער צעקנעפּלט דעם פּאַלטן, ווי עס האָט זיך אַרויסגעזוגן דאָס גלעזערנע העלדזל פונעם פלאַש בראָנפן. לאָזער האָט אויף שטום־לשון געוויזן די ייִדן, בעתן צוזאַמענלייגן די טליתים, אויפן רויטלעכן באַנדעראָל מיט די צוויי ציפער — 95. די בעלי־מלאכות: שוסטער, שניידער, קאַמאַשן־מאַכער, סטאָליער, טרעגער און אויך דאָרפסגייער, האָבן, אַזוי ווי מן־הצד, געקוקט אויפן רויטן באַנ־דעראָלירטן העלדזל פונעם 95ער און דאָס האָט דערוועקט זייער אַפּעטיט צו געבן לאָזערן צו לייזן פאַר אַ צענדליק גלעזלעך יי״ש. עטלעכע פון די פּריצישע שניידער האָבן, אויס „רחמנות״, גענומען ביי לאָזערן נאָך אַן עקסטרע גלעזל בראָנפן, ווי געטאָן אַ מיצווה. זיי האָבן דערביי זיך געווישט די וואָנצעס מיט דער הנאה פון קויפן זיךביידע וועלטן: אי מהנה געווען דעם גוף, אי אָנגעהויבן באַלד נאָכן דאַווענען מיט אַ מיצווה. לאָזערס פאַררויטלטע שווינדזיכטיקע באַקן זענען נאָך רויטער געוואָרן ביים ציילן די קופּערנע זעקסערס פאַר די פאַרקויפטע גלעזלעך בראָנפן, און ער האָט אין דער שטיל געבענטשט דעם רופא אַלתרן פאַר זיין עצה־טובה.

לאָזער איז אויך אַרומגעגאַנגען מיטן פלעשל און די קיכלעך אויף דער אייבערשטער צייל — צווישן די טרעגער, פישער־יונגען, בעלי־עגלות, וואָס זענען געוואָרן זיינע בעסטע קונים. דער שטאַרקסטער טרעגער, מיט אַ פּנים פון אַ לייב — בערל טשאַטשקע, וואָס האָט געשפּילט פּורים אין דער מכירת־יוסף־שפּיל די ראָל פון יהודה, האָט מיט זיין מעכטיק קול געזאָגט צו די טרעגער און פישער־יונגען: „מיט יעדן גלעזל בראָנפן, וואָס מיר גיבן צו לייזן לאָזערן, העלפן מיר פאַרטרייבן דעם מלאך־המוות פון אים״.

ווען ס׳איז געקומען דער ליבער זומער, האָט סרולקע סאַדאָווניק, וואָס האָט געהאַלטן אין אַרענדע דעם גלחס סאָד, אויסגעבעטן פאַר לאָזערן אַ

געלעגער אין זיין גרויסער בודע, צו „כאַפּן" דאָרט פרישע לופט, ווי אַ רפואה פאַר זיינע קראַנקע לונגען.

איין מאָל האָט מען לאָזערן געפּאַקט: דער אַקציזניק האָט פון לאָזערס בוזעם־קעשענע אַרויסגעצויגן דאָס פּלעשל מיט די פאַרבייסעכצער און אים שטרענג געפרעגט: „ווּ איז דיין דערלויבעניש פון קאַזנאַ צו פאַר־קויפן שנעפּסלעך אויפן גלעזל?". לאָזער איז דערשראָקן געוואָרן. ער האָט זיך שטאַרק צעהוסט און אויסגעשפּיגן אַ ביסל פאַררויטלטע שפּייעכץ. דער פּאַטענטניק האָט לאָזערן צוריק אַריינגערוקט דאָס פלעשל אין זיין גרויסער קעשענע, אַ פּאַכע געטאָן מיט דער לינקער האַנט צו לאָזערן — צי אויס מיטלייד, אָדער ווי פּטור צו ווערן פון אים. ווער ווייסט? — — —

*

אין שטוב איז מיט אַ מאָל פינצטער געוואָרן ווי אין אַ קעלער. אַ וואַ־רעמער ווינט האָט געבלאָזן פון די אָפענע פענצטער און פון די צעפּראַלטע באַלקאָן־טירן. זישע האָט פאַרמאַכט די פענצטער און טירן, אָנגעצונדן דעם גרויסן הענגלאָמפּ און מכבד געווען פנחסן מיט אַ גלאָז סאָדע־וואַסער מיט מאַלינע־סאָק. אַ גאַס־רעגן, ווי מיט צעבערס, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט און געקלאַפּט אין די שויבן. אָבער באַלד, נאָכן קורצן זומערדיקן רעגן, האָט זיך דער הימל אויסגעלייטערט מיט אַ העלער בלויקייט. זישע האָט ווידער צעעפנט די פענצטער און די צוויי לאַנגע שויבנטירן פונעם באַלקאָן. אַ שמעקנדיקע פרישקייט, ווי פון אָקערשט־געשניטענעם היי, האָט אָנגעפילט דעם חלל.

זישעס אויגן האָבן זיך שעלמיש צעשמייכלט ביים זאָגן פנחסן: איי־דער כ׳גיי דיר ווייטער דערציילן, וואָס ס׳איז דאָ געשען זינט דו ביסט אַוועק פון דאַנען, וועל איך פריער פאַרענדיקן די טשיקאַווע מעשה פון דער שענקערינס מינדל קיילעס איינציקער טאָכטער, רוכטשע די ציגיינע־ריין, ווי מ׳האָט זי גערופן, אַן אלמנה, וואָס מ׳האָט זי געוואָלט מאַכן פאַר אַ גרושה.

רוכטשע — אַ מיטלוווקסיקע, מיט גרויסע שוואַרצע אויגן און לאַנגע

ווײַעס, מיט דיקלעכע שוואַרצע ברעמען, פאַררונדיקטע, ווי צוויי ריישן, — פלעגט זיין די איינציקע סאַרווערין אין איר מוטערס בירשענק. זי פלעגט טראָגן די פריש־געצאַפּטע ווייסשוימיקע קופלעס ביר צו די טישלעך, סיי אין די וואָכנדיקע טעג, סיי אין די שבתים און ימים־טובים.

ס'איז שוין געווען אַ געוווינהייט אַזאַ: נאָך איר אָוועקשטעלן פאַר די געסט די קופלעס ביר, האָט רוכטשע געפּעטשלט זייערע אויסגעשטרעקטע הענט, די גלוסטיקע, ווי בינען צו דופטיקע בלומען. זי האָט מיט איר רייצנ־דיקן שמייכל צו זיי זיך געוועדט מיטביידע הענט גייענדיק אויף הינטער־ווײַלעכטס, ביז זי איז צוריקגעקומען צום גרויסן פאַס ביר, ווו איר מאַן, זעליגל גראַזדע, דער אויסגעדינטער סאָלדאַט אין יעקאַטערינאָסלאַוו, האָט מיט זיינע ריזיקע הענט, ווי די דעמבענע קלעצער, געהויבן די גרויסע פעסער ביר, געגאָסן אין די דיקע גלעזער פאַר זיין ווייב רוכטשע.

איר ערשטער מאַן איז געווען דער אויסגעדאַרטער, בלאַסער בית־המדרשניק יאָסעלע ביילעס ע״ה. דורך די נעכט, קאַרטשענדיק זיך ווי אַ שלאַנג, האָט זי אים נישט אָפּגעלאָזט פון זיך ביז ער איז אַוועקגעפאַלן ווי אין אַ הינערפלעט; ער האָט אפילו שוין נישט געהאַט קיין כּוח צו גיין אין זיין בעט אַקעגן איבער. שפּעטער מיט אַ יאָר איז זי נאָכגעגאַנגען נאָך זיין מיטה און אים באַגלייט צו זיין אייביקער רו. נאָך דער שבעה האָט זי זיך געגעבן אַ שבועה, געטאָן אַ נדר ביי זיין פרישן קבר, קיין מאָל מער נישט חתונה צו האָבן — „איך וויל נישט בלייבן קיין מענער־מער־דער" — האָט זי געזאָגט צום ליפּסקער רבין, בעת איר מוטער מינדל קיילעס האָט זי געברענגט צו אים, ער זאָל איר מתּיר־נדר זיין. דער רבי האָט געקנייטשט זיין גרויסן שטערן מיט די ווייס־גרויע ברעמען, און גע־זאָגט צו איר מוטער מינדל: „כ'קאָן דיין טאָכטער נישט צווינגען זי זאָל נאָך אַ מאָל חתונה האָבן, ווייל אפשר איז זי טאַקע פון יענע ווייבער, וואָס אונדזערע חכמים באַצייכענען זיי פאַר „נשים קטלניות", ביי וועלכע עס האַלטן זיך נישט די מענער. ווייבער, ווי דיין טאָכטער, זענען ייִדישע כּשרע קינדער, ווי דער השם־יתברך האָט געבאָטן, אָבער מיט שטאַרקע יצר־הרעדיקע תאוות, רחמנא־ליצלן. דערצו נאָך ביי אייך אין שענק, ווו זי

ווערט ניכשל פון אַזוי פיל באַטרונקענע מאַנצבילן. איז אפשר גלייכער, זי זאָל צוװאַרטן מיטן חתונה האָבן צום צווייטן מאָל ביז זי וועט עלטער ווערן״.

אָבער פון דעם זעליגל גראַזדע, דעם אויסגעדינטן זעלנער און משרת ביי זיי, האָט זי בשום אופן נישט געקאָנט פּטור ווערן. ער פלעגט ליגן ווי אַ הונט ביי איר טיר יעדע נאַכט און געהאַלטן אין איין בעטן זיך, אַז זי זאָל אים אַריינלאָזן; ער וויל גאָרנישט, נאָר קושן אירע פיס. איר מוטער, וואָס האָט זיך צוגעהערט צו זיין איינגעהאַלטענעם רעווען ביי דער טיר פון איר שלאָפאַלקער, האָט זי צוגערעדט חתונה צו האָבן מיט אים. שטי־לערהייט פלעגט זי שעפטשען צו איר: „רוכטשעלע קרוין, מיין איינציק אויג פון קאָפּ, האָב רחמנות אויף דיר און אויף מיר. לינדער דיין פּיין און אויך זיינע. ביי נאַכט בייסטו די קישנס און קאָלערסט זיך אין בעט ווי אַ נישט דערקוילעט הינדל. פאַרברען נישט דיין שיינעם גוף אומזיסט און אומ־נישט, האָב חתונה מיטן שטאַרקן זעליגל. אפשר וועט נאָך דיין מאַמע דער־לעבן צו טראָגן אויף אירע הענט אַ קינד פון דיר, וואָס מען וועט אַ נאָמען געבן נאָכן טאַטן דיינעם״. זי האָט זיך צוגעהערט צו איר מוטערס רייד און חתונה געהאַט מיט אים.

זעליג גראַזדען האָט זי נישט משלח געווען אויף יענער וועלט אַזוי־גיך. געשען איז גאָר עפּעס אַנדערש: געווען אַ שטענדיקער אַריינגייער פון דער שענק, אַ „יאַסני וויעלמאַזשני״. צוליב דער שיינער רוכטשע, אָדער אפשר צוליב דעם, וואָס ווען זעליג פלעגט אים דערזען, האָט ער שנעל זיך אויפגעשטעלט, זעלנעריש זיך אויסגעצויגן פאַר אים, און אַ קלאַפּ גע־טאָן איין פוס אין אַנדערן, ווי פאַר אַ רוסישן גענעראַל — אַזוי צי אַזוי — זעליג האָט נושא־חן געווען ביים פּריץ און ער האָט אים פאַרדינגען אין פאַכט איינעם פון זיינע וועלדער.

ווי נאָר זעליג גראַזדע איז געוואָרן אויס שענקער און דערהויבן גע־וואָרן צו אַ וואַלד־סוחר, האָט ער זיך אַריינגעצויגן אין אַ גביר׳ש הויז אויף דער אייבערשטער הויכער צייל אינעם מאַרק. ער האָט אויסגעטאָן די קורצע קורטקע מיט די לאַקירטע גלאַנציקע שטיוול, אָװעקגעװאָרפן דעם קאַשקעט

מיטן שוואַרץ־שפּיגלדיקן דאַשיק, זיך געלאָזט אויפנייעןביים פּריצישן שניידער אַ געהאַקטע קורצע קאַפּאָטע מיט זיידענע שנירלעך ביים קאָלנער און קלאַפּעס, פּאַלטענעס מיט ווידרענע קעלנער, אויך שבת־יום־טובדיקע מלבושים, אַ ביסל פאַרקירצטע: אַ סאַטענדעליאַנענע זשופּיצע מיט לאַנגע קלאַפּעס, אַ זיידענעם שלאַפראָק מיט געלע לאַמפּאַסן און אַ דיקן גאַרטל מיט פאַרקיילעכדיקע לאַנגע טראָלדן. זעליג גראַזדע האָט מער נישט אַריינגעשמעקט אינעם קליינעם בית־המדרשל, ווי פריִער, צו דאַווענען מיט השכּמה צוזאַמען מיט די אַנדערע אויסגעדינטע סאָלדאַטן. ער האָט שוין געדאַוונט אין דער אַלטער שול אויף יענער זייט באַלעמער, אַקעגן דעם אָרון־קודש, וווּ ער איז די שבתים און יום־טובים געשטאַנען איינגע־הילט אין זיין נייעם וואָלענעם טערקישן טלית.

רוכטשע האָט שוין מער נישט געטראָגן איר רויטלעכע ספּאָדניצע מיט דער פאַרביק־געשטרייפּטער בלוזקע, ווי אין שענק, נאָר באַשטעלט קליי־דער, ווי די גרעסטע גבירטעס פונעם גאַנצן קאַנט, ביים מאָדיסט וועלוועלע ווייס, מיטן איידל־בלאָסן געגאָלטן געזיכט, מיט די וואָנצעס און מיט די הויך־געדיכטע לאַנגע האָר. ער האָט אויסגעזען ווי אַ וואַרשעווער אַרטיסט. ביי אים אין אויפנעם־סאַלאָן מיטן גלאָק איבער דער אַריינקום־טיר, זענען אויף עטלעכע מאַהאָגענע טישלעך געלעגן פאַנאַנדערגעשפּרייט פּאַריזער מאָדע־זשורנאַלן, לויט וועלכע רוכטשע פלעגט באַשטעלן אירע קליידער פון סאַמעט, פּליוש, סאַטענדעליאַן און זיידענע טשינטשעלי, ווינטערדיקע ראָ־טאָנדעס מיט סויבלנע קעלנער.

רוכטשע איז דווקא נישט געווען אַזוי שטאַרק צופרידן ביים מעסטן אָדער אָנטאָן זיך אין די טייערע קליידער. איר האָט זיך געדאַכט, אַז אין יענע שענק־קליידער, פּראָסטע און איינפאַכע, האָט מען נישט אַרויסגעזען די קישעלעך הינטער אירע אויגן. דעמאָלט, אין דער האַלב־פינצטערער שענק, האָבן זיך נישט אַזוי געוואָרפן אין די אויגן די דינע קנייטשעלעך אַרום האַלדז, אַזוי ווי דאָ, אין די ליכטיקע שפּיגלען.

רוכטשע האָט יעדן פרייטיקס־צונאַכטס געבענטשט ליכט אין ניי־בלאַנקעדיקע זילבערנע לייכטער מיט דער 84ער פּראָבע און אויך אין די

ירושהדיקע פיר מעשענע לייכטער פון איר מוטער מינדל ע״ה. זי האָט אַרומגעשלייכט אין שטוב אין איר זיידן קרינאָלינע־קלייד אויפן גליטשיקן דיל מיט אויסגעשפּרייטע קאָלירטע טעפּעכער, ווי אַ שוועבנדיקע שבתדיקע פּרינצעסין. ר׳ זעליגל האָט פון שול מיטגעבראַכט אַהיים צוויי אורחים אויף שבת. ער האָט זיי מכבד געווען מיטן זאָגן „שלום עליכם מלאכי השרת״. דער אורח מיטן חסידישן אויסזען האָט געמאַכט קידוש, זעליג האָט געמאַכט די ברכה איבער די צוויי שבתדיקע חלות, געטיילט גרויסע מוציאס אַלע זיצנדיקע אַרום טיש, ווי אויך די צוויי דינסטמיידלעך אין קיך, וועל־כע האָבן דערלאַנגט צום טיש מעדני מלכים, און זעליג האָט, צוזאַמען מיט די אורחים, אויסגעזונגען אַלע שבתדיקע זמירות.

רוכטשע, די אַמאָליקע שענק־ציגיינערין, איז געזעסן ביים טיש באַ־האַנגען מיט צירונג ווי אַ טולע, מיט ברייטע זעקס שנירן עכטע פּערל. ווי רעגנבויגנדיקע פּייערלעך שימערירן זיי קעגן די שבת־ליכט. זי זיצט קעגנאיבער איר מאַן זעליגל, ביי אַן אָפענעם קרבן־מינחה־סידור מיט אַ זילבערנעם באַשלאַג, ווי אַן אמתע אשת־חיל. זי איז עלטער פון אים מיט אַ היפּש ביסל יאָרן ; אויפן ערשטן בליק זעט זי אויס צו זיין זעליגס אַ מאַמע.

די אורחים עסן פון כל־טוב, גלעטן זיך בהרחבהדיק די בערד ביים זינגען די זמירות. ער, זעליג, ברומט אונטער שטיל אַ יעקאַטערינאָסלאַווער לידל, ער פאַרדרייט עס אָבער אַזוי קונציק, ס׳זאָל זיך אַריינפּאַסן אין די שבתדיקע זמירות. נאָכן עסן בענטשט מען מיט מזומן. דער בעל־הבית, זעליג, הייבט אָן מיט די ווערטער : „רבותי, מיר וועלן בענטשן״.

רוכטשעס אויגן ציִען אים אין בעט אַריין. אין דער פינצטער זעט ער נישט איר צעקנאָדערטע הויט און די ווייכע בריסטן, וואָס ער באַרירט מיט זיין האַריק לייב. אָבער ביי טאָג זעט ער, ווי די עלטער האָט זיך צעלייגט איבער איר גאַנצן קערפּער. איר אַמאָליקע גלייכע פּלייצע הייבט שוין אָן צו ווערן אַ ביסל פאַרקייליעכדיקט. האָט ער אָנגעהויבן ביזלעך צו מור־מלען און טשעפּען זיך צו איר : דאָס שייטל אויף איר קאָפּ געפעלט אים נישט ; מ׳זעט אָפּער די גרויע האָר ; די זיידענע בלוזקע שטייט צו ווייט

אַוועק פון האַלדז; פון פאַרנט זעט מען ביי איר אַרויס די קנייטשן, ווי ביי אַ פּאַדלע; פון הינטן וואַקסט ביי איר אַ קליין הויקערל, וואָס ווערט גרע־סער פון איין שבת צום אַנדערן. רוכטשע, אַ באַליידיקטע און פאַרשעמטע, האַלט איין איר ווייטיקלעכן כּעס, אָבער ברוגזלעך זאָגט זי אים: „קוק נישט ווי די כּוהנים דוכנען, ס'דייניקע באַקומסטו?"...

זישע באַמערקט:

„ווען ער, זעליג, וואָלט ווייטער געווען פאַרטאָן טאָג ווי נאַכט אין הייבן פּעסער און צאַפּן ביר ביז שפּעט ביי נאַכט, און נאָך דעם וואָלט ער אַוועקגעפאַלן אויפן בעט, ווי אַ געהרגעטער, וואָלט גאַנץ אַנדערש געווען. אָבער אַצינד איז ער דאָך ר' זעליג דער וואַלד־סוחר, אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט משרתים און יוצר־משרתים, נאמנים, מיט כּיבודים אויפ־ריכטיקע און פאַלשע. ער גייט מיטן פּריץ אין דער פאַרקויפטער שענק זיינער צום אויסגעדינטן זעלנער שימעלע טרעגער, וואָס נעמט אויף דעם פּריץ זיינעם, ווי ער האָט אים אויסגעלערנט צו טאָן. און צום פּריץ גופא קומט ער איין מאָל אין חודש אין זיין הויף זיך אָפּרעכענען, הוליעט מען דאָרטן גאַנצע נעכט מיט די יונגע פּאַניענקעס"...

ווען זעליג קומט אַהיים זיך צולייגן נאָך די מידע נעכט און שטייט אויף טרינקען טיי מיט אַ ביסל מאַלינע־סאָק, האָט ער צייט צו כאַפּן אַ בליק אויך אויף רוכטשען, וואָס זעט אויס מיטן גרויען קאָפּ אירן, ווי זיינס אַ באָבע, עס פעלט איר נאָר אַ הויב מיט ציטער־שפּילקעס. ער האַלט זיך אין איין בעטן ביי איר: „רוכטשעלע, באָבעשי מיינע, האָב רחמנות אויף מיר און גיב מיר אַ גט! כ'לאָז דיר איבער דאָס גאַנצע הויז מיט האַק און פּאַק". ער נעמט דערביי אַרויס דעם ברוין־לעדערנעם בייטל מיטן געלט און זאָגט צו איר: „רוכטשע, נו? נעם אַרויס וויפל טויזנטערס דו ווילסט, אָבי קום מיט מיר צום בעזדן (בית־דין) און גיב מיר די זיבן שורהלעך! ווי זאָגט מען ביי אונדז, האַ? שטאָט צוויי זאָלן ווײנען, זאָלן בעסער פיר לאַכן". רוכטשע ענטפערט אים אַפילו נישט. זי מעסט אים אָפּ מיט אירע שוין אַ ביסעלע אָפּגעקילטע אויגענעס פון קאָפּ ביז די פיס, מאַכט אַ מינע, ווי זי וואָלט אים זאָגן: „רעד צו דער וואַנט!"

זעענדיק, אַז מיט גוטן וועט ער ביי איר גאָרנישט אויספירן, האָט ער באַשלאָסן צו גיין מיט בייזן. ביים טיש, צום אָנבייסן, גלייך אין דער פרי, נאָך איידער ער איז אַוועק אין וואַלד, האָט ער זי געגומען זידלען, ווי זי וואָלט זיין די ערגסטע און געפאַלנסטע פרוי. ער האָט איר פאָרגעוואָרפן, אַז ווען זי האָט געהאָלפן אין דער שענק, האָט זי בכיוון מיט אירע כּישופֿ־דיקע אויגן צוגעצויגן צו זיך אַלע מאַנצבילשע הענט, ווי אַן אמתע נפקא. ער האָט איר אויך פאָרגעוואָרפן, אַז זי האָט מיט אירע ווילדע שטיק אַוועק־געהרגעט איר ערשטן מאַן, דעם כּניאַק. בעת דער וועטשערע האָט ער גע־שריגן אויף איר, די דינסטן זאָלן הערן, אַז אַלע אירע מאַכלים טויגן אויף כּפּרות, האָבן קיין יידישן טעם נישט, זי קאָכט לויטן געשמאַק פונעם שוס־טער־געסל. פאַר גרויס כּעס האָט ער געוואָרפן די טעלער מיט עסן אויפן פראָטערירטן פּאַרקעט־דיל. דאָס ברעכן טעלער איז ביי זעליגן געוואָרן אַ טאָג־טעגלעכע עובדה; און געענדיקט האָט זיך דאָס תּמיד מיט ירגזון: „גיב מיר אַ גט!"

רוכטשע, אַן אויפגערעגטע און באַזידלטע, פלעגט שווייגן און אים גאָרנישט ענטפערן. זי פלעגט נאָר אויסשטרעקן איר רעכטע האַנט, אריינ־שטעקן דעם גראָבן פינגער צווישן די צוויי לאַנגע, און אים ווייזן: „אָט דאָס וועסטו קריגן פון מיר, אַ פייג, און נישט קיין גט!" ער האָט געזען, אַז ער וועט גאָרנישט פועלן ביי איר, איז ער אַוועק צום דיין ר׳ יאָשע, אים דערציילט די גאַנצע מעשה, ער האָט זיין ווייב רוכטשען באַרעדט ווי אַ חצופה אין שענק. דער דיין, ר׳ יאָשע, האָט געשיקט דעם שמש זיינעם צו רוכטשען, זי זאָל תּיכּף קומען אין בית־דין־שטוב צו אַ דין־תּורה מיט איר מאַן.

ס׳איז געווען אָנהייב זומער. די פרישע בעז־בוקעטן אין גרויסן זאַל און אין שלאָפצימער האָבן זי דערפרישט. רוכטשע האָט זיך אויסגעפוצט אין איר באַטיסטן קליידל און גענומען דעם רויטן זיידענעם פאַראַסאָל. אַ שמייכל האָט זיך פאַרצויגן איבער איר פּנים ביים דערמאָנען זיך דאָס ווערטל: „זיך אויסגעפוצט ווי חוהלע צום גט" און געטראַכט ביי זיך: אָבער נישט ביי רוכטשען.

זעליג האָט אַרויסגעלייגט פאַר דעם דיין זיינע טענות, אַז זיין חתונה האָבן מיט איר איז געווען אַ „מקח־טעות". דאָס דאָזיקע ווערטל האָט ער געגנאַשט ביי איינעם פון זיינע וואַלד־נאמנים. ער האָט איבערגעחזרט די אַלע רייד, וואָס ער האָלט אין איין טענהן די גאַנצע צייט מיט איר: וועגן אָוועקגעבן איר אַלצדינג, וועגן דעם, אַז זי איז נישט פאַר אים. ווען דער דיין פרעגט אים, ווי עס זעט אויס ביי זיי דאָס מאַן־און־ווייב־לעבן, צע־צינדט זיך זעליגס פּנים ווי אַ פייער, און ער צעשרייט זיך מיט כּעס: „רבי! זי איז אַ נישטגוטס, אַ שדכע! זי קאָלערט זיך ווי אַ גיפטיקע שלאַנג, זי לאָזט מיך נישט אָפּ פון זיך, ביז כ'פאַל אָוועק אַ האַלב־טויטער, אָבער ווען כ'עפן מיינע אויגן אין דער פרי ווערט מיר פינצטער און ביטער; זי פּאַסט נישט פאַר מיר. ס'איז, רבי, געווען אַ מקח טעות, דערפאַר טאַקע קומט מיר אַ גט".

דער דיין, ר' יאָשע, האָט געקוקט אויף רוכטשען, אויף אירע ברייט־צעעפנטע אויגן און דעם שמייכל צווישן די קנייטשעלעך אַרום איר נאָז און ליפּן. דער דיין פרעגט זי, צי זי איז גרייט אים צו געבן אַ גט? זעליג שפּרינגט אַזש אונטער פונעם בענקל: „רבי, כ'גיב איר אַוועק ס'הויז מיט „הכּל־בּכּל מכּל־כּל" — אַ האַלב פאַרמעגן פון אַלץ וואָס איך פאַרמאָג".

רוכטשע האָט אָפּגעענטפערט געלאַסן און שטיל: „רבי, כ'וויל גאָר־נישט פון אים, כ'וויל קיין גרושה נישט זיין; ער האָט מיך גענומען אַן אַלמנה, טאָ זאָל ער מיך צוריקשטעלן אַזוי ווי ער האָט מיך גענומען — אַן אַלמנה"... דער דיין, ר' יאָשע, האָט מיט זיין רויטער קעשענע־פאַטשיילע פאַרדעקט דאָס מויל און זיך באַמיט נישט צו ווייזן זיין איינגעהאַלטענעם שמייכל.

אויסגעלאַכט, דערשלאָגן נאָך דער דאָזיקער דין־תּורה ביים דיין, ר' יאָשע, איז זעליג גראַזדע געשטאָרבן אין אַ שטאָק־פינצטערער נאַכט פון אַ האַרצשלאַק ביי רוכטשען אין בעט... זעליג גראַזדע איז שטענדיק גע־ווען פאַרנומען אין וואַלד ביים זעגן, האַקן און טעסען די ביימער, אויס־גלייכן קלאָפּטער און אַנדערע אַרבעטן. דערצו האָט ער נאָך זיך אָפּגעגעסן דאָס האַרץ, געבייזערט זיך אויף די נאַכטוועכטער צוליבן נישט היטן גענוג

אין די נעכט קעגן גנבות. ער פלעגט אויך זידלען און שנידלען די וואַלד־שרייבער און נאמנים פאַרן נישט אָפּהיטן ווי געהעריק זיין וואַלד. זיי פלעגן אָפּהוזקן פון אים הינטער זיינע פּלייצעס: „זיין וואַלד! אויף זיין מיסט געוואַקסן, ער האָט אים געפּלאַנצט מיט די קאָרקעס פון זיינע ביר־פלעשער". זיי פלעגן אויך מאַכן דאָס געגאַר פון אים ווען ער פלעגט קו־מען אין וואַלד אַ מידער און קוים געקאָנט שלעפּן די פיס נאָך די נאַכט־הוליאַנקעס ביים פּריץ. ער האָט געהאַלטן אין איין קלאַפּן מיט דער רעכ־טער האַנט איבערן מויל, איינצושטילן דאָס געגעצן, וואָס האָט אָפּגעהילכט איבערן וואַלד.

פאַרן שטעטל זענען נישט פאַראַנען קיין שום פאַרהוילנקייטן פון קיי־נעמס מעשׂים, די גוטע ווי די שלעכטע. ווי שטייט אין דער ראש־השנה־דיקער תּפילה? „וכל מאמינים שהוא הבוחן ובודק גנזי נסתרות". ער אין הימל ווייסט אַלע פאַרבאָרגנקייטן פונעם מענטשן. אין שטעטל זענען הימל און ייִדן ווי אַ צווילינג. ווייסט יעדער, אויף זיין שטייגער, וואָס ס׳טוט זיך אינעם הימל, און גאָר אַ סך, וואָס ס׳טוט זיך ביי ייִדן, אונטער דער נאָז.

ווען ס׳קומט צו אַ זעליג גראַזדע, איז זיין פאַרשייטקייט פאַרשריבן אויבן, ווי ס׳שטייט אין „ונתנה תּוקף", און אין שטעטל ווערט געהאַלטן אַן אויג אויף אַלעמען. דערפאַר זענען צו דער לוויה געקומען נאָר די וואַלד־שרייבער און די אויסגעדינטע סאָלדאַטן און איין צייט מיט אים אין יעקאַטערינאָסלאַוו.

מרדכי נעשעס, דער גבאי פון דער חברה־קדישא, האָט געהייסן ירח־מיאל קברן גראָבן אַ קבר לעבן דעם שפּיליטער בינעם קראַנץ, אויך אַ בעל־עברהניק, וואָס האָט אָבער געהאַט, ווי זעליגל, אַ גוט האַרץ און אַן אָפענע האַנט. ביים קבר האָט נאָך זעליגן געזאָגט קדיש זיין וואַלד־נאַמן, טוביה באָזשיק, וואָס האָט אים אויסגעלערנט זאָגן צום דיין ר׳ יאָשע: „אַז זיין חתונה מיט רוכטשען איז געווען אַ מקח־טעות".

# קאַפּיטל אַכט

זישע האָט זיך אויפגעשטעלט און אַרויסגענומען פונעם קאָמאָד דאָס פלעשל ווישניק. ביים אָנגיסן די צוויי גלעזלעך האָט זישע געזאָגט:

„קודם דאַרף מען באַנעצן די ליפּן, איידער מיר גייען ווייטער".

ביים לאַנגזאַמען זופּן פון די גלעזלעך, האָט זישע באַמערקט:

„דאָס אַלטע ווערטל וועגן דעם קריגעלע, וואָס גייט אַזוי לאַנג צום טייכל ביז דאָס אויערל ברעכט זיך אָפּ, פּאַסט זיך זייער גוט צו די שׂימחת־תּורהדיקע געשלעגן. עס האָט קיין סך נישט געפעלט, אַז דאָס זאָל זיך בייענדיקן, גאָט באַהיט, מיט שפיכת־דמים, ווען איך דערוויס זיך נישט בייצייטנס וועגן זייערע פאַרשטעקטע קצבישע לאַנגע מעסערס אין די כאַליעוועס פון די לאַקירטע יום־טובדיקע שטיוועלעך, פאַרן אַרויסגיין, ווי דער מינהג זייערער, יענעם שׂימחת־תּורה ביי נאַכט, צום געשלעג".

זישע האָט דאָס באַטראַכט ווי אַ נס פון זיין ליבן נאָמען. ביים אַהיימקומען פון די הקפות אין שול, האָט אים אָפּגעוואַרט דער האַלב־בלינדער פידלער־סעקונדאַנט טרייטל. ער איז געשטאַנען ביי דער שוועל פון זיין פירהויז, אַ צעטראָגענער, מיט אַ צעפלאַמט פּנים. ער האָט אים שנעל געווונטשן „אַ גוט יום־טוב" און גלייך אים אַריינגעשושקעט אין אויער אַריין: „ר׳ זישע, ראַטעוועט, איידער ס׳ווערט צו שפּעט. זעט, אַז ייִדן זאָלן נישט ווערן קיין רוצחים, נישט פאַרגיסן קיין בלוט פון מענטשן. זעט, אַז אונדזערע קצבים זאָלן נישט פאַרגעסן, אַז זיי זענען ייִדן און נישט ציִען זייערע מעסערס פון די כאָליעוועס אַרויס".

אָן לאַנגע שהיות, אָן אַרויסצורעדן אַ וואָרט צו טרייטלען, איז זישע אַריין אין זיין שטוב זאָגן שיינדעלען, די שטילע טויב זיינע, „אַ גוטן יום־טוב". זי איז אים, ווי אַלע מאָל, אַנטקעגנגעגאַנגען מיט איר איידלקייט און אים אָפּגעענטפערט אַ פריילעכע, מיט אַזאַ ליבלעכן שמייכל, ווי ער וואָלט אַקערשט אָנגעקומען פון אַ ווייטער נסיעה: „אַ גוטן יום־טוב

דיר, מיין מאַן!״ זי האָט אַראָפּגעקוקט פון דער ווייבערישער שול און אָנגעקוואָלן פון זיין טראָגן די גרויסע ספר־תּורה מיטן רויטן מענטעלע און גאָלדענע אותיות, און ווי שיין האָט דאָס אים געפּאַסט! אַזאַ יאָר אויף אונדז אַלעמען, ווי דו זעסט אויס מיט אַ תּורה אין דיינע הענט״. אָבער מיט אומגעדולד האָט ער זיך ביי איר געבעטן: „שיינדעלע קרוין, כ׳מוז אַוועקגיין אויף עטלעכע מינוט. זייער אַ וויכטיקע זאַך. מוזסט אונטערוואַרטן אַ ביסל מיט מיין יום־טובדיקן קידוש־מאַכן״.

אויף אירע צעשראָקענע שאלות, „ווו? ווען? וואָס?״ האָט ער איר אָפּגעענטפערט, אַז ער מוז אַוועקגיין, כּדי צו ראַטעווען יעדן פון אַן אומגליק. ער וועט דאָס איר שפּעטער אַלץ דערציילן. ער איז שנעל אַרויס פון שטוב און געלאָפן צו שיִע קצב, דער מוזיקאַנט, וואָס שפּילט אין דער קאַפּעליע אויפן גרעסטן טראָמפּייט. — — —

זישע האָט באַמערקט: „דער שווערער טראָמפּייט איז ביי שיִען אין האַנט אַזוי לייכט, ווי אַ קינדער־שפּילעכל. גרויס איז ער, ווי עוג־מלך הבשן, דו האָסט דאָך אים געזען. נישטאָ נאָך איינער מיט אַזעלכע ברייטע פּלייצעס ווי ער. קיין דרעווגער פּויער, פון די העכסטע און שטאַרקסטע, קאָן זיך צו אים נישט גלייכן. און דאָ אין שטעטל? סיי די „ווילע־יונגען״ אונדזערע, וואָס מ׳ציטערט פאַר זיי אין אַלע אַרומיקע שטעטלעך ביז אַפּט, און אויך די שטאַרקסטע ליקעס פון די אַרומיקע דערפער, ציטערן פאַר אים אימת־מוות״.

זישע איז אַריינגעקומען צו שיִע קצב אין שטוב אַ פאַרסאַפּעטער און האָט קוים געזאָגט „גוט יום־טוב!״ זיי, דער דריילינג: שיִע, זיין ווייב מלכּהלע, זייער איינציקער זון זעליגל, האָבן אים אָפּגעענטפערט מיט אַ הילכיקן ברייטן „גוט יום־טוב, סקאַצל־קומט!״ זיי האָבן געקוקט אויף אים פאַרחידושטע: וואָס עפּעס אין מיטן דערינען? שיִע האָט אים צוגערוקט זיין בענקל און אַליין האָט ער געכאַפּט אַן אַנדער שטול און זיך אַנידערגעזעצט לעבן אים.

ער האָט באַלד באַמערקט אין זישעס פאַרזאָרגטע אויגן, אַז עפּעס מוז זיין דער מער מיט זיין פּלוצעמדיקן קומען אַהער. דאָס גרויסע שטיק מאַ־

ריבירטע פיש, וואָס שׂיע האָט געהאַלטן אין עסן, איז ביי זישעס אַריינ־קומען אַרויסגעפאַלן צוריק אין טעלער אריין, אויף דער געלבלעך־ברוינער פאַרגליווערטער פישיויך מיט די ראָזשינקעס און שוואַרצע פעפערלעך, מיט די לענגלעכע שטענגעלעך און דראָבנע אינדישע געווירצן און מיט די קליינע בשׂמים־בלעטעלעך אַרום.

זישע האָט שטילערהייט געזאָגט שׂיען וועגן וואָס ער איז צו אים געקומען: אַז ס׳איז ממש סכּנות־נפשות און מען קאָן לענגער נישט וואַרטן. ער האָט געקוקט אויף שׂיען און אויף זיין ווייב. די גרויסע פליישיקע מלכּהלע, געבעטן ביי איר, זי זאָל נישט פאַראיבל האָבן, וואָס ער פאַר־שטערט זיי די שׂימחת־תּורהדיקע סעודה.

שׂיע האָט אימפּעטיק זיך אַ הייב געטאָן פונעם בענקל. אָן אַ וואָרט אַרויסצורעדן האָט ער שנעל אַרויפגעצויגן אויף זיך די יום־טובדיקע, פאַר־קירצטע, געהאַקטע קאַפּאָטע. ער האָט זיך אָפּגעווישט זיינע פעך־שוואַרצע וואָנצעס און די געקרייזלטע פאַרשווירענע באָרד און גענומען זישען פאַרן האַנט, ווי מען פירט אַ קליין קינד.

אין דרויסן האָט שׂיע געזאָגט: „זיי מוחל, גיי אַליין אַהיים, מאַך קידוש, עס רויק און אָן שום מורא. כ׳לויף גלייך אין די שענקען, כ׳וועל באַטאַפּן זייערע כאַליעוועס, צונעמען ביי זיי אַלע מעסערס, און פאַר אַ שטראָף — זיי שטערן דעם הייאַריקן שׂימחת־תּורהדיקן געשלעג; זיי וועלן שוין דאָס מוזן אָפּלייגן אויף איבער אַ יאָר. זאָלן זיי וויסן און גע־דענקען, אַז זיי זענען יידן. אַזוי לאַנג ווי שׂיע וועט לעבן, וועלן יידן נישט נוצן קיין מעסערס אין זייערע געשלעגן צווישן זיך״.

אַלע יידן אין שטעטל געדענקען נאָך דאָס אומגליק, וואָס איז גע־שען טאַקע אין יענער צייט. זיי פילן נאָך די בושה ביזן היינטיקן טאָג. בעת אַ קריגעריי איבער אַ ירושה, מ׳שטיינס געזאָגט, פון אַן אַלטער איינ־געהויקערטער כאַטע, הינטער דער שול, האָט חיים־עוזר דער שוסטער, מיט דער רויטער באָרד און שיקלדיקע אויגן, דערשטאָכן מיטן שוסטער־מע־סער דעם יינגערן שוואָגער זיינעם לייבל קרוטשיק, דעם דאַמסקע שניידער, אַ טאַטן פון זעקס קליינע קינדערלעך. וואָס דעמאָלט האָט זיך אָפּגעטאָן

אין שטעטל — איז נישט צום באַשרייבן. אַלע אין שטעטל, גרויס און קליין, האָבן געפילט, אַז עס עקט זיך די וועלט. אַ ייִד אַ מעסער־שטעכער?! ווי איז דאָס מעגלעך? דאָס איז דאָך נישט געהערט געוואָרן זינט ייִדן זענען ייִדן.

מען האָט פאַרהאַקט די געוועלבער ביז צו מאָרגנס נאָך דער לוויה פונעם געשטאָכענעם. מען האָט זיך באַמיט אָפּצושרייען די גזרה פונעם נאַטשאַלניק פון אָפּטער פּאָוויאַט צו פּאַלמעסן דעם מת, וואָס עס מיינט פּשוט: צעטרייבערן און מבזה זיין אַ געהרגעטן מענטש, נעבעך. ווי קאָנען ייִדן דאָס דערלאָזן? איז טאַקע דער רב מיט די דאָזאָרעס און די חשובסטע בעלי־הבתים פון שטעטל געפאָרן קיין אָפּט, זענען געווען גרייט אָוועקצו־געבן אַלץ וואָס זיי פאַרמאָגן, אויסצוטאָן זיך ביזן לעצטן העמד זייערן, אַבי נישט פאַרשוועכן דעם כבוד־המת. זיי זענען דעם נאַטשאַלניק געפאַלן צו די פיס מיט דער בקשה צו לאָזן ברענגען לייבלען צו קבר־ישׂראל לויטן ייִדישן דין. אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפן. דעם נאַטשאַלניקס האַרץ איז געבליבן פאַרשטיינערט. די ביטערע גזרה האָט מען בשום־אופן נישט געקאָנט אָפּשרייען און געמוזט לאָזן פּאַלמעסן דעם מת.

צו דער לוויה זענען געגאַנגען קינד און קייט, קראַנקע זענען אַרויס פון די בעטן, אַלע מלווים האָבן געבראָכן מיט די הענט. די ביטערע גע־וויינען און יללות האָבן געשפּאָלטן די הימלען. יעדער ייִד האָט זיך גע־פילט ווי אַ מיטשולדיקער. מ׳האָט זיך געשעמט צו קוקן איינער דעם אַנ־דערן אין די אויגן. יעדער האָט ביי זיך געפרעגט: היתכן? ווי אַזוי האָט דאָס ביי אונדז געקאָנט געשען?

ר׳ יאָשע דער דיין, וואָס דרשנט יעדן שבת־נאָכמיטאָג אין נייעם בית־המדרש, האָט יענעם שבת נאָך דער לוויה, דאָס געשעענע אומגליק אַזוי אויסגעטייטשט: „אין דעם שטעכן אַ מענטשן, וואָס איז ביי אונדז, ווי גע־שריגן, פאַרגעקומען, זענען קודם־כל שולדיק אונדזערע פּושעי־ישׂראל, די אַחדותניקעס, וואָס ביי זיי איז דער מענטש אין דער זעלביקער מדרגה ווי אַלע ברואים. מיר ווייסן פון אונדזערע חז״ל, אַז דער מענטש איז אַ חלק אלוקים ממעל, אַז הייליק איז דער מענטש. צוליב דער רעוואָלוציע, ווי זיי

רופן דאָס, האָבן זיי געפּשרט מענטשן־מאָרד. זיי העצן די בעלי־מלאכות צו שינאה און רציחה. די אָרעמע זאָגן זיי צו דאָס באַלדיקע קומען פון זייערן אַ משיח, וואָס וועט אויסלייזן די וועלט און ברענגען די גאולה־שלמה פאַר אַלע מענטשן פונעם גאַנצן כּדור־הארץ. אָבער זייער משיח״ — האָט ר׳ יאָשע פאַרענדיקט — ,,איז אַ משיח־השקר, ווייל געבוירן אין רציחה, קאָן שוין פון אַזאַ ,,משיח״, ימח־שמו, קיין גוטס נישט אַרויסקומען. דאָס פירט נאָר צו מעשים־רעים, צום ווערן מעסער־שטעכער. ווי איז אונדז, צו וואָס מיר האָבן דערלעבט״.

דערפאַר האָט מען אין שטעטל זיך געשראָקן, ווען די קצבים האָבן גענומען מיט זיך די מעסערס צום שימחת־תּורהדיקן געשלעג.

שיִע האָט צוגענומען ביי זיי די מעסערס, צעשטערט דעם מינהג זייערן, און זיי אָנגעזאָגט מיטן הארבן וואָרט: איבער אַ יאָר שימחת־תּורה, מ׳זאָל דערלעבן, ווען איר וועט זיך שלאָגן, זאָלט איר מער קיין מעסערס נישט נעמען. איך וויל ענק נישט זאָגן קיין דעות, איך בין נישט קיין דיין, נישט קיין ווייצענע קאָצע (געמיינט: וצידקתך״), אָבער אויב איר ווילט אָפּהיטן דעם מינהג פון אונדזערע טאַטעס און זיידעס, זאָלט איר טאָן ווי זיי האָבן געטאָן, שלאָגן זיך אויף ,,טרוקן״, ווי מענטשן!״

שיִע האָט דעמאָלט אַ זאָג געטאָן צו זישען, בעת ער איז געשטאַנען ביי זיין יאַטקע, — און געזאָגט האָט ער עס הויך אויפן קול, כּדי אַלע אַרומיקע קצבים זאָלן דאָס הערן: ,,מעסערס און העק קאָנען באַנוצט ווערן נאָר ווען, חלילה־וחס, ס׳איז פאַראַן אַ סכּנה פון דרויסן, פון אַ פּאָגראָם״.

פּנחס און זישע האָבן אין זייער פאַררעדן זיך נישט באַמערקט די פאַרנאַכטיקע שאָטנס אויף די ווענט און סטעליע. נאָך פּנחסעס אַוועקגיין האָט זישע זיך געוואָשן די הענט, געשטעלט זיך ביים רעכטן ווינקל צום מיזרח, דאַוונען מינחה.

# קאַפּיטל ניין

די בין־השמשותדיקע טונקלקייט איז שוין געווען באַלויכטן מיט ברוינ־לעכער קאַלירטקייט פון די צוויי נאַפטלאָמפּן אין ביידע זייטן מאַרק. פון די געוועלבער אַרום האָט אַרויסגעלויכטן אַן ענלעך ליכט, ווי פון די פּאַר־קאָפּטשעטע מאַרק־לאַמטערנעס. אין דער שטילקייט האָט דאָס עכאָדיקע געקלאַנג ביים דרייען די קאָרבע פון דער שטאָלענער קייט ביים מאַרק־ברונעם זיך צונויפגעגאָסן מיטן אומעטיקן וואָרט: פּאָגראָם. דאָס שטעטל, צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע שטעטלעך אין פּוילן, האָט געפילט דעם ביטערן טעם פון די האַלערטשיקעס, וואָס האָבן געריסן בערד מיט שטיקער פלייש פון ייִדן אויף די פּוילישע באַנען. אָט די געפאַר, וואָס האָט זיך צעפלאַ־קערט אינעם באַפרייטן פּוילן, האָט דאָס שיִע קצב געמיינט בעתן זאָגן צו די קצבים: „העק און מעסערס וועלן גענוצט ווערן ביים באַשיצן ייִדיש לעבן".

שיִע, וואָס איז געווען אויסגעקאָכט מיט די אַרומיקע גויים, האָט דער ערשטער זיך דערוווסט, אַז דער קרומער אַנטעק, וואָס וווינט אויפן סטאַוו אינעם נייעם ייִשוב הינטער דער שטאָט, איז געוואָרן אַן אַרצי־שונא־ישׂראל. דער זעלבער אַנטעק פלעגט, ווי אַ קליינער שגצל, זיין דער בעסטער איינ־הייצער פון די אויוונס אין די ווינטערדיקע שבתים ביי די עטלעכע גבירים, אויף דער אייבערשטער צייל. אַנטעק פלעגט אויך שבת אין דער פרי אַראָפּנעמען די זילבערנע לייכטער און הויך־רערנדיקע קאַנדעלאַברעס פון די טישן. אַנטעק איז דעמאָלט אַהיימגעגאַנגען מיט אַ פולער טאָרבע שטי־קער אייער־חלה. אין טייל גבירישע הייזער האָט ער געקריגן אויך אייער־קיכלעך, מאַנדלברייטלעך, פולקעס פון הינער אָדער שטיקער געבראָטענע גענדזנס.

אין די זונטיקס האָט אַנטעק אָפּגענומען די זעקסערס און צענערס. פיי־געלע באַדזעכאָווער, די אשת־חיל, די אָפּנעמערין פון דער גאַנצער סחורה

פון די באַדזעכאָוועדער אייזן־פּאַבריקן, האָט דעם קאַליקע אַנטעקן באַזאָרגט מיט שטיוול און אַ וואַרעמען שפּענצער אויף יעדן ווינטער. איז ווער האָט זיך דאָס געקאָנט ריכטן, אַז דער דאַזיקער אַנטעק, וואָס האָט געוווינט אויפן סטאַוו מיט זיין מוטער און איז אויסגעלאַכט געוואָרן פון די אַנדערע שקצים און שיקסלעך, וואָס האָבן אים געטריבן פון זיך, און ער פלעגט דערפאַר אָפּליגן אין די ווינטערס אינעם אַלטן בית־המדרש הינטערן אויוון, אויס רחמנות געקריגן אַ לעפל געקעכטס און יידן פלעגן אים אונטערשטופּן עטלעכע גראָשן — ווען האָט דאָס געקאָנט איינפאַלן, אַז אַט דער פאַר־קרימטער הויקערוואַטער שגץ זאָל גאָר אויסוואַקסן אַ פאַרביסערער אַנטי־סעמיט און ווערן דער גרעסטער העצער קעגן יידן ? !

אַט דער קאַליקע איז געוואָרן דער גאַנצער מאַכער ביי זיי. ער האָט געלאָזט פאַלן אַ וואָרט, אַז די שול איז אים צו גרויס אין די אויגן, די שול, וואָס שטייט שוין איבער פיר הונדערט מיט פופציק יאָר, וואָס האָט אי־בערגעלעבט די גרעסטע שׂרפות אין שטאָט, ווי מלאכים פון הימל, פאַר־שטעלטע ווי ווייסע טויבן, וואָלטן מיט זייערע פלאַטערנדיקע פליגל באַ־שיצט זי פון די אַלע פייערן. די גויִים האָבן געציטערט, ווען ס'איז זיי אויס־געקומען פאַרבייצוגיין די שול. זיי פלעגן זי פאַרהייליקן מער נאָך, ווי להבדיל, זייער תּיפלה. און דאָ איז געוואָרן הפקר אַ וועלט: שיִע קצב האָט דאָס געהערט, שפּעטער איז דאָס דערגאַנגען צו אַלעמען אין שטאָט און יידן האָבן מער נישט געקאָנט איינרוען.

שיִע האָט שוין עטלעכע מאָל געוואָלט אַראָפּגיין אויפן סטאַוו זיך דורכ־צושמועסן מיט אַט דעם קרומען הויקער, אים פרעגן: „הלמאַי, פאַר וואָס און פאַר ווען? וואָס האָבן מיר דיר שלעכטס געטאָן?" אָבער די קצבים, זיינע שכנים און מיטשפּילער אין דער קאַפּעליע, האָבן אים צוגערעדט, ער זאָל נישט גיין זיך אויסטענהן מיט אַט דעם ניבזהדיקן אַנטעק. אין דער אמתן, האָבן זיי זישען פאַרטרויט אַ סוד, האָבן זיי מורא, ער זאָל אים, דעם הויקער, נישט אונטערהאַקן די זייטן און דורך דעם נאָך מער אָנרייצן דאָס פינצטערע געזינדל.

אָבער איין מאָל אין אַ פינצטערער נאַכט, ווען שיִע איז צוריקגעקומען

פון שטעטעלע קינעוו און געפירט אַ קו, וואָס ער האָט איינגעהאַנדלט ביי אַ באַקאַנטן פויער, האָט ער, ווי אַלע מאָל זינט דעם געהערטן קלאַנג פון וועלן פאַרברענען די שול, אויך יענע נאַכט געפירט די קו דורכן הינטערשטן געשלענגלטן וועג פאַרביי דעם טייך קאַמין, וואָס איז דעמאָלט געווען ווייס־שוימיק און שטורעמדיק. די פאַליעס האָבן זיך האַסטיק אַנגעקלאַפּט אין די הויכע קשאַקעס. די טאַפּאָלן אַרום טייך האָבן אין דער האַלב־פינצ־טערניש געוואָרפן שאָטנס, ווי בריקן. די שפּיצן זייערע פון ביידע זייטן טייך האָבן אינעם שטאַרקן ווינט געשאַרכט, אַז ס׳האָט זיך אים, שיִען, גע־דאַכט, ווי ער האָט דאָס שפּעטער דערציילט, „ווי שדים וואָלטן שוועבן איבערן טייך״. זיינע אויגן און אויערן זענען געווען שטאַרק אָנגעשפּיצט ביים דערנענטערן זיך מיט דער קו אַרום דער רויטציגלנער וואַסערמיל, וואָס שטייט אונטן אינעם טאָל אַנטקעגן דער שול אויפן באַרג. שיִע האָט דערהערט דעם שאַרף פון שריט אויפן באַרג, אַרום דער הינטערשטער וואַנט פון דער שול. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז עפּעס ווי מענטשלעכע שאָטנס באַוועגן זיך דאָרטן, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט מיט דער בהמה, אָנגע־שטרענגט זיינע אויגן, ווי אַ קאַץ, ווען עס לויערט אויף איר אַ סכּנה. שיִע האָט דערשנאַפּט די זיך באַוועגנדיקע שאָטנס פון אַ גאַנצער כאַפּטע, וואָס פויזען דאָרט אַרום דער שולוואַנט.

ווי דאָס האַרץ וואָלט אים אונטערגעזאָגט: ווער ווייסט, אויב דאָס איז נישט די טייוולשע באַנדע מיטן קרומען אַנטעק? ער האָט שנעל פאַרבונדן די בהמה מיטן שטריק אויפן האַלדז אירן צום הילצערנעם בריקל אַקעגן דער וואַסערמיל. מיט דער שנעלקייט פון אַ הירש איז ער געלאָפן באַרג־אַרויף, אין זיין יאַטקע אַריין, געכאַפּט אַ שאַרפע האַק און צוריקגעלאָפן דורכן שולגעסל פון דער אַנדערער זייט שול. ער איז אַריין דורכן מיטלסטן טויער פונעם שולהויף אַקעגן דעם פּאַליש. ווען ער איז פאַרבייגעלאָפן די זייטיקע שולוואַנט קעגן איבער דעם נייעם בית־המדרש, זענען שוין גע־פלויגן פאַר זיינע אויגן פייער־פונקען. ער האָט דערשפּירט דעם גערוך פון נאַפט און דאָס סמאַליען זיך פון ברענענדיקן שטרוי.

מיט דער אויפגעהויבענער האַק איז ער געלאָפן צום פייער. די אונ־

טערצינדער האָבן אים דערזען, זענען זיי אַנטלאָפן, און ש׳ע, ציטערנדיק פון כּעס, האָט ער זיי נישט נאָכגעיאָגט, ווייל ער מוז דאָך לעשן דאָס פייער, האָט ער מיט זיין גאַנצן גבורהדיקן אימפּעט, מיט אַלע זיינע כּוחות, מיט דער האַק, מיט די הענט, צעשאַרט דאָס ברענענדיקע שטרוי.

אין דעם קליינעם ליכט פונעם פייער, וואָס האָט אַ ביסל באַלויכטן דעם משופּעדיקן באַרג, וואָס פירט צום טאָל, האָט ער דערקענט צווישן די אַנטלויפנדיקע גויים דעם הויקער אַנטעק.

ש׳ע האָט זיך צערעוועט ווי אַן אָקס ביי דער שחיטה. מיט דער געהוי־בענער האַק צו זיי האָט ער געשריגן אויף פּויליש: „פּשאַקרעוו, רויבער, גזלנים, שענדער פון אונדזער הייליקער שול! כ׳וועל נאָך היינטיקע נאַכט צעקיילן און צעטרייבערן אייערע קישקעס״.

די אונטערצינדער זענען שנעל נעלם געוואָרן און קיינער פון די ייִדן האָט זיינע געשרייען נישט געהערט. ווען די לעצטע פונקען פון דעם ברענענדיקן שטרוי האָבן אויסגעצאַנקט, איז ער געבליבן שטיין מיט דער האַק אין האַנט, האָט זיך אַנגעלענט אין דער נאָך וואַרעמער וואַנט, ווי ער וואָלט געוואָלט אַדורכפילן די געראַטעוועטע הייליקייט.

אַן אויסטערליש געמיש פון ביטערן צער און טיפער פרייד איז אים אַדורך דורכן לייב. דאָס האָט געשטילט זיין פריִערדיקן כּעס. ער האָט גע־דאַנקט גאָט, וואָס האָט אים באַשערט אַזאַ שליחות.

מיט ברענענדיקע אויגן אין דער נאַכט אַריין האָט ער געזוכט עמעצן, שטייענדיק איינער אַליין מיט דער האַק אין דער האַנט. ער האָט זיך איינ־געקלאַמערט מיטן פּנים אין דער שולוואַנט, אָנגעלענט זיין שטערן אין די פאַרקאָפּטשעטע ברעטער און געמורמלט די עטלעכע ווערטער פון קריאת־שמע, וואָס ער האָט געדענקט פון אויסנווייניק: „אל מלך נאמן, שמע ישׂראל, ה׳ אלוקינו, ה׳ אחד!״ ביים צי׳ען דעם „אחד״ איז אים די האַק פון דער האַנט אַרויסגעפאַלן און ער האָט זיך ביטער צעוויינט אויף וואָס ייִדן האָבן דערלעבט.

מיט אַ געמיש פון פּחד און ליבשאַפט האָט ש׳ע זיך געקלאַמערט אין

דער פּאַרקוילטער שולוואַנט. ער האָט געציטערט ביים קושן די שוואַרץ־פּאַרסמאַליעטע וואַרעמע וואַנט. זיין פּנים איז געוואָרן פּאַרסאַזשעט, ווי ביי אַ קוימען־קערער.

*

מלכּהלע וואָלט שוין פריִער אויפגעוועקט איר איינציק קינד, זעליגל, איז ער אָבער געשלאָפן אַזוי געשמאַק. די מאַמע איז צוגעגאַנגען צום בעט זיינעם מיט דער דעה אים אויפצוּוועקן, האָט זי מיט אַ מאַמישער ווייבלעכ־קייט געקוקט אויף אים און הנאה געהאַט צו זען זיין שיינעם, שטאַרקן גוף, זיינע גרויסע הענט, די באַוואַקסענע מיט געקרייזלטע האָר. מ׳שמועסט אין שטעטל, אַז ער איז אויסגעוואַקסן נאָך אַ גרעסערער גיבור פונעם טאַטן. מיט מורא האָט זי געשעפּטשעט: „קיין עין־הרע זאָל אים נישט געשען״.

מלכּהלע איז געשטאַנען איבערגעבויגן איבער איר זעליגל, ווי זי וואָלט אים וועלן איינשלינגען אין זיך, מעגלעך, ווי אַ מיטל צו אַנטלויפן פון איר וואַקסנדיקער שרעק, וואָס שיִע איז נאָך נישטאָ צוריק. איר האַרץ איז גע־וואַקסן מיטן טראַכטן פון זעליגס גוטע מעלות: ער איז דאָך אַזוי גוט צו איר, ער לאָזט איר נישט טאָן קיין שום שווערע אַרבעט אינעם הויז. דערצו איז ער אויך גוט צו אַלעמען. ער וועט איינשטעלן זיין לעבן, כּדי צו טאָן אַ טובה יעדן מענטשן. ווען מען דאַרף ראַטעווען עמעצן פון אַ סכּנה, וועט ער גיין אין פייער און אין וואַסער אַריין. ביי שׂרפות אין די דערפער, וועט ער ראַטעווען מענטשן, פערד און בהמות פון די שטאַלן. ווינטער, ווען עמעצער פאַלט דורכן דינעם אייז אין טייך אַריין, איז ער דער ערשטער אַריינצושפּרינגען מיט אַ שטעקן און שטריק אַרויסצוציִען מענטשן און, להבדיל, פערד, פון צווישן די געפּלאַצטע קריִעס.

די אַלע טראַכטענישן וועגן די גוטסקייטן פון איר זעליגל האָבן דאָך נישט געקאָנט פאַרטרייבן איר שרעק פאַר שיִעס פאַרזוימען זיך. זי האָט אים לייכט אָנגערירט דאָס העמד זיינס, האָט ער זיך איבערגעדרייט אויף דער אַנדערער זייט און נאָך שטאַרקער געשנאַרכט. האָט זי אין אַנגסט אָנ־געצונדן דעם גרויסן נאַפּטלאָמפּ און איז נאָך אַ מאָל צוגעגאַנגען צו זיין

## אליעזר קופערמאַן

*

געלעגער, אים אָנגעריירט ביי אַן אַקסל מיט איין האַנט, און מיט דער אַנ־דערער געגלעט זיין שוואַרצע געדיכטע טשופּרינע. בעת מעשה איז איר אַדורכגעגאַנגען אַ שרעקנדיקער תענוג איבער אַלע אירע אברים, פון גרויס ליבשאַפט צו אים.

זעליגל האָט זיך אויפגעכאַפּט און אַ פרעג געטאָן: „וואָס איז, מאַמע? ווּ איז דער טאַטע?" ער האָט דערקענט דער מאַמעס פאַרבאַהאַלטענעם אַנגסט, האָט ער זי געטרייסט ביים אַרויסשפּרינגען פונעם בעט מיט אַ געמאַכטער, כלומרשטער געלאַסנקייט: „מאַמע, מסתמא האָט דער טאַטע זיך פאַררעדט מיט די פויערים פון דאָרף". אָבער אינעם האַרצן האָט אים אַ פחד דורכגענומען. ער האָט געפילט, אַז דאָ איז עפּעס נישט גלאַטיק.

ער האָט שנעל אַרויפגעצויגן אויף זיך די הויזן מיט די שטיוול, אַ גלעט געגעבן דער מאַמעס האַנט. מיט אַ געמאַכטער איינגעהאַלטענער רו־קייט איז ער געגאַנגען צו דער טיר. געקושט די מזוזה ביים פאַרמאַכן די טיר, איז ער אַוועק, ווי אַ פייל אויסן בויגן. ער איז געלאָפן איבער אַלע וועגן, וואָס פירן קיין קינעוו, פון וואַנען דער פאָטער זיינער האָט באַדאַרפט אָנקומען. ווען ער האָט אים נאָך אַלץ נישט דערזען, האָט ער געטראַכט, אַז אפשר איז ער געגאַנגען דורכן הינטערשטן שמאָלן וועג ביי דער לאָנקע, פאַרביי דעם שלענגלדיקן טייך, ווו פונעם טאָל האָט מען געקאָנט זען פון העט־ווייט דעם שולבאַרג מיט דער הויכער שול. די לעצטע צייט, זינט דעם געהערטן וועגן דעם אַנטעקן, פלעגט דער טאַטע זיך אַרויסשלייכן יעדע נאַכט פונעם הויז און שעהען לאַנג זיך אַרומדרייען, ווי אַ שומר, אין מיטן דער נאַכט.

און כך הווה. ביים לויפן פאַזע דעם טייך ביז דער מיל, האָט ער דער־זען די צוגעבונדענע קו ביים הילצערנעם בריקל. אַ קאַלטער שווייס האָט אים באַגאָסן. ער האָט אים, דעם טאַטן זיינעם, געזוכט מיט זיינע שפּאַרבער־אויגן אין אַלע זייטן, ביז ער האָט באַמערקט, אַז אויבן, אויפן באַרג, ביי דער וואַנט פון דער שול, שטייט עמעץ. דאָס מוז זיין ער, דער טאַטע! זעליגל איז אַרויף אויפן באַרג, פאַרביי די באָד, אַריבער די געמויערטע

וואַנט מיט שנעלן אימפּעט, ווי אַ יונגע קאַץ, און דערזען דעם טאַטן מיט דער האַק אין האַנט. זייערע אויגן האָבן זיך באַגעגנט.

זעליג האָט אָן ווערטער געקוקט אויף דער פּאַרסמאַליעטער שולוואַנט, אויפן טאַטן מיטן פאַרריסטן פּנים אין סאַזשע. ער האָט שוין פאַרשטאַנען, וואָס דאָ איז געשען.

דער פאָטער האָט געזאָגט: „געלויבט איז זיין ליבער נאָמען, וואָס כ׳בין אָנגעקומען פּונקט אין צייט, מאָרגן גיי איך זיי אונטערהאַקן די זייטן״.

זעליגל האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געבעטן דעם טאַטן גלייך אַהיימצוגיין, אים דערציילט וועגן דער מוטערס שרעק. „אָבער פריִער גיי אַריין אין אַלטן בית־המדרש צום כּיור, וואַש דיר אָפּ ס׳פּנים און די הענט. גיי שנעל אַהיים, טאַטע, און גיב מיר די האַק. פאַרלאָז זיך אויף מיר. גיי אַהיים, עס וועטשערע, נעם די קו, פיר זי אַריין אינעם שטאַל און לייג זיך שלאָפן. מיר וועלן שוין זען מאָרגן וואָס מיר האָבן צו טאָן״.

ביים געבן זעליגלען די האַק, האָט שיִע אים אָנגעזאָגט צו זיין וואַך די רעשט פון דער נאַכט. „געדענק דעם אָרון־קודש מיט די הייליקע תּורות אויף דער אַנדערער זייט פון דער פאַרסמאַליעטער וואַנט. ווען ס׳וועט שאַרִיִען אויף טאָג און ס׳וועלן זיך באַווייזן די ערשטע ייִדן אַרום דעם אַלטן בית־מדרש דאָ אַקעגן, אַ שטייגער, פישעלע, דער ערשטער פאַרטאָג־לער־נער, אָדער שמאילע דער שמש, זאָלסטו פאַרשטעקן די האַק הינטער דיין קורטקע. זאָלסט זיך אַרומדרייען זיבן מאָל אַרום דער שול, ווי צו הקפות אום שימחת־תּורה, און נאָך דעם קומען אַהיים. זאָלסט מיט קיינעם נישט אַרויסרעדן קיין וואָרט, ביז כ׳וועל זיך אָן עצה האַלטן מיט אונדזער זישען״.

שיִע איז שנעל געלאָפן אַהיים. ביים אַריינקומען אין הויז האָט ער מיט אַ געמאַכטער מונטערקייט באַגריסט זיין ווייב. מלכּהלע, אַ דערפרייטע, האָט געקוקט אויף אים, גלייך זי וואָלט אים נישט געזען יאָרן, ווי ער וואָלט ערשט אָנגעקומען פון אַ ווייטער נסיעה. און ער, ווי אַלע מאָל, האָט ליב צו דערפרישן איר געמיט מיט אַ שפּאַסיקן ווערטל. האָט ער איר געזאָגט: „מלכּהלע! ווען בערל שוחט וועט דערזען די קו, וואָס כ׳האָב אַצינד גע־

בראַכט, וועט אים דער חלף אַרויספאַלן פון זיינע ליפן און ער וועט זאָגן צו אַלע קצבים אינעם שעכטהויז: „איי! איז דאָס אַ קו! אַ ביק איז דאָס, נישט קיין קו, קיין עין־הרע זאָל איר נישט שאַטן!"

מלכּהלע האָט פאַרגעסן די פריִערדיקע איבערגעלעבטע ציטערנישן און נישט אַראָפּגעלאָזן אירע אויגן פון אים. זי האָט אים דערציילט וועגן איר נאַרישער מורא. איר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז גזלנים אָדער הונגעריקע וועלף זענען אים באַפאַלן. מלכּהלע האָט געפילט, ווי אַ שווערער שטיין וואָלט זיך אַראָפּגעקאָלערט פון איר האַרץ און געדאַנקט זיין ליבן נאָמען פאַרן אָפּקומען בלויז מיט שרעק. זי האָט שוין צוגעטראָגן דאָס בלעכענע קווערטל מיט וואַסער צום וואַשן די הענט.

שיִע האָט געמאַכט די ברכה ביים אָפּשניידן זיך דאָס שטיקל ברויט, איינגעטונקען אינעם זאַלץ־מעסטל, אָנגעגאָסן זיך אַ גלעזל „פינף־און־ניינציקער" און אויפגעגעסן אַלץ, וואָס מלכּהלע האָט אים געגעבן. די טעלער מיט דער שיסל זענען געבליבן ריין, גלייך אַ קאַץ וואָלט זיי אויסגעלעקט, אָבער ער האָט געבענטשט מיט אַ טרויעריקן געמיט. זי, מלכּהלע, האָט דאָס אָנגענומען פאַר אַ צייכן, אַז ער איז זייער מיד. ער האָט זיך געלייגט אינעם בעט, זיך געדרייט אויף אַלע זייטן און נישט געקאָנט צומאַכן מיט קיין אויג.

ווען ס'איז ליכטיק געוואָרן, איז ער שטילערהייט אַרויס פונעם בעט, געגאַנגען אויף די שפּיצפינגער, כּדי מלכּהלען נישט אויפצוועקן, און גענומען דעם טלית־זאַק מיט די תפילין אונטערן אָרעם. ער איז שנעל געגאַנגען צו אים, צו זישען. — — —

„ביים אַרויפגיין די שטיגן מיט גרויס פאָרזיכטיקייט האָט ער קוים באַרירט די קליאַמקע פון מיין טיר, כּדי מיך מיט מיין ווייב ע"ה נישט איבערצושרעקן. אויף דער עלטער איז דער שלאָף סיי ווי נישט קיין שווערער, האָב איך דעם לייכטן ריר פון דער קליאַמקע גלייך דערהערט. כ'בין אַראָפּ פונעם בעט און געפרעגט שטיל: „קטאָ־טאַם? (ווער איז דאָס?)" — „איך, שיִע בין דאָס".

כ'האָב פאַמעלעך אויפגעשלאָסן די טיר, מיין שיינדעלען ע"ה נישט

אויפֿצוּוועקן. זי האָט שוין דעמאָלט קוים געזשיפּעט ווי אַ קראַנק הינדעלע, נעבעך.

ביים עפֿענען די טיר האָב איך צוגעלייגט מיין האַנט צום מויל אויף פּתח־שין שאַ, אַריינגעפֿירט שיִען אין דער קיך אַריין. כ'האָב גלייך דער־קענט אין זיין פֿאַרחושכט פּנים, אַז עפּעס איז דער מער מיט אים. ער האָט זיך צוגעבויגן צו מיר און שנעל דערציילט אינעם אויער אַריין די גאַנצע מעשה פֿון ביי נאַכט פֿון אַלף ביז תּו, אַט ווי איך האָב עס דיר ערשט דערציילט, ס'זאָל דאָס פֿעלן אַ האָר.

מיר האָבן מיט אַלע כּוחות געוואָלט דערשטיקן דאָס שעפּטשען אונד־זערס, כּדי זי נישט אויפֿצוּוועקן. אָבער זי, שיינדעלע, עליה השלום, האָט זיך סיי ווי אויפֿגעכאַפּט און אַריינגעשלייכט זיך אין קיך אַריין. דערזען אונדזערע פּנימער, האָט זי געמורמלט אַ צעשראָקענע: „וואָס ס'האָט זיך מיר געחלומט יענע נאַכט און די נאַכט, זאָל עס אויסגיין, גאָטעניו, צו אַלע וויסטע וועלדער און ס'זאָל קיין ייִד נישט שאַטן". מיר האָבן געפּרוּווט מאַכן אַ פֿריילעכע מינע, אָבער זי, ע"ה, האָט אונדז געפֿרעגט, וואָס איז געשען? ווער איז געשטאָרבן? גאָרנישט, האָבן מיר איר געענטפֿערט. שיִע האָט געהאַט אַ פֿינצטערן חלום נעכטן ביי נאַכט, איז ער געקומען צו מיר איך זאָל אים פּותר חלום זיין. מירביידע האָבן איר אויסגערעדט און פֿאַררעדט. כ'האָב זי צוריק אַריינגעלייגט אין בעט, צוגעדעקט מיטן פּוכענעם איבערבעט. זי איז ווידער איינגעשלאָפֿן, ווי אַ קליין הינדעלע.

כ'האָב גענומען טלית־און־תּפֿילין און מיר זענען ביידע אַראָפּ פֿון די שטיגן. דער פֿרימאָרגן איז געווען אַ שיינער, אַ ביסל אַ קילער — ס'איז געווען אין די דריי וואָכן נאָך שבֿעה־עשׂר בתּמוז. אינעם מאַרק האָט זיך געהערט דאָס ווידערקול פֿונעם דרייענדיקן ראָד פֿון מאַרק־ברונעם, ווו די וואַסער־טרעגער האָבן אָנגעפֿילט זייערע קאַנען מיט וואַסער, כּדי עס פֿאַ־נאַנדערצוטראָגן אין די שטיבער. פֿון די זייטיקע געסלעך האָבן ייִדן, מיט זייערע טלית־און־תּפֿילין־זעק אונטער די אָרעמס, זיך געצויגן צו דער שולגאַס.

נאָכן אַדורכרעדן זיך איז געבליבן, אַז פֿאָרן גיין דאַווענען, זאָלן מיר

צוגיין צום רב אונדזערן, נאָך איידער ער גייט אין מיקווה אַריין, און זיך מיט אים מיישב זיין.

שיִע האָט מיר טאַקע געזאָגט: „זעסט, זישע, אַז כ׳האָב גוט געטאָן, ווען כ׳האָב ביי נאַכט איבערגעלאָזט מיין זעליגאַל ביי דער שולוואַנט און אים אָנגעזאָגט, אַז באַלד ווי ס׳וועט טאָגן און מענטשן וועלן זיך אָנהייבן באַווייזן, זאָל ער אָוועק פון דער שולוואַנט, אַרונטעררוקן די האַק אונטער די קורטקע, קיינער זאָל גאָרנישט באַמערקן. כ׳האָב אים געהייסן צופירן די קו אין שעכטהויז. ווען דער שוחט, בערל, וועט אים אָנהייבן פרעגן, ווי זיין שטייגער איז: ווו איז דער טאַטע, פאַר וואָס אַזוי פאַרשפּעטיקט? — זאָל ער אים נישט דערציילן קיין וואָרט״. איך האָב אים געענטפערט: „יאָ, שיִע, האָסט גוט געטאָן״.

מיר זענען אַריין צום רב, אים געזאָגט „גוט מאָרגן, רבי״. ער האָט געענטפערט: „אַ גוט יאָר אייך ביידן״. ער האָט זיך אויפגעשטעלט פון זיין ברייטער, שוואַרצער, לעדערנער שטול, אונדז געגעבן זיין האַנט, די געל־אויסגעדאַרטע מיט די בלויע אָדערן, וואָס מיר האָבן זיך נישט פאַרגינען איר אַ דריק צו טאָן, נאָר געפּילט, ווי אַ גרויסע זכיה, זיין האַנט אָנצורירן. וואָס זאָל איך דיר זאָגן? ווען מען קומט נאָענט לעבן אים, פאַרגעסט מען ווער מען איז, מען ווערט עפּעס אַן אַנדערער מענטש, אַ גע־לייטערטער, פון אַן אַנדערער וועלט. עפּעס נעמט דיך דורך אַ הייליקייט אַזאַ, אַז דו פאַרגעסט פון אַלע שלעכטיקייטן פון דער וועלט.

נאָכן בעטן אונדז צו זעצן זיך, האָט ער געפרעגט: „וואָס האָט אייך, ר׳ זישע און ר׳ שיִע, געבראַכט אַהער אַזוי פרי?״

כ׳האָב געהייסן שיִען דערציילן. וואָלסט געדאַרפט זען דעם שיִען דעמאָלט, זיין איידעלן אופן פון רעדן צום רב. כ׳האָב אים ממש נישט דערקענט, געמיינט, אַז דער דיין, רבי יאָשע, רעדט דאָס. דער רב האָט די פינצטערע בשׂורה אויסגעהערט מיט אויסערלעכער רויִקייט. אָבער ווען שיִע האָט גערעדט, האָב איך געזען, ווי זיין געלבלעך פאַרמעטן פּנים ווערט שוואַרץ. ער האָט אונדז געבעטן, קודם־כּל, צו גיין דאַוונען און דער־וויַיל מיט קיינעם נישט רעדן וועגן דעם, ביז, ווי ער מיינט, מען וועט זיך

פריִער אַדורכרעדן מיטן אַלטן גלח־פּראָבאָשטש זשעלינסקין. „כ׳וויל זען, איידער וואָס ווען, צי ס׳איז נאָך דאָ ביי זיי די מורא פאַר גאָט, דער דרך־ארץ פאַר הייליקייטן און צי איז נאָך דאָ עפּעס בושה ביי זיי. און אייך, ר׳ שיִע, בעט איך, נישט צו גיין אויפן סטאַוו זיך אָפּצורעכענען מיטן רשע, דעם שגץ. זאָגט אויך אָן אייער זעליגל, זיך אויסצוהיטן פון דעם".

ביים אויפשטעלן זיך אונדז צו באַגלייטן ביז צו דער טיר, האָט ער אַ זאָג געטאָן צו שיִען: „כ׳האָב זיך אַציַנד געשלאָגן מיט דער דעה, צי זאָל איך אַליין גיין צום גלח, אָדער מיר זאָלן ביידע צוגיין צו אים, איר זאָלט אים צו ערשט דערציילן, וואָס עס איז פאָרגעקומען ביי נאַכט. בין איך טאַקע געקומען צו דער מסקנה, אַז איר זאָלט מיטגיין מיט מיר. גייט זשע אַציַנד מיט ר׳ זישען אָפּדאַוונען, עסן אָנבייסן, און פון דער היים וועט איר צוקומען צום גלחס הויז. איך וועל וואַרטן אויף אייך אין דרויסן. היות מען דאַרף דערוויַיל נישט אויפרודערן און איבערשרעקן די שטאָט, וועל איך אַליין, אָן דעם שמש, אַרויסגיין פון דאַנען נאָכן צוריקקומען פון מיקווה, און דורך דער בלאָניע אַוועק צום גלחס הויז, קיינער זאָל מיך נישט באַמערקן".

איך מיט שיִען זענען נאָכן דאַוונען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען יעדער אין זיין היים. שיִע האָט מיר נאָך דעם איבערגעגעבן, אַז ער האָט זיך נישט צוגעריכט צום אָנבייסן, געווען שטאַרק צערודערט, געזוכט מיט אַלע כּוחות עס צו באַהאַלטן פאַר זיין וויַיב. אַזוי האָט ער זיך אַרויסגעשאַרט פונעם הויז. ווען ער איז שוין געווען אין דרויסן, האָט ער אַוועקגעשפּרייזט מיט אַזאַ יאָגעניש, ווי נישט־גוטע, חלילה, וואָלטן אים מיט פייערדיקע בייטשן געטריבן.

ער איז אַוועק דורך דער הינטערשטער שענער גאַס, פאַרביי דעם גלחס סאַד, ביז צום הויף. ער, דער קראַנקער רב, אויף זיינע שוואַכע פיס, נעבעך, האָט שוין דאָרטן געוואַרט. שיִע האָט אַ צי געטאָן דאָס הענגענדיקע שוואַרצע הענטל פונעם הויפגלאָק. די הינט אינעם הויף האָבן זיך צעבילט. די דינסטן זענען אַרויס איינצושטילן דאָס הינטישע בילן און געעפנט די שווערע טונקעלע טיר אינעם שטיינערנעם פאַרקן. זיי האָבן גלייך

דערקענט דעם רב. די הויכע דיקלעכע פאַרוואַלטעריין אינעם שוואַרצן קלייד, מיטן ווייסן ברייטן קאָלנער אַרום פעטן געקאַרבטן האַלדז, מיט דעם בינט שליסלען, לאַנגע און קורצע, אַריינגעשטעקט ביי דער זייט פון ווייסן פאַרטעך, האָט געעפנט די פּאַראַדנע טיר מיט אַ טיפן פאַרבייגן זיך פאַרן רב, זיי ביידן אַריינגעפירט אין דער גרויסער סאַליע, און געבעטן זעצן זיך אויף די ווייכע פאָטעלן. זי האָט שנעל געמאָלדן דעם גלח פּראָבאָשטש, אַז דער ראַבין איז דאָ.

דער גלח האָט שנעל אַראָפּגעוואָרפן פון זיך זיין וואָכעדיקע קורטקע, אָנגעטאָן אויף זיין שווערן גוף די לאַנגע שוואַרצע סוטאַנע, זי פאַרקנעפלט פון אונטן ביי די שיך ביז צום קיילעכדיקן האַלדז זיינעם, אָנגעטאָן זיין ווייס־געהאַפטן קאַפּל, וואָס ער באַנוצט עס ביים אַלטאַר, — אַלץ אויס דרך־ארץ פאַרן כּבוד פונעם רב. ביים אַריינקומען האָט ער זיך באַגריסט מיט אים מיט גרויס אָפּשיי, אים געבעטן זעצן זיך אין דער גרויסער שטול, וואָס ביים פענצטער. ער, דער גלח, האָט גלייך דערקענט אינעם רבס איינגעהאַלטענער אומרויִקייט, אַז עפּעס וויכטיקס איז געשען. זיין פריִערדיקער שמייכל איז פאַרשוווּנדן פון זיין קיילעכיקן פּנים, אַ באַזאָרגטער האָט ער געפרעגט דעם רב: „וואָס האָט געטראָפן ?"

דער רב האָט אָנגעהויבן מיט שטילע געציילטע ווערטער:

„געוועז צייטן, קשאָנדז־פּראָבאָשטש, נאָך אונטער דעם יאָך פון די מאָסקאַליעס, ווען מיר ביידע פלעגן לויפן קיין אָפּט אינעם פּאָוויאַט אַריין, צום רוסישן נאַטשאַלניק, אָפּצושרייען אַ שלעכטע גזרה קעגן אונדז אַלעמען, סיי יידן, סיי פּאָליאַקן. יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק כּמעט האָבן זיך געשאָטן די נייע גזרות. אַ מאָל האָבן מיר געפּועלט, עפּעס אַראָפּגעדונגען, פאַרלייכטערט זייערע רישעותן קעגן אונדז. מייסטנס זענען מיר צוריקגעפאָרן פאַרשעמטע, צעבראָכענע, דערנידעריקטע. אונדזער נחמה איז דעמאָלט געווען — האָפן צום גאָט אין הימל, וואַרטן אויף בעסערע צייטן, אַז עס וועט קומען די ישועה".

דער רב האָט ממשיך געווען אויפהייבנדיק זיינע אויגן:

„היינט, נאָך דער ישועה, אינעם באַפרייטן פּוילן, איז אונדז, ווי איר

ווייסט עס אַליין, נאָך ערגער געוואָרן. נישט נאָר רייסט מען בערד מיט לע־בעדיקע שטיקער פלייש פון ייִדישע פּנימער, נאָר מען רייסט אויך אַרויס דעם ביסן ברויט פון ייִדישע מיילער. ס'איז שוין דערגאַנגגען אַזוי ווייט, אַז מען וויל אויך אָװעקרייסן דעם מקום־קדוש אונדזערן, אונדזער גאָטס הויז, אונדזער שול!״

דער גלח האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין שטול אַ דערשראָקענער און געפרעגט מיט אַ ציטערדיקער שטימע:

„ראַבין, וואָס איז געשען?״

דער רב האָט דאַן געבעטן שיִען, ער זאָל נאָך אַ מאָל דערציילן, וואָס עס איז געשען נעכטן ביי נאַכט. ווען שיִע האָט דערציילט, איז דער רב גע־זעסן אַקעגן דעם גלח מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, ווי אַן אָבל. זיין פּנים איז געווען געל, ווי וואַקס. שיִע האָט גערעדט וואָס אַ מאָל העכער, מיט בייז־קייט, פאַרדראָסיק:

„איך האָב נאָך פון דער ווייטנס דערקענט דעם קרומען אַנטעקן פונעם סטאַוו, ווי ער איז אַנטלאָפן פונעם באַרג הינטער דער שול און איבערגע־לאָזט דאָס ברענענדיקע שטרוי מיטן נאַפט ביי דער הינטערשטער שול־וואַנט, וווּ ס'שטייט אונדזער אָרון־קודש מיט די הייליקע ספרים. קשאַנדז־פּראָבאָשטש, ווען איך קריג אים, דעם אַנטעקן, אין מיינע הענט אַריין, וואָלט ער שוין קיין לעבעדיקער נישט אַרויס״.

שיִע האָט אויסגעלאָזט פאַרן גלח דעם גאַנצן כּעס זיינעם. פאַר בושה, אָדער פאַר שרעק פון זיינע געשרייען, האָט דער גלח זיך פאַרשעמט אָדער דערשראָקן און אויפגעהערט צו קוקן אויף אים, און ער האָט געווענדט זיינע אויגן צום רב. האָט דער רב זיך אַריינגעמישט, ווי אַלע מאָל, מיט זיין איידלקייט, און מיט ווייכקייט געשעפּטשעט:

„ר' שיִע״ — און זייער שטיל, ווי ער וואָלט אים איינרוימען אַ סוד אינעם אויער אַריין, געזאָגט: — „כּעסט זיך נישט, איך בעט אייך. באַ־רויִקט זיך, רוט זיך אָפּ אַ ביסל״. ער האָט שיִען פאַרענטפערט פאַרן גלח, אַז דאָס רעדן די צרות אַרויס פון אים, זיינע געשרייען זענען פון האַרצ־ווייטיק אויף דער גרויסער עוולה פון וועלן באַגיין אַזאַ זינד קעגן גאָט״.

דער גלח האָט גערעדט צום רב מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און מיט אַ צעבראָכענער שטימע:

„ס'איז אויך ווי צו מיר צו הערן פון אַזעלכע ווילדע מעשׂים אין מיין פּאַראַפיע. דאָס איז אַ צייכן, וואָס עס איז געוואָרן פון די מענטשן אין דער איצטיקער גאָטלאָזער צייט. דאָס האָבן מיר די ירושה פון דער רעוואָלוציע און פון דער וועלט־מלחמה. פונעם קרומען, פאַרהויקערטן אַנטעקן שרייט אַרויס אַ פאַרקרימטער, פאַרהויקערטער דור. איך גיי גלייך אויפזוכן דעם אַנטעקן מיט זיין באַנדע. כ'וועל זיי וואַרענען מיט מיין גאַנצן גייסט און גלויבן אינעם נאָמען פון יעזוס קריסטוס. כ'וועל צוזאַמענרופן אַלע קריסטן, וואָס גלייבן נאָך אין גאָט און באַשווערן זיי אויסצוראָטן די שענדער און פאַרברעכער פון אונדזער מחנה. כ'וועל אָנשטרענגען אַלע מיינע כּוחות, אַז אַזאַ נבלה זאָל ביי אונדז מער נישט געשען. און אויב איך געפין זיי נישט, וועל איך נאָך היינט אַריינגיין אין קאָשטשאָל, כ'וועל קלינגען אויף אַלע גלעקער, כּדי די גאַנצע פאַראַפיע אונדזערע זאָל זיך צוזאַמענקומען. כ'וועל זיי באַשווערן אינעם נאָמען פון גאָט, נישט צו ברענגען צו אַזאַ זינד קעגן דער הייליקער סינאַגאָגע פון אונדזערע „סטאַראָזאַקאַנבע". איך שווער ביי גאָט, אַז ס'וועט דער שול מער קיין בייז נישט געשען".

און וועגן שׂיִע קצב האָט דער גלח געזאָגט, אַז ער איז געווען דער שליח פון גאָט צו קומען אין דער ריכטיקער צייט, אָפּצושטעלן די שליחים פונעם שטן.

נאָכן פאַרלאָזן דעם גלחס הויף, זענען ביידע, דער רב און שׂיִע, אַוועק צום שאַסיי אָן אַ וואָרט אַרויסצורעדן. דער רב איז געגאַנגען אַ דערשלאָ־גענער, ווי מיט אונטערגעהאַקטע פיס. אפשר האָט ער שוין דעמאָלט חרטה געהאַט, איינגעזען זיין טעות צו גיין זוכן הילף ביים גלח? מיט גרויסער מי האָט ער קוים געקאָנט אַרויפקריכן אויפן הויכן טומאה־באַרג, וואָס פירט אין שטאָט אַריין. עטלעכע מאָל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם.

שׂיִע האָט זישען געזאָגט, אַז ער האָט אים דעמאָלט געוואָלט אַ נעם

טאָן אויף זיינע הענט, ווי אַ קינד, און אַרויפטראָגן דאָס ביסל הויט מיט ביינער, נעבעך.

ווען זיי זענען אַריין אינעם שמאָלן טומאה־געסל, זענען אַלע ייִדן אַרויס פון די געוועלבלעך, געחידושט זיך: פון וואַנען גייט עס דער רב אַזוי פרי? און דערצו, וואָס עפּעס גראָד מיט שיִען, דעם קצב? זיי ווייסן, אַז דאָס גיין זיינס מיט שיִען קאָן נישט זיין איבער אַ שאלה, איבער אַ בהמה, וואָס איז טריף געוואָרן. דער רב פּסקנט נישט קיין שאלות שוין לאַנגע יאָרן צוליב זיין שטייגער פון כשרן, ווען עס שטייט אין קאָן אַ גרויסער היזק פאַר אַ קצב, וואָס קאָן, חלילה, פאַראָרעמט ווערן. בלויז טייל מאָל, ווען אַ קצב איז געלאָפן צו אים, אַ צעבראָכענער, נאָכן פּסק פונעם שוחט, אַז די בהמה איז טריפה, פלעגט דער רב איינלייגן וועלטן, גיין אין שעכטהויז אַליין בדקענען, מיטנעמען דעם שוחט צום דיין, באַווייזן אים מיט אַלערליי פּילפּולים, אַז די בהמה איז כשר. ווען דער שוחט, ר׳ בערל, און דער אַלטער דיין, ר׳ יאָשע, פלעגן אים ווייזן די סירכא, אַז על פּי דין איז דאָ נישט פאַראַן דער מינדעסטער ספק, אַז ס׳איז טריפה גמור, פלעגט ער זיי אָנווייזן אויף מקומות אין יורה־דעה, אַריינטייטשן פאַרשידענע השערות ביזן באַשיימפּערלעכן קלאָרן אַרויסברענג, אַז ס׳איז כשר לכל־הדעות.

ר׳ יאָשע האָט גאַנץ גוט געוווּסט, אַז דער רב טוט דאָס, כדי צו ראַטעווען דעם אָרעמען קצב. פלעגט ער אַ פרעג טאָן דעם רב מיט איינגעהאַלטענעם פאַרדראָס, דאָך מיט גרויס דרך־ארץ צו אים: „רבי, נאָך אייער פּסק וועלן דאָך די מלאָכים אין הימל פאַרציטערט ווערן!" פלעגט ער ענטפערן: „ס׳איז לייכטער אויסצוקומען מיט די מלאָכים אינעם הימל, איידער מיט די אָרעמלייט אויף דער ערד; ס׳איז גרינגער צו פאַרטראָגן דאָס ציטערן פון מלאָכים, איידער דעם קרעכץ פונעם אָרעמאַן".

די ייִדן פונעם טומאה־געסל, ווי אַלע ייִדן אין שטאָט, ווייסן פון זיינע פּירעכצן, און גייען אויס פון אהבה צו אים. שטייען זיי פאַר די טירן פון זייערע געוועלבלעך מיט פאַרחידושטע אויגן: ווי קומט ער אַזוי פרי דאָ אַהער? ערשטנס, איז דאָך שיִע נישט פון די אָרעמע קצבים, דערצו איז

דאָס שעכטהויז דאָך גאָר פון דער אַנדערער זייט שטאָט. פאַר וואָס זשע קומט ער, דער רב, אַהער אַזוי פרי און קלעטערט מיט זיינע שוואַכע פיס אויפן טומאה־באַרג מיט שיִע דעם קצב? קיין קוראַזש און העזה צו פרעגן דעם רב האָבן זיי נישט. שיִען וואָלטן זיי יאָ געפרעגט, גייט ער אָבער מיטן רב. האָבן זיי געקנייטשט זייערע שטערנס ביים אָקעגנגיין אים, דעם רב, מיט זייער דרך־ארצדיקן „גוט־מאָרגן, רבי". זיי האָבן מן הצד באַ־טראַכט שיִען ווי אַ בייז ווונדער, אים אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס, גע־מורמלט צווישן זיך נאָכן אַוועקגיין פונעם רב מיט שיִען, אַז גלאָט כשר איז דאָס נישט.

דער שטאָטנאַר, שייקעלע גלאָמב, וואָס האָט געוווינט אינעם טומאה־געסל, האָט אַריבערגעשריגן צו די שכנים זיינע פונעם געסל, אויף דער שוועל פון זיין סאָדע־וואַסער־שטעלעכל, ווען דער רב מיט שיִען זענען שוין געווען אויפן אַנדערן זייט געסל ביים אַריינגאַנג צום מאַרק: „איך זאָל אַזוי דערלעבן אַקעגנצוגיין משיחן, ווי איך האָב זיי ביידן געזען אַריין און אַרויסגיין פונעם גלחס הויף". און ער האָט זיך צעלאַכט: „האַ־האַ־האַ! עץ האָט נישט קיין צייט צו זען, עץ טראַכט נאָר ווו צו קריגן אַ גמילת־חסדל צו צאָלן די וועקסעלעך. איך, שייקעלע, כאַפּ נישט קיין גמילת־חסדל, ווייל מען גיט מיר נישט. האָב איך מיר אַ קופּערנעם סיפאָן סאָדע־וואַסער מיט אַ שאַכטל איריסן, לעב איך מיר ווי אַ קייסער, אָן זאָרגן. ייִדן! מאַכט צו ענקערע געוועלבעלעך, לאָמיר גיין אין בית־המדרש אַריין זאָגן תהילים! עץ האָט דאָך געזען שיִעס פּנים, שוואַרץ ווי די ערד. ייִדן, ס׳רוקט זיך אָן אַ ניי אומגליק אויף אונדז!"

די ייִדן אין טומאה־געסל האָבן אויף שייקעלעס קולות אויסגעשפּיגן דריי מאָל און שטיל געמורמלט: „מאַלע וואָס שייקעלע גלאָמב שרייט דאָרטן זיינע גלאָמבישע רייד: ער, דער תהילים־זאָגער, קאָן דאָך נישט קיין צלם פון קיין אלף".

ווען שיִע מיטן רב זענען צוגעקומען צו דער אַנדערער זייט מאַרק, נאָענט צום רבס הויז. אין זיין בית־המדרש, האָט ער מער נישט געקאָנט

איינהאַלטן זיין אומצופרידנקייט פונעם גיין צום גלח און געפרעגט דעם רב מיט שטאַמלענדיקע רייד:

„רבי, קיין סוד וועט דאָך נישט בלייבן, ס׳וועט דאָך אַרויסקומען, ווי בוימל אויפן וואַסער. איז פאַר וואָס, רבי, זאָלן זיך די ייִדן אין שטאָט דאָס ערשטע דערוויסן דורך זיי?״ — ער האָט געוויזן מיט זיין אויסגעשטרעקטער ריזיקער האַנט אויף דער טומאה — „דורך זייערע טומאה־גלעקער, וואָס דער גלח וועט באַלד צעקלינגען, ווי ער האָט עס אייך צוגעזאָגט? אפשר וואָלט איר, רבי, גלייך גערופן די דאַזאָרעס, מיט זיי זיך מיישב זיין, און נאָך דעם — רופן אַן אַסיפה פון די בעלי־הבתים, אפשר גאָר פון דער גאַנצער שטאָט, יונג און אַלט, זיי צו לאָזן וויסן פון דער סכּנה? אויב איר, רבי, זענט נישט צו מיד, קומט מיט מיר, וועט איר אַ קוק טאָן אויף דער פאַרסמאַליעטער שולוואַנט, די ייִדן וועלן דאָך דאָס סיי ווי באַלד דערזען. רבי, איז אייער גיין צום גלח געווען דער ריכטיקער וועג? זייט מיר מוחל, רב, פאַר מיין העזה, דאָס אייך צו פרעגן״...

דער רבי האָט אַ ציטער געטאָן און מיט זיינע אויסגעשטרעקטע בלייכע הענט, די געלע ווי וואַקס, זיך אָנגעכאַפּט אין שיִעס קורטקע, ווי נישט אומצופאַלן.

דער רב האָט אַרויסגעשלעפּט זיין רויטלעכע פאַטשיילע פון דער הינטערשטער קעשענע, געווישט זיך דעם קאַלטן שווייס, וואָס האָט אים באַגאָסן, און געקוקט אויף שיִען מיט זיינע גרויסע ברוינע אויגן, די אַרויסגעשטאַרטע פון זיין אויסגעצערטן פּנים: אפשר איז שיִע גערעכט? אפשר האָט ער, דער רב, טאַקע אַ טעות געמאַכט?

שיִען האָט שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס ער האָט דעם רב מצער געווען מיט זיינע חוצפּהדיקע רייד און העזהדיקע קשיות, האָט ער, ווי פאַרשעמט, געבעטן:

„רבי, זייט מיר מוחל פאַר מיינע עזותדיקע רייד. כ׳בין אַזוי דערשלאָגן זינט נעכטן, אַז כ׳ווייס נישט וואָס איך רעד״.

דער רב האָט דערויף אים געענטפערט:

„ר׳ שיִע, איר זענט גערעכט... אייערע רייד זענען אמתדיקע, זיי קומען

פון אַ ריין ייִדיש האַרץ און גייען אַריין אין מיין האַרץ. גייט אַהיים, גייט אין אייער יאַטקע אַריין. כ'נעם אָן אייער עצה־טובה: כ'וועל גלייך רופן די דאָזאָרעס און שואל־עצה זיך זיין מיט זיי פּאַרן רופן די שטאָט־אסיפה".

שׂיִע האָט דעם רב צוגעפירט ביז זיין טיר. דער רב האָט זיך געזעגנט מיט אים, אים געגעבן די האַנט. שׂיִע איז אַזש רויט געוואָרן פון דער זכיה. ער האָט אַ לייכטן שאָקל געטאָן דעם רבס האַנט, ווי ער וואָלט געהאַלטן אַ טייערן אתרוג, און געזאָגט:

„רבי, זאָגט די דאָזאָרעס, אַז מיר אַלע, די קצבים, פישער־יונגען און די טרעגער, אַלע נישט קיין מלופים־קינדער, וועלן גרייט זיין צו גיין יעדע נאַכט אויף דער וואַך, ווען מען וועט נאָר אַ פּיפּס טאָן".

ביים אויסדרייען זיך צום אַוועקגיין האָט שׂיִע געטראַכט, אַז ס'וועט גענוג זיין, ווען ס'וועלן זיך אַוועקשטעלן בלויז די צוויי טרעגער, שימעלע דער הויכער, מיט די שטאָלענע הענט, און אפרים דער נידעריקער, מיט אַ פּלייצע ווי אַ וואַנט, וואָס געראָט אַריין אין טאָטן זיינעם, לייזערן. יענער האָט זיך געוועט אויף אַ פלאַש פינף־און־ניינציקער צו זיינע פינף און זיבעציק יאָר, אַז ער וועט אויפהייבן מיט איין האַנט אַ וואָגן מיט מעל. נישקשה, זיי קאָנען זיך אויף אונדז פאַרלאָזן.

שׂיִע האָט אויפגעהויבן דעם גלאַנציקן דאַשיק פון זיין היטל, זיך אָפּ־געווישט מיט דער לינקער האַנט די טראָפּנס שוויס פונעם שטערן, ווי ער וואָלט אָקערשט אַרויס פון אַ שוויצבאָד. דאָס ערשטע איז ער געקומען צו לויפן צו זישען, אים דערציילט אַלץ פון אלף ביז תּו, ווי זישע האָט דאָס איבערגעגעבן פּנחסן. ער האָט אַפילו נישט פאַרגעסן אים צו דערציילן וועגן דעם בילן פון די הינט ביים אַריין און אַרויסגיין פונעם גלחס הויף. מיט אַ באַזונדערן שטאָלץ האָט ער דערמאָנט, ווי דער גלח האָט אַרויסבאַ־גלייט דעם רב ביז צו דעם שאָסיי, וואָס פירט צום טומאה־געסל. דערביי האָט זיך שׂיִע ברייט צעשמייכלט: דאָס האָט ער, דער גלח, נישט געמיינט מיך, נאָר אים, דעם רב. ער האָט פאַר אים מער דרך־ארץ ווי, להבדיל, פאַרן אַרצי־ביסקופּ אַליין". — — —

# קאַפּיטל צען

אַ קיל פאַרנאַכטיק ווינטל האָט אָריינגעווייעט. די זומערדיקע טיולענע פאַרהאַנגען זענען פונעם ווינטל אויפגעבלאָזן געוואָרן, ווי פּענכער.

פּנחס האָט באַמערקט זישעס מידקייט. האָט ער זיך אויפגעשטעלט, איז צוגעגאַנגען צום קליינעם סאַמאָוואַר־טישל קעגן איבער די אָפענע טירן פונעם באַלקאָן, ווו ס׳איז געלעגן זיין קאַפּעליוש. ער האָט זיך אָנגעלענט מיט די פּלייצעס אויף דער וואַנט דערנעבן, צוגעלייגט זיין רעכטע האַנט צו דער גאָמבע, ווי זיין אַמאָליקער מלמד ר׳ עליע פלעגט דאָס טאָן ביים פאַרטראַכטן זיך אויף אַ שווערער סוגיא. זישע האָט נישט אַראָפּגענומען זיינע אויגן פון אים, ווי ער וואָלט געוואַרט אויף עפּעס.

„איר ווייסט, זישע, — האָט פּנחס געזאָגט — „וואָס איך האָב געטראַכט בעת אייער דערמאָנען דעם שטאָטנאַר, שייקעלע גלאָמב. דער. וואָס פלעגט יעדן פרייטיק ברענגען פאַר אַלע שכנים דעם שענסטן געל־גאָלדענעם זאַמד אויסצושיטן אויף זייערע ערדענע דילן לכבוד שבת ? אַז אייגנטלעך איז ער געווען גערעכט מיט זיין וואָרענונג צו די ייִדן. אין שווערע צייטן זענען דעם נאַרס חושים מער מסוגל אויפצונעמען און דערשפּירן געפאַר־סיגנאַלן. דער מאמר־חז״ל, אַז „זינט דאָס בית־המקדש איז חרוב געוואָרן איז די נבואה איבערגעגעבן געוואָרן צו די שוטים״, איז נישט אויסן געווען אָפּצולאַכן, נייערט פעסטצושטעלן אַן אייביקן אמת״.

נאָך אַ טיפן אָפּזיפצן האָט זישע ווידער אָנגעהויבן צו דערציילן :

דער גלח זשעלינסקי איז נאָכן אָוועקגיין פונעם רב מיט שיִען צוריק אַריין אין זיין הויז שטאַרק פאַרטראַכט. ער האָט באַשלאָסן גלייך אַראָפּצוגיין אויפן סטאָוו אויפזוכן אַנטעקן.

די דאָרטיקע איינוווינער, מייסטנס פאַבריק־אַרבעטער פון דער נאָענטער קלימקעוויטשער אייזן־גיסעריי, האָבן זיך געחידושט איבער זיין קומען צו זיי. זיי האָבן אַראָפּגענומען זייערע היטלען און זיך געצלמט ביים באַ־

גריסן אים: „יעזוס קריסטוס אויף אייביק און אייביק, אַמען". זיי האָבן אים הכנעהדיק צוגעפירט צו דעם הויז, וווּ עס ווינען אַנטעק מיט דער מוטער. אַ דערשראָקענע פון דעם, וואָס דער גלח זוכט אים, האָט די מוטער געזאָגט, אַז אַנטעק איז נאָך פאַר טאָג אַוועק פון שטוב און זי ווייסט נישט וווּהין ער איז געגאַנגען.

ווען דער גלח איז אַראָפּ פון די הילצערנע שטיגלעך, איז גראָד דער פּאָשטאַליאָן פאַרבייגעפאָרן מיט זיין קליינעם וועגעלע, איינגעשפּאַנט מיט איין פערד אין מיטן פון די צוויי דישלעס, מיט אַ האַלב־קיילעכדיקער רייף אַרום דעם פערדס קאָפּ, ווי אַ בויגן. בעתן דערזען דעם גלח, איז ער האַסטיק אַראָפּגעשפּרונגען מיט די לייצעס און בייטש אין די הענט. אויף דעם גלחס פראַגע, צי ער האָט נישט באַגעגנט אויפן וועג אַנטעקן, האָט ער געענטפערט, אַז ווען ער האָט היינט פאַר טאָג אַוועקגעפירט די פּאָשט אינעם נאָענטן דאָרף באַדזעכאָוו, האָט ער אַנטעקן געזען אַרום די וועלדער מיט צוויי פון זיינע קומעס. ער האָט געשפּאַנט מיט אייליקע טריט, אַ צע־שראָקענער, ווי אַ געיאָגטער הונט. אפשר באַהאַלט ער זיך פאַר עפּעס אין יענע געדיכטע וועלדער?

דער גלח איז אַ פאַרטראַכטער אַוועקגעגאַנגען מיטן שאָסיי צום טומאה־באַרג, אַריין אינעם קאָשטשאָל, זיך פאַרנומען ליינקס, צום שמאָלן טורעם, וווּ עס הענגען די גלאָקן. ער האָט זיך אַליין געפרעגט, צי זאָל ער וואַרטן אויפן „דזשאַד קאָשטשעלני", דעם שטענדיקן גלאָקן־קלינגער, וואָס ווייסט, ווי אַזוי אויסצוקלינגען אויף די פאַרשידענע גלעקער די אַלערליי געבעטן, סיי די טרויעריקע שאָפּען־טענער ביי געשטאָרבענע, סיי די פריילעכע קלאַנגען ביי אַ חתונה, סיי דאָס קלינגען ביי די זונטיקדיקע און אַנדערע חגאותדיקע מעסעס. ביי אים, דעם דזשאַד, איז דאָס קלינגען אויף די גלאָקן אַזאַ עובֿדה, ווי ביים אָרגאַניסט דאָס שפּילן אויפן אָרגל. ניין, האָט דער גלח באַשלאָסן, ער וועט נישט וואַרטן אויפן דזשאַד. ער האָט אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט די אַרונטערגעהאָנגענע שטריק פון די פאַרשידענע גלאָקן, האָט זיי געצויגן מיט אימפּעט, און די קלאַנגען זענען געוואָרן אַזוי משונה־דיק, ווי אַ כאַאָטישער רעש. דאָס אימהדיקע קלינגען האָט אָפּגעהילכט נישט

נאָר אינעם נאָענטן מאַרק מיט די ווייטיקע געסלעך אַרום, נאָר אויך אינעם טאָל פונעם סטאַוו ביז דער גרויסער פאַבריק און אַפילו אין נאָענטע דער־פער. דער דזשאַד איז געקומען צו לויפן, זיך געבעטן ביים גלח אים אי־בערצוגעבן דאָס קלינגען. זאָל ער אים נאָר זאָגן וואָס ער וויל, וואָס איז דער צוועק פון דעם קלינגען. דער גלח, אַ צעפלאָמטער, האָט אים אַפילו נישט געענטפערט. און ווייל די קלאַנגען זענען געווען אַזוי אַנדערשדיק — אַ פאַרפּלאָנטערטער משונהדיקער מישמאַש, וואָס איז נאָך קיין מאָל נישט געהערט געוואָרן, — האָט דאָס אַנגעוואָרפן אַ פּחד אויף אַלעמען, ווי שדים וואָלטן זיך אַריינגעכאַפּט אינעם טורעם און אויסגעקלונגען זייערע ווילדע שרעקן־קלאַנגען. עס זענען אַנגעקומען צו לויפן די אַרומיקע ליקעס, די שטאָט־גויים. זיי האָבן איבערגעלאָזט אויף הפקר זייערע שטעלן אינעם מאַרק, זייערע פערד־ און פי־שטאַלן ביי די עקן אַרום די קינעווער און דענקעווער געסלעך. אויפן גאַנצן שאָסיי אַרום דעם טייך ליאַס האָבן זיך געצויגן מחנות פויערים און פויערטעס פון די אַרומיקע דערפער. אויך פון די גרויסע אייזן־פאַבריקן אינעם נאָענטן קלימקאָוויטש און פון ווייטערן באַדזעכאָוו האָט מען געשטראָמט. באַלד איז די טומאה און דער הויף אַרום איבערגעפילט געוואָרן מיט גויים און גויעס. די ייִדן פונעם טומאה־געסל האָבן צוגעמאַכט זייערע געוועלבלעך און זענען געלאָפן אינעם אַלטן בית־המדרש אריין געוויער ווערן וואָס עס איז געשען.

די ייִדן פונעם מאַרק, דערשראָקענע, האָבן שוין אויך געוואָלט פאַר־האַקן די געוועלבער, ווען עס האָט זיך באַוויזן מאיר, דער שמש, אַ צערו־דערטער. דורך די אָפענע פאָלעס פון זיין צייגענעם כאַלאַט האָבן זיך גע־שאָקלט די לאַנגע ציצית פון זיין טלית־קטן.

לויפנדיק האָט ער אויסגערופן, אינעם נאָמען פונעם רב און די דאָזאָ־רעס, נישט צו שרעקן זיך; אַלץ וועט אויפגעקלערט ווערן ביי דער הייב־טיקער אַסיפה אין דער שול בין מינחה למעריב. ייִדן זענען אים נאָכגעלאָפן און געפרעגט: „מאיר, וואָס איז געשען, וואָס פאַרא אַסיפה?" — מאיר האָט זיי געענטפערט, אַז די דריי דאָזאָרעס זיצן אַצינד ביים רב און זיי באַראָטן זיך וועגן דער הייניטיקער אַסיפה.

די מחנות גויים האָבן פאַרפלייצט דעם קאַשטאָל און אויך דעם הויף. אַפילו דער דרויסנדיקער גרויסער טומאה־פּלאַץ איז שוין געווען געפּאַקט. אַלט און יונג, אַפילו לאָמע און קרומע, זענען געשטאַנען מיט אָפענע מיי־לער און אַרויסשטאַרצנדיקע אויגן צום אַלטאַר. די מחנה פון דרויסן האָט זיך געשטופּט אין די צעפּראַלטע טירן פונעם קאַשטשאָל, ווו עס האָבן גע־ברענט די ליכט פאַרן אַלטאַר. דאָס ברומען און מורמלען פון די מענגעס מענטשן האָט אויפגעהערט, ווען פאַרן אַלטאַר האָט זיך באַוויזן די קיי־לעכדיקע פעטסטע פיגור פונעם גלח, פּראָבאָשטש זשעלינסקי, אין זיין פּראַסט־וואָכעדיקער שווארצער סוטאַנע. זיין שטענדיק רויט געזיכט איז איצט גע־ווען נאָך מער צעפלאַמט נאָכן אָנגעשטרענגטן קלינגען אויף די טומאה־גלאָקן.

דער גלח האָט אָנגעהויבן מיטן אָפּריכטן אַ געוויינלעכן טעגלעכן גע־בעט. צום סוף האָט ער אויסגעשטרעקט זיינע הענט אין דער ברייט, ווי ער אַליין וואָלט געווען דער צייכן פון אַ צלם, און ער האָט זיך צעוויינט. די גויים און גויעס זענען פאַרציטערט געוואָרן. דאָס ערשטע מאָל אין זייער לעבן זעען זיי זייער גלח וויינען.

דערנאָך האָט ער אויפגעהויבן זיין רעכטע האַנט צום „יויזל" און זיך עטלעכע מאָל געצלמט. דאָס שאַרכן פון די טויזנטער הענט, ביים נאָכצלמען זיך, איז אַדורך ווי אַ ווינט.

דער גלח האָט אָנגעהויבן מיט זיינע גלחישע רייד. ער האָט דערמאָנט יעזוסעס גוטסקייט צו אַלע מענטשן, אַפילו צו די נישט גלייביקע אין אים. דאָס איז גילטיק נישט נאָר פאַר יענער צייט, ביים קרייציקן אים, נאָר פאַר אַלע צייטן און אַלע ערטער, אַפילו צו די פאַרעקשנטע ייִדן פון אונדזער שטאָט, ווו זיי האָבן געבויט, ווי אין גאַנץ פוילן, זייערע סינאַגאָגעס, די געבעטהייזער צו זייער גאָט.

דער גלח האָט גענומען שטראָפן די יעניקע, וואָס ווילן פאַרברענען די שול, וואָס איז דאָס געטלעכע הויז פון אונדזערע „סטאַראָזאַקאָנע". ער האָט אויסגעשריגן: „אַזאַ זינד וועט אונדז גאָט קיין מאָל נישט פאַרגעבן. אויף אונדז אַלעמען וועט קומען גאָטס שטראָף".

„מיר דאַרפן און וועלן אַלץ טאָן“ — האָט דער גלח ווייטער געדרשנט — „אַז זיי זאָלן אַוועק פון דאַנען קיין פּאַלעסטינע, אָבער נישט מיטן אונטערצינדן זייערע סינאַגאָגעס וועט איר דאָס אויספירן. זיי, די ייִדן, זענען מענטשן פון אַן אַלט האַרטנעקיק פאָלק. ווען מען גייט קעגן זייער גלויבן מיט געוואַלד, ווערן זיי נאָך מער פאַרעקשנט און זיי זענען גרייט אַוועקגעבן די לעבנס פאַר זייער גאָט“.

„אין נאָמען פון אונדזער האַר, יעזוס־קריסטוס, באַשווער איך אייך, מיין גאַנצע פּאַראַפיע, צו פאַרטרייבן גלייך אַנטעק סאָבאָטשינסקין מיט זיינע מיטהעלפער פונעם סטאַוו, פאַרן וועלן פאַרברענען די סינאַגאָגע“. די חזיר־קיילער האָבן שיִען דערציילט, אַז ווען אַלע זענען אַוועק פון דער טומאה, זענען די באַוווינער פונעם סטאַוו געבליבן מיטן גלח און אים צוגעזאָגט צו פאָלגן זיין פאַרלאַנג.

יענעם טאָג האָט אַנטעק זיך אָפּגעטראָגן און איז נעלם געוואָרן, ווי אין וואַסער אַריין.

# קאַפּיטל עלף

דער רב האָט געבעטן דעם אַלטן שול־שמש, שמאילע, רופן די דריי דאָזאָרעס צו אַ באַלדיקער אַסיפה אין זיין בית־המדרש. דער עלטערער דאָזאָר, מכּמה יאָרן, איז משהל פּנחסעס, דער הויכער, מיטן טונקל־לענגלעכן פּנים, שמאָל־געקרייזלט בערדל און גרויסע טונקל־ברוינע אויגן. ער גייט מיט געמאָסטענע טריט. זיין איידעלער באַנעם צו אַלעמען רופט אַרויס צו אים דרך־ארץ.

ווען דער מאָדזשיצער רבי ר׳ ישׂראל, דער גרויסער בעל־מנגן, פלעגט קומען אין שטאָט אויף שבת־נחמו, איז ער איינגעשטאַנען ביי זיין חסיד, דעם גביריש־פּריצישן שניידער משהל פּנחסעס. דער רבי פלעגט דאַן פּראַווען די שבתדיקע טישן מיט זיינע חסידים אין משהלס גרויסער שטוב, מיט די פיר לאַנגע פענצטער צום מאַרק. די געזאַנגען האָבן געהילכט דורך די אָפענע פענצטער און אָפּגעקלונגען אין די שטיבער פון אַלע פיר זייטן פונעם מאַרק. די יידן פון די אַרומיקע געסלעך, אנשים ונשים וטף, זענען געקומען צו משהלס אָפענע פענצטער, האָבן זיך באַהאַפטן מיטן רבינס נגינה און מיטגעברומט די זמירות, די שבת־נחמודיקע דערלייזנדיקע נגינה.

דער צווייטער דאָזאָר איז געווען אַברהמטשע בולאַק — אַ מיטלוווקסיקער בעל־גוף, מיט אַ קיילעכיק העל געזיכט, בלויע אויגן, אַ געגאָלטן קאָפּ — אַ פעלדשערס בן פעלדשער, אַן אויפגעקלערטער פוילישער סאָציאַליסט. אין שטאָט האַלט מען אים פאַר אַן אַפּיקורס, אָבער אינעם רב גלייבט ער נאָך מער, ווי אַלע פרומע יידן. אַברהמטשע איז, ווי ס׳איז שוין דערציילט געוואָרן, גרייט אָוועקצוגעבן דאָס העמד פונעם לייב פאַר יעדן נויטבאַדאַרפטיקן. ער איז אַ קענער אין הלכות דאָקטאָריע. מען זאָל אויסגיין פון איין עק וועלט ביז צום אַנדערן, וועט מען אַזאַ פעלדשער נישט געפינען. גאַנצע נעכט, דערציילט מען, ליגט ער איבער די פוילישע און דייטשע ביכער פון די גרעסטע פּראָפעסאָרן אין דער וועלט און דאָרטן געפינט ער די

רפואות פאַר אַלע שלאַפקייטן און חולאתן. טאָמער איז דאָס נאָך ווייניק, קאָן ער שעהען לאַנג שטיין ביי אַ שקעלעט, איינגעהאַנדלט און געבערענגט פון וואַרשע. דורך דעם שקעלעט, זאָגט ער, זעט ער די אינעוויינינקסטע ביי־נער און אַלע געדערעם — אַלץ וואָס עס טוט זיך ביי מענטשן. ער זאָגט יאַקבי, אַז ביי יעדן געשטאָרבענעם מענטש, וואָס ליגט אינעם קבר אַ ביסל יאָרן, ווערן דאָס פלייש און די געדערעם צעפוילט, די האָר פאַרשווינדן, און עס בלייבט פונעם מת בלויז אַ שקעלעט, ווי אָט דער וואַרשעווער. גראָד דאָס גלייבט אים קיינער נישט, ווייל ווי לייגט זיך דאָס אויפן שׂכל, אַז אַזעלכע פאַרזעענישן וועלן דאָס אָקעגנגיין משיחן? אָבער ווען עמען אַרט דאָס וואָס ער פלאַפּלט! אָבי ער זוכט מיט אַלע כּוחות צו העלפן די קראַנקע. און כאָטש ער איז פאַריאָגט מיטן אַרומלויפן צו די פאַרשידענע חולאים, אָבער ווען דער רב גיט אים אַ רוף צו זיך, לאָזט ער אַלץ איבער און לויפט צו אים.

דער דריטער, יינגערער דאָזאָר, חנן, דער פאָטאָגראַפיסט, איז אַ הויכער, מיט אַ שמאָל בלאָנד בערדל, וואָס גלאַנצט אַרויס פון זיינע פאַר־רויטלטע באָקן, און מיט שמייכלענדיקע בלויע אויגן. ער איז שטענדיק אויסגעפוצט, ווי צו אַ חתונה, ער איז געקומען אַהער צוזאַמען מיט דער נאָוואַרדיקער ישיבה, וואָס האָט דאָ געפונען אַ מקום־מנוחה נאָכן אַנט־לויפן פון רוסלאַנד.

נאָך דאָרטן האָט מען אין טייל כּיתּות געפירט הייסע וויכּוחים וועגן דעם זין און באַדייט פונעם וואָרט „תּפארת״ אין שייכות צו מענטשן און די מדרגות — נישט צו לאָזן זיך פאַרפירן און מאַכן אַן עיקר פונעם „מה נאה אילן זה״, און פאַרגעסן, אַז דאָס איז בלויז די חיצוניותדיקע שיינ־קייט, וואָס פאַרפירט סוף כּל סוף צו אַלע חומרדיקע גלוסטונגען.

חנן און זיין כּיתּה פלעגן באַוווּנדערן אין די פרימאָרגנס דעם זונ־אויפגאַנג, און אויסזינגען די שחריתדיקע תּפילה „האדרת והאמונה לחי עולמים״. מינחה־צייט, ביים זון־אונטערגאַנג, האָבן זיי געזונגען „תהילה לדוד, הדר כּבוד הודך ודברי נפלאותך אָשׂיח!״

חנן און זיינע חברים האָבן געזען אינעם קאָצקערס גוף־פּייניקונג און

אויך אינעם אָסטראָווצער רבס פּאַסטן און פּרישות, די פּנימיותדיקע שיינ־קייט, וואָס לויכט אַרויס פון זייערע פּנימער און שטראַלט נשמהדיק פון זייערע אויגן.

יאָרן שפּעטער, נאָכן פאַרלאָזן די ישיבה, איז חנן געוואָרן אַ פאָטאָ־גראַפיסט, עס האָט אים געצויגן צו פאַרהערלעכן אַלערליי שיינקייטן. ביידע, דאָס חיצוניותדיקע און דאָס פּנימיותדיקע, זענען ביי אים דאָס קלסתּר־פּנים פונעם בורא עולם.

חנן זעט נישט קיין סתּירה אין זיין פּאַראַקטיקייט אין שיינקייט. ער קאָן שטיין ביים טייך ליאָס אַ פאַרגאַפטער שעהען לאַנג, כּדי צו זען די זון פאַרגיין, ווי אירע פלאַמען צינדן די באַרגיקע וועלדער. ער קאָן אויך שטיין אין לויטערע זומערנעכט און קוקן אויפן אויסגעשטערנטן הימל. די העלע לבנה זילבערט דעם טייך, וואָס אין איר שפּיגלדיקער טיפקייט זעט ער מיראַזשן פון פּאַלאַצן. ביי אים איז נישט פאַראַן קיין חילוק צווישן די מדרגות פון שיינקייט.

חנן פאַרפעלט נישט צו קומען יעדן טאָג אינעם אַלטן בית־המדרש לערנען אַ בלאַט גמרא, אָדער מעיין זיין אין פאַרשידענע ספרים ביחידות. אָבער דריי נעכט אַ וואָך לערנט ער חומש און רש״י מיט עטלעכע אָרעמע יינגלעך, און יעדן דאָנערשטיק ביי נאַכט איז ער משמש די בית־המדרש־ניקעס, וואָס זענען וואַך די גאַנצע נאַכט, מיטן בראָטן פאַר זיי זיינע קאַר־טאָפלעס מיט הערינג. ער, דער עלטערער בחור, איז דער ראש פון יונג־ציוניסטישן „גדוד לוחמי ציון״. ער לערנט זיי פאַרשידענע גימנאַסטישע קונצן און שווערדן־פעכטן. דאָס יונגוואַרג, זיינע הייסע חסידים, האָבן איב אויסגעקליבן פאַר דאָזאָר. טראָץ דעם, וואָס די עלטערע יידן אין שטאָט רופן אים מיט ביטול „דער ליטווישער צלם־קאָפּ״. אַנדערע ווידער רופן אים האַלב־חוזקדיק „חנן דער טשיקאָווניק״, דערפאַר אפשר, ווייל ער קויפט איין פאַר די לעצטע גראָשנס זיינע אַלערליי געמעלן, וואָס קיינער וויל זיך נישט אומקוקן אויף זיי. אומעטום ווייסט מען שוין צו ברענגען צו אים אַלערליי שמאָכטעס, און ער פאַרקויפט דאָס לעצטע העמד זיינס און איינ־האַנדלען זיך די אַנטיקעלעך, ווי ער רופט דאָס. ווען די דינסטמיידלעך

קומען צו אים אין די חול־המועד טעג פון פסח און סוכות זיך פאָטאָגראַפירן, כּדי די פאָטאָגראַפיעס צו שיקן צו זייערע חתנים, די סאָלדאַטן, רעדט ער זיי צו צו פאַרקאַטשען די אַרבל פון זייערע קליידלעך און אויך די קעל־נערלעך אַרום זייערע העלדזער. ער צעעפנט די העקעלעך מיט זיינע הענט, ווי ווייט ער קאָן נאָר, און רעדט זיי איין, אַז אַזעלכע שיינע געטאָקטע הענט און באַחנטע העלדזער און נאַקנס איז אַן עבירה צו פאַרדעקן. מען שמועסט אויך אין שטאָט, אַז טראָץ זיין כּלומרשטן טרייבן פון זיך די שדכנים, איז ער אַ גאַנצער בן־בית ביי יצחקן, דעם לאָדזשער דאַמסקע שניידער.

מען רופט אים לאָדזשער, אָט דעם יצחקן, כאָטש בסך־הכּל איז ער אין לאָדזש געווען עטלעכע חדשים. און געפאָרן קיין לאָדזש איז ער צוליב זיינע דריי מיידן, וואָס צו זייער פאַרשייטער שיינקייט איז נישטאָ קיין גלייכן אין דער גאַנצער וועלט. אין זייער שיינקייט קאָן מען נישט אַריינ־קוקן, פּונקט ווי מען קאָן נישט אַריינקוקן אין דער זון. זעסטו — האָט זיך זישע צעשמייכלט — ווען דער יצחק האָט די מיידן אין אַמעריקע, וואָלט ער זיי פאַרצוקערט, אָבער דאָ? אַלע האָבן זיך געשראָקן פאַר זייער שיינ־קייט. און צו אַלע צרות זענען זיי נאָך געווען אַזעלכע געראָטענע בריהס, אַז וואָס די אויגן האָבן געזען, האָבן די הענט זייערע געטאָן. זיי האָבן גע־קאָנט יעדן חודש איבערניצעווען זייערע קליידלעך אויף נייערע פאַסאָנען, אַז אַלץ האָט אַראָפּגעשיינט פון זיי, און זיי האָבן אויסגעזען, ווי דעם גראַף וויעלאָפּאָלסקיס טעכטער. האָבן דערפאַר די שניידער־יינגלעך און אַנדערע בעלי־מלאכות נישט געהאַט קיין העזה זיך צוצורוקן צו זיי.

ביז דער טאַטע, יצחק, האָט אויספאַרקויפט די אָרעמע בעבעכעס זיינע און געפאָרן קיין לאָדזש. ער איז געווען זיכער, אַז דאָרטן, ווו מען ווערט רייך איבער נאַכט, וועט מען זיינע שיינע טעכטער צעכאַפּן, ווי מצה־וואַסער. איז ער דאָרט געזעסן אין באַלוט עטלעכע חדשים, דער דלות זיי־נער איז נאָך גרעסער געוואָרן — האָט ער צוריק איינגעפּאַקט דאָס ביסל איבערגעבליבענע אָרעמקייט, נעבעך, און איז צוריקגעקומען. ער האָט דע־מאָלט געזאָגט צו זיין ווייב, גיטל, אַז ער זעט נישט די גליקן פון לאָדזש, און צו די אַלע זאַכן האָט ער נאָך מורא פאַר די פאַרשייטע לאָדזשער פּאַ־

צעטלעך מיט די דינע, שוואַרצע וואָנצעלעך, וואָס פּייפן אַרויף יעדע נאַכט צו די מיידן אונדזערע און פאַרשווינדן מיט זיי ביז אין שפּעטע בייניאַכטן.

ווען ער, יצחק, איז געלעגן אין בעט און האָט נישט געקאָנט צומאַכן מיט אַן אויג, פלעגט ער וועקן זיין ווייב:

„גיטל! דו שלאָפסט? ווער ווייסט וואָס עס קאָן, חלילה, געשען מיט זיי, די מיידן אונדזערע. זיי קאָנען נאָך, גאָט זאָל אונדז אויסהיטן, אַהיימ־קומען מיט געשוואָלענע בייכלעך".

אָט צו דעם יצחקן מיט די שיינע מיידן פלעגט פאַרבלאָנדזשען חנן מיטן פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט און פאָטאָגראַפירן די מיידן אויף אַלערליי אופנים. זייערע פאָטאָגראַפיעס פלעגט ער אַרויסשטעלן מיט גרויס חשיבות אין סאַמע פראָנט פון זיין פענצטער, מיט זייערע באַקעטע העלדזער ביז די ברוסטן, ווי אַן „עין". ווען דער יצחק פלעגט אים נאָר דערזען, האָט ער זיך אַרומגעכאַפּט מיט אים, ווי מיט אַן אבן־טוב. ער האָט ליב געהאַט פאַר אים זיך צו באַווייזן מיטן רעדן צו זיינע טעכטער אויפן לאָדזשער דייטש־מערישן לשון.

אָט ערשט נישט לאַנג צוריק איז חנן אַרויפגעקומען צו דעם יצחקן, צו ווינטשן מזל־טוב צו די תנאים פון זיין עלטסטער טאָכטער מאַלטשע (פאַרן אָוועקפאָרן קיין לאָדזש האָט מען זי גערופן מלכהלע), וואָס איז פאַרקנסט געוואָרן צו יאַנקעלען מיט די שוואַרצע אויגן, די לוסטיק־רירעוודיקע ווי קוועקזילבער, מיט אַ גאָמבע אַ פלאַכע, ווי אַ פתח, און אַ הון־גריבעלע אין מיטן. יאַנקעלען האָט מען אויך גערופן טשאַרנע, אָדער פייגע־צירלס די צוקער־בעקערינס בן־יחיד. נאָכן פאָטערס טויט האָט יאַנ־קעלע טשאַרנע אַרויסגעהאָלפן זיין מוטער אין איר צוקער־בעקעריי, וווּ מ'האָט געבאַקן אַלערליי באַטעמטע געבעקסן: שטריצלעך מיט קעז, לע־קעכער, פלאָדנס און מאַנדלברייטלעך, און אַנדערע טעם־גן־עדנדיקע גע־בעקסן, באַצוקערטע מיט ווייסער מאָנטשקע, וואָס האָט אויסגעזען, ווי פריש געפאַלענער שניי. פון טייל געבעקסן האָט מען אַרויסגעזען די רויטע ראָזשינקעס און די צעשפּאָלטענע האַלבע מאַנדלען. די גלוסטנדיקע קינדערי־שע אייגעלעך פלעגן קוקן אויף זיי בעת זייער גיין אין חדר און צוריק.

די ריחות האָבן פאַרשמעקט דאָס שולגעסל ביז די פיר ציילן פונעם מאַרק.

יאַנקעלע טשאַרנע איז נישט לאַנג צוריק אַנטלאָפן קיין וואַרשע. ער האָט געאַרבעט ווי אַ משרת אין אַ שניטגעוועלבל אויף די נאַלעווקעס. ווען ער איז צוריקגעקומען, האָט די מאַמע זיינע, פייגע־צירל, צו אים געזאָגט: „ווי איז צו מיר! דאָ ביי אונדז לייגט מען דאָך אַ שענערן פון דיר אין קבר אַריין!" נאָכן קומען אַ ביסל צו די כּוחות, האָט ער שפּאַצירט אין מאַרק ווילנעגעריש־וואַרשעווערי אין פאַר די טרעגער אויסגעזונגען אַלע טעאַטער־לידלעך: כינקע־פינקע, די פריילעכע אַלמנה. ער האָט אויך, ווי די אמתע וואַרשעווער, פאַרצויגן די ווערטער: לעפעלי, שיסעלי. ער האָט זיך פאַרקירצט דאָס סאָקל, געקלאַפּט מיט דער פאַרזילבערטער גאָלקע פון שטעקן, ווי דאָס טוען די וואַרשעווער פאַצעטן.

די כּלה סאַלטשע האָט אויפגעפּאַקט חננס געבּרענגטע מתּנה: איר פאָרטרעט און אַ פלאַש בראָנפן מיט אַ לעקעך. דער חתן, יאַנקעלע, האָט געעפנט די פלאַש, יצחקלס ווייב, גיטל, האָט צעשניטן דעם לעקעך און צעלייגט די פרישטשעס אויף איר שענסטן שבתדיקן טעלער. זי האָט פאַר־שפּרייט אַ ווייס טישטעכל אויפן שניידער־טיש, געבּרענגט דריי גלעזלעך פאַר די מענער און פיר קליינע קעלישקעלעך פאַר זיך און די דריי טעכ־טער. אַלע האָבן אויפגעהויבן די גלעזלעך, געווונטשן חתן־כּלה „מזל־טוב" און די צוויי יינגערע שוועסטער — „מערטשעם בקרוב ביי זיי", געמאַכט די ברכה „שהכּל נהיה בדברו", און לאַנגזאַם טועם געווען די משקה.

ביים צווייטן גלעזל, ווען יצחק איז געוואָרן אַ ביסל בגילופינדיק, האָט ער געפרעגט זיין יינגסטע טאָכטער סאַלטשעלע (פאַרן אַוועקפאָרן קיין לאָדזש האָט זי געהייסן שׂרהלע): „געדענקסט, סאַלטשעלע, ווען וויר וואַרן יעדן זאַמסטאַג אינעם הערלעכן לאָדזשער טיערגאַרטן?" „יאָ, פּאַפּאַשי" — האָט זי געענטפערט — „דאָס וואַרן הערליכע מאָמענטן!".

*

די דאָזאָרעס האָבן גלייך ביי זייער אַריינקומען צום רב דערקענט אין זיין פאַרחושכט פּנים אַז עפּעס איז נישט גלאַטיק. דער רב האָט זיי דער־

ציילט, וואָס נעכטן איז געשען, איבערגעגעבן זיי אַלץ באריכות, אַקוראַט, ווי שיִע האָט עס אים דערציילט, נאָך דעם — וועגן זיין גיין מיט שיִען צום גלח, וואָס, אגב, האָט עס אים דערנאָך שטאַרק באַנג געטאָן. ער האָט עס אפשר נישט געדאַרפט טאָן. ביי די ווערטער, ווי מען האָט שפּעטער איבערגעגעבן, האָט זיך דער רב געבראָכן די הענט זיינע, געבעטן מען זאָל אים מוחל זיין, אויב זיי, די דאָזאָרעס האַלטן, אַז ער האָט אַ טעות געהאַט. אויך ער טראַכט, אַז אפשר האָט ער טאַקע נישט געדאַרפט גיין צום גלח.

דער עלטערער דאָזאָר, משהל, האָט צוגעשאָקלט פרום צום רבס ווער־טער און נישט געקאָנט איינזיצן אויפן בענקל בעתן צוהערן זיך וועגן שיִע קצבס אָנקומען נעכטן ביי נאַכט, — ווי על פּי נס מן השמים, צו דער ברענענדיקער שול. משהל איז מסכים מיטן רב, אַז ביז די גאולה שלמה וועט קומען, מוז מען דאָך לעבן מיט די גויִים, נישט כאַפּן דאָס פּעקל אויף די פּלייצעס און אַנטלויפן, ווי פון אַ פייער, ווי עס האָט ערשט נישט לאַנג צוריק געטאָן זיין שוואָגער סרולקע בלעכער, אויך אַ מאַדזשיצער חסיד, וואָס איז מיט נאָך עטלעכע חסידים אַוועק קיין ארץ־ישראל, מיטן רבינס שטילע הסכמה, צו בויען אַ חסידישן יִישוב.

„מ'דאַרף דאָך האָבן אַ האַרץ פון אייזן איבערצולאָזן אונדזער איבער־פירהונדערט־יאָריקע שול מיט די בתי־מדרשים, דעם בית־החיים, וווּ עס ליגן אונדזערע טאַטעס, מאַמעס, זיידעס און באָבעס, לאָזן זיי אויף הפקר, ביי די גויִים. וווּ וועלן אונדזערע מתים דאַוונען, לייענען ביי נאַכט די תּורה? רבי, מיר זענען ניצול געוואָרן דורכן השם יתברכס שיקן שיִען אין דער ריכטיקער צייט, און ער וועט אונדז ווייטער העלפן".

דער דאָזאָר אַברהמטשע האָט, ביים צוהערן זיך צום רבס דערציילן וועגן דער אונטערגעצונדענער שול, זיך פאַרשטעלט די אויגן מיט די דלאָניעס פון זיינע הענט. ער האָט זיך געפילט ווי פאַרשעמט פאַרן פּוילישן פּאַטריאָטיזם פון זיין זיידן הערשל און זיין פאָטער — אַן אַלטע פעלדשער־משפּחה, אויפשטענדלער, קעמפער פאַר פּוילישער פרייהייט. אויף אַזאַ גע־פאַלנקייט האָט ער זיך נישט געריכט. ער האַלט, אַז עס איז געווען אונטער

דעם רבס כּבוד צו גיין צום גלח זשעלינסקי. ער איז נישט בעסער פון זיי.

חנן, דער נאָוואַרדיקער מוסרניק, דער ייִנגסטער פון די דאָזאָרעס, איז בעתן רעדן פון די צוויי עלטערע דאָזאָרעס, געזעסן ווי אויף שפּיל־קעס. מיט זיין גאַנצער דרך־ארצדיקער באַציִונג צום רב און די אַנדערע דאָזאָרעס, האָט ער נישט געקאָנט גובר זיין זיין צערודערטקייט.

נאָך די רייד פון די צוויי דאָזאָרעס, האָט חנן אימפּעטיק זיך אויפ־געשטעלט און געפרעגט דעם רב:

„הייליקער רבי! איר זענט געגאַנגען צום גלח, און וואָס האָט איר גע־פּועלט? אָפּצושרעקן אַלע ייִדן פון שטאָט מיטן גלחס ווילדן קלינגען אויף די טומאה־גלאָקן?! נאָך דעם האָט איר זיך דערמאָנט צו רופן אונדז, די דאָזאָרעס, כּדי זיך מיישב צו זיין וועגן רופן די אַסיפה־גדולה אין שול אויף היינט ביי נאַכט? אפשר וואָלט איר גערופן די אַסיפה אין דער טומאה?״

די אַנדערע צוויי דאָזאָרעס האָבן, פאַרשעמטע, אַראָפּגעלאָזט זייערע קעפּ. דער רב, אַ פאַרציטערטער, וואָס האָט אין זיין לעבן צו קיינעם נאָך קיין הויך וואָרט נישט גערעדט, האָט זיך אַ הייב געטאָן פון דער שטול. זיין געל פאַרמעט־פּנים איז נאָך געלער געוואָרן, זיינע ליפּן האָבן געצוקט, זיינע אויגן האָבן חננען דורכגענומען מיט שרעק. דער רב האָט אים געפרעגט:

„ר׳ חנן, וואָס איז געשען מיט אייך? איר רעדט דאָך, רחמנא ליצלן, ווי אַ חסר־דעה!״.

אין דער מינוט זענען ביי חננען אַרויסגעשטאַרצט געוואָרן די אויגן. ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ פּייפנדיקן קוויטש, ווי אַ נישט דערקוילעטער האָן.

חנן האָט געוואָלט אַרויסשפּרינגען דורכן פענצטער. אַברהמטשע פעלד־שער האָט אים אַ כאַפּ געטאָן ביי אַן אַרבל פון זיין שוואַרץ־ריפּסענעם סאַקל. חנן האָט זיך אַ ווילדן ריס געטאָן, איבערגעלאָזט דאָס מלבוש אין אַברהמטשעס האַנט און איז אַרויסגעלאָפן דורך דער טיר.

דער רב איז געפאַלן פאַרחלשט, מיטן קאָפּ אַהינטער, אויף זיין לע־דערנער שטול.

אַברהמטשע האָט אים געמונטערט, געשריגן צום אַנדערן דאָזאָר, צו משהלען, ער זאָל שנעל לויפן נאָך קאַלט וואַסער. נאָכן באַשפּריצן אים עטלעכע מאָל דאָס פּנים, האָט דער רב זיך אויפגעכאַפּט. ער האָט אָנגע־הויבן שטאַרק צו וויינען און געשעפּטשעט צו די צוויי געבליבענע דאָזאָ־רעס: „קומט, לאָמיר גיין ראַטעווען חננען". דער רב האָט אויסגעשטרעקט זיינע הענט, ווי אין אַ תּפילה צו גאָט:

„רבונו של עולם! זיי מיר מוחל פאַר מיין כּעס און שיק אַ רפואה־שלמה צו חנן, בן שמואל הכּהן!" ער האָט זיך אויפגעשטעלט, געוואָלט מיטגיין מיט זיי אויפצוזוכן חננען, אָבער ער האָט נישט געקאָנט שטיין אויף זיינע פיס און ער איז אומגעפאַלן צוריק אין זיין שטול אַריין.

אַברהמטשע פעלדשער האָט אים געוואָלט געבן איינע פון זיינע פּראָשקעס, וואָס ער טראָגט מיט זיך אַרום. ער איז געלאָפן אין קיך, גע־בראַנגט אַ גלאָז וואַסער. די רביצין און די קינדער זענען, דערשראָקענע, שוין געשטאַנען אַרום רב, געבעטן אים אַראָפּצושלינגען דעם פּראָשעק, ווייל ס'איז דאָך פּיקוח־נפש, זאָל ער דערפאַר איבעררייסן זיין שטענדיק פאַסטן זינט כּמה יאָרן, אָבער אומזיסט זענען געווען אַלעמענס געבעטן. ער וועט נעמען דעם פּראָשעק מיט וואַסער, האָט דער רב געזאָגט, נאָכן חצות־אַפּריכטן, ווען ער עסט איין מאָל אַ טאָג זיין טעגלעך מאַלצייט.

ווען ער האָט געזען, אַז ער איז נישט בכּוח מיטצוגיין מיט זיי אויפ־זוכן חננען, האָט ער געזאָגט צו משהלען מיט אַברהמטשען:

„בעט אים, ער זאָל מיר מוחל זיין פאַר מיינע כּעסדיקע ווערטער. כ'האָב נישט געהאַט, חלילה, דעם מינדסטן רעיון אים צו שעלטן, דער אייבערשטער זאָל שומר ומציל זיין. זאָגט אים, אַז איך בעט ביים רבונו של עולם מחילה און אַ רפואה־שלמה פאַר אים, אָמן סלה. און פאַרגעסט נישט, אַז מיט אייער הסכּמה, וועלן מיר אם ירצה השם, היינט פאַר נאַכט, בין מינחה למעריב, האָבן די אַסיפה אין שול".

מאיר שמש, וואָס איז אויך געשטאַנען אַ צעשראָקענער צווישן רבס בני־בית, האָט געפרעגט:

„רבי, זאָל איך גלייך לויפן מכריז־ומודיע זיין די ייִדן אין שטאָט וועגן דער היינטיקער אַסיפה?"

„יאָ, ר׳ מאיר", — האָט מיט שטילע רייד געזאָגט דער רב — „גייט גלייך, נעמט דעם האַמער, קלאַפּט דריי מאָל אין אַלע ייִדישע טירן, צו לאָזן וויסן, אַז היינט, בין מינחה למעריב, וועט זיין די אַסיפה".

מאיר שמש האָט געכאַפּט אין איילעניש דעם הילצערנעם האַמער, וואָס ליגט שטענדיק לעבן די שענק מיט ספרים, און איז געלאָפן דאָס ערשטע אינעם מאַרק אַריין. ווען ער איז געקומען אַהין, האָט ער דערזען, אַז אַלע געוועלבער אין אַלע פיר ציילן זענען פאַרהאַקט, און דער מאַרק איז אויס־געליידיקט פון מענטשן, ווי אום יום־כּיפּור. איז אים אַ פּחד באַפאַלן, אַזש דער האַמער איז אים פון האַנט אַרויסגעפאַלן.

מאיר שמש איז געלאָפן אַ צעשראָקענער אין אַלע פיר זייטן, ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטער מענטש, ביז ער האָט דערזען פון דער ווייטנס, ביים ווינקל פונעם מאַרק, וואָס פירט צום שולגעסל, מחנות מיט ייִדן. ביים דער־נענטערן זיך צו דער מויער מיט די דריי אָפענע אַריינגאַנגען צום שולהויף, האָט ער דערזען, ווי דער פלאַץ אַרום איז שוואַרץ מיט פאַרזאַמלטע מענטשן.

ער האָט זיך דערוווּסט, אַז חנן איז ערשט נישט לאַנג צוריקגעקומען אינעם מאַרק אַריין, אַן דעם סאַקל אויף זיך, און געשריגן מיט ווילדע קולות:

„ייִדן, די שול ברענט! איך, חנן, בין פאַרשאָלטן געוואָרן פונעם רב צו ברענען! איר אַלע וועט פאַרברענט ווערן! קומט צו אונדזער הייליקער שול לעשן די שׂרפה!".

אַלע ייִדן, יונג און אַלט, ווייבער און קינדער, זענען חנען נאָכגע־לאָפן צו דער שול. חנן איז געלאָפן פאָרויס. ווען ער איז צוגעקומען צו דער פאַרסמאַליעטער הינטערשטער וואַנט פון דער שול, האָט ער צעריסן דאָס וועסטל און דאָס העמד אויף זיך. די צעריסענע פאַסן פון זיין העמד האָבן אַרונטערגעהאַנגען איבער זיינע הויזן, און דער ווינט האָט זיי גע־הויבן, ווי טאַנצנדיקע צויטן. ער האָט זיך געפליקט די בלאָנדע האָר פון זיין קאָפּ. ער איז צוגעפאַלן צו דער שוואַרץ־פאַרקוילטער וואַנט מיט אַ

העשנדיק געוויין. ער האָט צוגעלייגט זיינע אויסגעשטרעקטע הענט, ווי ער וואָלט וועלן אַרומנעמען און זי צודריקן צו זיין נאַקעטן לייב. מיט זיינע קיילעכיקע רויטע ליפּן און מיט די ציצית פון זיין טלית־קטן האָט ער געקושט די וואַנט. די ייִדן אַרום, די ווייבער און קינדער, האָבן אויסגעבראָכן אין אַ יללהדיק געוויין עד לב־השמים.

מאיר שמש האָט זיך מיט גרויס מי קוים אַדורכגעשטופּט צו דער פּאַרסמאַליעטער שולוואַנט, וווּ חנן איז געשטאַנען און האָט געקלאַפּט מיטן האַמער דריי מאָל אויף דער פּאַרקוילטער וואַנט. שטיקלעך קוילן, די דינע, אָראָפּגעפאַלענע פון שיִע קצבס קלאַפּן מיט זיין האַק ביים ביינאַכטיקן לעשן דאָס פייער, זענען אַרומגעפלויגן אין דער לופטן.

ר׳ מאיר שמש האָט אַרומגענומען חננען, ווי אַ לייבלעכן ברודער, אים איבערגעגעבן די רייד פונעם רב און אים געזאָגט:

„דער רב האָט אייך נישט פאַרשאָלטן. אַדרבה, ער בעט גאָט פאַר אייך, איר וועט אַוודאי האָבן, מיט גאָטס הילף, אַ רפואה שלמה״.

חנן האָט מאירן נישט געענטפערט. אַברהמטשע מיט משהלען, זיינע חברים דאָזאָרעס, האָבן חננען אַרומגענומען, אַריינגעשטופּט זיין צעריסן העמד אין די הויזן. משהל האָט אים געוואָלט אָנטאָן זיין כאַלאַטל, האָט אים חנן אָפּגעשטויסן פון זיך.

ווען שמאילע, דער שמש פון דער שול, איז געקומען עפענען די שול פאַרן דאַווענען מינחה, האָט איינער פון דער מחנה וואַרטנדיקע ייִדן, חיים טשאַפּ, דער אַלטער שטאַרקער פישערייונג, זיך אַדורכגעשטופּט צו דער פאַרקוילטער וואַנט און געזאָגט:

„היינט דאַווענען מיר מינחה דאָ, ביי דער וואַנט! מיר וועלן וואַרטן ביז דער רב וועט קומען.״

דערווייל איז ער אַרומגעגאַנגען צווישן די פישעריונגען, קצבים, טרעגער, בעלי־עגלות, און זיי שטילערהייט גערופן צו גיין מיט אים אין פאָליש פון דער שול. דאָרט האָט ער מיט זיין שטאַרקער באַסאָווער שטימע געדונערט: „מיר וועלן נישט לאָזן זיך שניידן די העלדזער, ווי שטומע פיש, נישט לאָזן זיך ווי לעמעלעך, פירן צו דער שחיטה״.

ביי שמאַילען אינעם שול־פּנקס האָבן זיך פאַרשריבן הונדערט און פופציק מענטשן צו גיין יעדע נאַכט, צו צען אירע, אויף נאַכט־שמירה. זיי האָבן אויסגעקליבן שיַע קצב פאַר דעם עלטסטן שומר. שיַע האָט באַשטימט פאַר דער ערשטער נאַכט צען פון די שטאַרקסטע אויף שמירה.

ווען דער רב איז אָנגעקומען און האָט געוואָלט אַריינגיין אין דער שול צום דאַווענען, האָט מען אים געלאָזט וויסן וועגן באַשלוס צו דאַווענען מינחה ביי דער פאַרסמאַליעטער וואַנט.

מען האָט געמאַכט אַ וואָרע פאַר אים ביז צו דער וואַנט. ער האָט איינגעהאַלטן זיינע טרערן, כדי נישט אַרויסצורופן אַ בהלה, נאָר זיך געשאָקלט הין און צוריק. ס'איז געוואָרן אַזאַ שטילקייט, אַז מען האָט געהערט דאָס רוישן פון די שטילע פאַליעס פונעם אָקעגנאיבערדיקן שמאָלן פלוס קאַמין און דאָס שאָרכן פון די רעדער ביים וואַסערפאַל פון דער רויטער וואַסערמיל.

דאָס ערשטע מאָל איז איצט דער רב געווען בעל־תפילה. אומגעריכט פאַר אַלעמען האָט ער אָנגעהויבן „אשרי יושבי ביתך" מיט אַן אויפגע־הייטערט געמיט, ווי ער וואָלט געוואָלט פאַרטרייבן דעם צער פון דער עדהס צעווייטיקטע הערצער. ער האָט, ווי מיט פרייד, אויסגעשריגן דעם פסוק: „שומר ה' את כל אהביו ואת כל הרשעים ישמיד". ביים זאָגן „יתגדל ויתקדש שמה רבא" האָט זיין קול געקלונגען מיט דערהויבענער לויטערקייט, אַז מען האָט געהערט דעם עכאָ פון די גרינע טאָלן אַרום.

ביים פסוק אין דער שמונה־עשרה „תקע בשופר גדול לחרותנו ושא נס לקבץ גליותנו וקבצנו יחד מארבע כנפות הארץ" האָט ער ווי אונטער־געטאַנצט צום הימל מיט אויסגעשטרעקטע הענט, וואָס האָבן אויסגעזען אין דער פאַרנאַכטיקער טונקלקייט, ווי די פליגל פון אַ מלאך. דאָס קדיש זאָגן פון די יתומים האָט געקלונגען מיט צער און האָפענונג, ווי ער וואָלט זיי אַריינגעזעצט נייע נשמות.

די פאַרזאַמלטע ייִדן זענען נאָכגעגאַנגען דעם רב אין דער שול אַריין צו דער פאַררופענער אַסיפה.

דאָרטן, אין פאָליש פון דער שול, האָט שיַע קצב געפרעגט זיינע

מיטהיטערס, צי מען זאָל אָפּוואַרטן מיטן באַשטימען די היינטיקע שמירה ביז נאָך דער אַסיפה. משהלע שמעונס, דער הויכער טרעגער און יאַנקעלע לאָמפּ, דער פישעריונג, האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו וואַרטן, ווייל, האָט יאַנ־קעלע, דער תהילים־זאָגער, געטענהט: מה־דאָך ראַטעווען אַ מענטשן טאָר מען נישט אָפּלייגן אויף אַ סעקונדע אַפילו, און מען מעג אום שבת מאַכן אַ פייער, ווער שמועסט נאָך, אַז ס׳גייט אין אַ שול?

ביי דער אַסיפה איז די שול געווען אַזוי געפּאַקט מיט מענטשן, אַז מען איז שיִער נישט, חלילה, דערשטיקט געוואָרן. דער רב איז אַרויף אויפן אייבערשטן שטיגל ביים אָרון־קודש. דאָס ערשטע, האָט ער געוווּנטשן אַ רפואה־שלמה חננען. דער רב האָט זיך פאַרענטפערט פאַרן אַרויסכאַפּן זיך מיט אַ האַרב וואָרט, ווייל די ביטערע געשעענישן פון נעכטן ביי נאַכט האָבן אים צעבראָכן, ווי אַ שאַרבן. ער בעט און האָפט, אַז דער רבונו־של־עולם, אויך חנן און איר, די גאַנצע עדה יידן, וועלן אים דאָס מוחל זיין.

„אין דער אמתן איז חנן געווען גערעכט, פונקט ווי ר׳ שיִע, וואָס האָט נאָך אונדזער צוריקגיין אויך נישט מסכים געווען מיטן גיין צום גלח. איך האָב שוין דאָס פריִער די דאָזיקע גענוגעס געזאָגט, אַז על פי עניות דעתי, האָט זיך מיר אויסגעדאַכט היינט אין דער פרי, אַז מען דאַרף יאָ צוגיין צום גלח, ווייל ביזן קומען פון דער גאולה־שלמה מוזן מיר דאָך וווינען צוזאַמען מיט זיי. האָב איך מיט אַ שווער האַרץ געוואָלט אויסגעפינען, ווי מיר האַלטן מיט זיי. איז עס שוין טאַקע געקומען צו כלו כל הקצים? הפקר אַ וועלט? שוין מער נישט געבליבן ביי זיי קיין ניצוץ פונעם מין מענטש, חס וחלילה? און ווי דער שטייגער איז, בשעת־הדחק, אין אַ שׂרפה, איז מען נישט מדקדק מיט וואָס פאַראַ וואַסער מען לעשט דאָס פייער.״

דער רב האָט זיך אויסגעדרייט צום אָרון־קודש און האָט מיט זיינע לעצטע שוואַכע כוחות אויסגעשריגן: „רבונו דעלמא כולה! זיי מיר מוחל מיין טעותדיקן גאַנג צום גלח!״

זיינע צוויי דרשות פונעם יאָר, שבת־הגדול און שבת־תשובה, הייבט דער רב אָן מיט אַ מאַמר־חז״ל, ביי דער אַסיפה האָט ער זיינע רייד־

אָנגעהויבן מיטן פסוק פון ירמיהו הנביא: „שמעו את הדבר אשר דיבר ה׳ עליכם בית ישראל״. ער האָט דאָס אויסגעטייטשט: פון די ווייטערדיקע ווערטער פונעם נביא און די צייכנס פונעם הימל זאָלן מיר גאָר נישט אָפּמעקן.

„ר׳ שיִעס אָנקומען אַזוי שפּעט ביי נאַכט מיט דער בהמה פונעם דאָרף, און ווי דאָס האָרץ זיינס האָט אים אונטערגעזאָגט — צו גיין דווקא מיט יענעם וועג פאַרביי דער מיל אַקעגן דער שול — אָט דאָס איז דער צייכן פונעם הימל, וואָס דער נביא ירמיהו האָט געמיינט מיר זאָלן נישט אָפּמעקן. ר׳ שיִע האָט זוכה געווען צו דער דאָזיקער שליחות איבער זיינע פאַרבאָרגענע מעשים־טובים, צוליב זיין ייִדישער געטריישאַפט און גרייט־קייט פון מסירת־נפש. דאָס דאָרף זיין דער קנין פון יעדן ייִדן. און אונדזער קהילה־הקדושה איז נישט קיין יוצא מן הכלל. אַזעלכע ייִדן, ווי ר׳ שיִע, זענען מקדש דעם גאַנצן כלל. איך מיט די דאָזאָרעס האָבן געהאַט בדעה, אַז ביי דער איצטיקער אַסיפה זאָל געשאַפן ווערן אַ שמירה אַרום דער שול. אפשר וועט די שמירה אויך זיין פאַר דער גאַנצער שטאָט. אָבער אַזוי ווי איר האָט אייך שוין מקדים במיצווה געווען און נאָך פאַר דער אַסיפה אויסגעקליבן די שמירה, איז עס אַוודאי אָנגעלייגט ביים בורא־עולם, וואָס וועט אונדז באַוויליקן מיט סיעתא דשמיא, ווייל איר זענט מקיים דעם פסוק פון דער תורה „ושמרתם את נפשותיכם״, ווי דער הייליקער רש״י איז עס מסביר: „אויב איר אַליין וועט אייך היטן, וועל איך, דער בורא עולם, אייך אַוודאי היטן.״

פון אַן אָפן שמאָל פענצטער פון דער ווייבערשער שול האָט זיך דערהערט אַ ווילד געשריי:

„ר—ע—בע!״ מיך, חנן, האָט איר פאַרשאָלטן, זענען מיט מיר אַלע ייִדן פאַרשאָלטן צום אונטערגיין!״

אין שול איז געוואָרן אַ גרויסע בהלה. טייל האָבן געשריגן קעגן דער חוצפּה פון אַ משוגענעם איבערצורייסן דעם רבס דרשה. אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז ס׳איז אַ גרויס רחמנות אויף אים.

דער רב איז אַראָפּגעגאַנגען פון די טרעפּלעך ביים אָרון־קודש, און

מיט נאָך ייִדן — קוים אַרויפגעקראָכן אויף די שטיגן פון דער ווייבערשער שול, ווו ער האָט געהאַט בדעה צו רעדן און איבערבעטן חננען, אָבער חנן איז שוין נישט געווען. ער איז אַנטלאָפן דורכן אַנדערן אַרויסגאַנג צום באַרג, וואָס פירט צו דער וואַסערמיל און צום טייך ליאַס. חנן איז אַדורכגעלאָפן די גראָזיקע לאָנקע ביז צום טייך, און פּלוצעם האָט מען דערהערט הילכיקע קולות: „ייִדן, ראַטעוועט, חנן האָט זיך דערטרינקען!" זעליגל, שיִע קצבס, איז שנעל אַריין אינעם טייך, געכאַפּט חנגען ביי די האָר פון קאָפּ, אים אויפגעהויבן איבערן וואַסער, און מיט דער אַנדערער האַנט צוגעשווומען צום ברעג, אים אָוועקגעלייגט אויפן גראָז, אַ נישט־באַוועגלעכן, ווי אַ בר־מינן. די ייִדן זענען געבליבן שטיין מיט אָפענע מיילער און אַנגעשטרענגטע בליקן ביים דערזען חנגען ליגן מיט פאַרגלייזטע אויגן. אַברהמטשע פעלדשער האָט זיך קוים מיט צרות אַדורכגעשטופּט, מיטפּירנדיק מיט זיך דעם דאָקטער מאַלינגער. זיי האָבן געאַרבעט אַרום חנגען, באַגאָסן געוואָרן מיט הייסן שוויס, ביז זיי האָבן חנגען צוריק־געבראַכט צום לעבן.

דער רב, ר' מאיר, האָט זיך איינגעבויגן איבער חנגען, אים געבענטשט צו אַ באַגייט געזונט לעבן, השם־יתברך זאָל אים באַשיצן און באַשירמען. ווען מ'האָט אים איבערגעטאָן אין טרוקענער הלבשה, איז פון זיינער אַ קעשענע אַרויסגעפאַלן אַ קליינטשיק ספר־תּורהלע, מיט זעלטענע געשניצטע עץ־החיימלעך ווי פיליגראַנישע קרוינדלעך. דאָס תּורהלע איז געווען דאָס באַליבסטע פון זיינע יאָרן־לאַנגע געזאַמלטע אַנטיקן. דאָס תּורהלע האָט אויך געהאַט אַ חזקה געלייענט צו ווערן יעדן שׂמחת־תּורה, ביים מכבד זיין מיט די כל־הנערימדיקע עליות. די קינדער פון די השכּמה־דאַווענער אינעם קליינעם בית־המדרשל, מיינסטנס אויסגעדינטע סאָלדאַטן, האָבן אַ באַזונ־דערן עונג־יום־טוב ביים שטרעקן זייערע קעפּלעך פונעם איינגעהילטן טלית און קוקן מיט די פלאַמיקע אייגעלעך אין די פּיצעלעך אותיותלעך, ווי שפּילקע־קעפּלעך, פונעם אויסטערלישן ספר־תּורהלע, די גרייס פון אַן אתרוג.

מען האָט חנגען אַריינגעטראָגן אין שבתי מאירס פּריציש וועגעלע

מיט שטאָלענע ספּרוזשינעס, וואָס הוידלען זיך ביים פאָרן, ווי אַ הושטאַווקע. געפירט האָט מען אים צום נאָוואַרדיקער ראש־ישיבה ר׳ בנימינטשע, וואָס האָט זיך איצט מיט חננען איבערגעבעטן נאָכן לאַנגן ברוגז צווישן זיי, צוליבן חננס אָוועקגיין אויפן גליטשיקן וועג פונעם פּאַראייניקן אין איין גזרה־שווה די פּנימיותדיקע שיינקייט מיט דער חיצוניותדיקער אין איין געטלעכער תפארת; נישט צו אָנערקענען, אַז הגם ס׳איז טאַקע ריכטיק דער כלל, אַז אמת און גערעכטיקייט איז שיין. איז אָבער לאָוו דווקא, אַז אַלץ, וואָס איז שיין — איז אמת און גערעכט.

ר׳ בנימינטשע, דער ראש ישיבה, האָט געזאָגט, אַז חננען האָט דאָס דערפירט בלויז ביז צו דער נידעריקער מדרגה פון ווערן אַן עזות־פּנים קעגן רב. זיין שרעק, דאָס דערטרינקען זיך, דאָס האָט חננען געראַטעוועט.

נאָך אין דער ישיבה האָט אים בנימינטשע מקרב געווען סיי צוליב זיין עילוישן קאָפּ, ווי אויך צוליב זיין קנאות קעגן די עטלעכע אַפּטריניקע ישיבה־מורדים, וואָס זענען אָוועק צו די יעווסעקעס. חנן האָט דעמאָלט באַשיצט זיין רבין.

ר׳ בנימינטשע איז געקומען צו לויפן צום טייך, צו זיין געראַטעוועטן קראַנקן תּלמיד, חנן. דער ראש ישיבה האָט חננען מוחל געווען זיינע בלאָנדזשענישן און באַשלאָסן אים אַהיימצונעמען צו זיך ביז ער וועט צוריקקומען צו זיינע כּוחות. ער האָט אויך געהאַט די אמונה, אַז די גאַנצע שווערע איבערלעבונג זיינע איז נישט געקומען צוליבן רבס כּעסדיקן וואָרט אַליין, נאָר פאַרקערט, זיין עזות קעגן רב איז געקומען ווי אַ פּועל־יוצא פון זיין פריִערדיקער פאַרלוירנקייט. איצט, נאָך זיין צוריקקומען צום לעבן, וועט ער באַנייט ווערן און ווידער גיין אויפן וועג פון דער נאָוואַרדיקער ישיבה.

דער רב, ר׳ מאיר, האָט זיי באַגלייט ביז זייער וועגעלע. ער אַליין איז זיי נאָכגעפאָרן אין מאירל יודזשעס אַלט פורל, ווייל צוליב זיין דרך פון פאַסטן און פּרישות, האָט ער זיך אויך אָפּגעזאָגט צו פאָרן אין אַ הוידלדיק וועגעלע.

# קאַפּיטל צוועלף

ביזן אָנהייב פון דער שמירה אַרום דער שול און די בתי־מדרשים, האָבן די שטאָטישע גויִים, די „ליקעס", ווי די ייִדן אין שטעטל האָבן זיי גערופן, זיך באַצויגן אָן דעם מינדסטן שמץ פון גרינגשאַצונג צו זיי. אַדרבה, זיי, די באַוווינער ביי די ראַנדן פון די ייִדישע געסלעך, האָבן געהאַלטן די ייִדן ווי אַלט־איינגעזעסענע שכנים פון דור־דורות, גערעדט צווישן זיך האַלב־פּויליש, האַלב־ייִדיש. אַפילו אין זעלבשטענדיקן פּוילן, אין די צייטן פון באַיקאָט, פון די פּויזנער האַלערטשיקעס, פון שניידן ייִדישע בערד אויף די פּוילישע באַנען, האָט אינעם שטעטל נאָך אַלץ אָנגעהאַלטן דער אַלטער פּאַסאָן פון דער אַמאָליקער גוטער שכנהשאַפט.

אָבער ווי נאָר זיי האָבן זיך דערוווּסט וועגן דער ייִדישער שמירה, זענען זיי אַלע, מיט ווייב און קינדער, געקומען זען די צען שטאַרקע ייִדן אויף שמירה. די „ליקעס" האָבן מיט שטעכיקע בליקן פריִער באַטראַכט די צען ייִדן, וואָס קרייזן אַרום דער שול און די בתי־מדרשים. די מענער האָבן בעת־מעשה געדרייט זיך די לאַנגע וואָנצעס. די ייִנגערע שקצים האָבן ווויליונגעריש, מיט די הענט אין די הויזן־קעשענעס, זיי באַטראַכט מיט פאַרזשמורעטע אויגן, וואָס האָט געקאָנט מיינען ביטול געמישט מיט שינאת ישראל. טייל ברייטגופיקע גויעס און שיקסלעך האָבן געקוקט אויף די ייִדישע וועכטער, ווי אויף אַ בייז ווונדער. ביים אויסדרייען זיך צום אַוועקגיין האָבן זיי מיט גראָב־דאָרפישער פאַרשייטקייט אונטערגעהויבן זייערע צעפּאַלדעוועטע ספּאָדניצעס. אַ טייל פון זיי האָבן אַריינגעשריגן ביים מיטלסטן טויער פונעם שולהויף: „ייִדן, גייט קיין פּאַלעסטינע!"
געקומען איז אויך דער פרום־קאַטוילישער פּוילישער פּאַטריאָט־רעוואָלו־ציאָנער לאַסקאָווסקי מיט זיינע צוויי זין. זיי האָבן זיך באַגריסט מיט די וועכטער, וואָס איינעם פון זיי, דעם שוואַרצן יאַנקעלע שוסטער, האָט ער דערקענט פון זיצן מיט אים אין דער ראַדאָמער טורמע אויף דער

קודלאַטע. לאַסקאָווסקי האָט אים דערמאָנט דעם פּסחדיקן סדר, ווען ער און די אַנדערע זיינע פּוילישע חברים רעוואָלוציאָנערן זענען געזעסן צוזאַמען ביים פייערן דעם ייִדישן יום־טוב פון פרייהייט. „אַצינד בין איך געקומען מיט מיינע זין צו זיין מיט אייך און היטן אייער סינאַגאָגע."

די חזיר־קײלער אין זייערע טריפהנע יאַטקעס, באַגענטע צו די ייִדישע קצבים, האָבן יענעם פרימאָרגן פון איינשטעלן די שמירה, אַוועקגעדרייט זייערע קעפּ פון זייערע ייִדישע שכנים און נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט צו זיי. שיִע קצב, ווען זיי פלעגן פריִער מיט גרויס דרך־ארץ אָקעגנטראָגן דעם „דזשען דאָברי", האָבן געוואָרפן צו איס בייזע בליקן. ווען די אַנדערע ייִדישע קצבים האָבן שמייכלענדיק געזאָגט צו שיִען: „וואָס זאָגסטו דו עפּעס צו אונדזערע האַנאָראָווע חזיר־קײלער? ס'קומט זיי נאָך אַ רעשט", האָט שיִע זיי געענטפערט: „לאָזט זיי לויפן, ווי די כּלבים, זאָרגט אייך נישט, זיי וועלן בעסער ווערן, ווייל ערגער קאָנען זיי שוין נישט ווערן".

דעם זעלביקן ברוגז האָבן געפירט די גויִים פון דער פאַבריק און די איינוווינער פון עם סטאַוו. זיי האָבן פאַרשטאַרקט דעם באָיקאָט. דאָך האָבן אַ סך פון זיי זיך אַריינגעגנבעט אין די ייִדישע געוועלבער און געקויפט בשתיקה. דער רב האָט געטרייסט די ייִדן, אַז אַזוי לאַנג ווי די גויִים האָבן נאָך אַ ביסל בושה ביים אַרויסווייזן זייער כּעס קעגן אונדזערע שומרים, איז נאָך נישט כּלו כל הקצים. — — —

זישע האָט פּנחסן דערציילט, אַז אונדזערע ייִדן לויפן אַצינד צוויי מאָל: אַ גאַנצע וואָך לויפן זיי קיין וואַרשע און לאָדזש, שלעפּן פּעק, אין די אָנגעפּולטע וואַגאָנען, שטייען דרעמלענדיקע און שאָקלען זיך, אַזוי טאָג־איין טאָג־אויס, ווייל דער ווערט פון זלאָטע האַלט אין איין פאַלן. און ווען עס קומט פרייטיק, ערב־שבת, איז אַ נייער געלויף — אין די שוואַרצע בערג. צו ווייב און קינדער און צו פּראַווען חסידות, אַריינכאַפּן אַ ביסל תּורה ביי זייערע רביים, און פרישע לופט פון יענע געדיכטע וועלדער, ווו דער לעצטער צאַר ניקאָלאַי עליו השנאָבל, פלעגט

קומען שיסן חיות. היינט איז דאָרט פול מיט ייִדישע אַכסניות און מלך אביונדיקע האָטעלן.

„ס'אַנטלויפן" — זאָגט זישע — „איז נישט פאַר שווילטאָג. ייִדן לויפן פאַר צרות, ווייל דאָס געלט האָט פאַרלוירן יעדן ווערט. פון די רבייִשע טישן כאַפּן חסידים רמזים פון ביאת המשיח. אַ טייל פון אונדזערע סוחרים לויפן אָדער שיקן דורך שליחים זייערע וואַקלענדיקע זלאָטעס און קויפן מיגרשים אין תּל־אביב. זיי בויען הייזער. די מיינסטע ברעכן האַלדז און נאַקן. אונדזערע ייִדן זענען, כ'זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד, ווי די קעץ: פאַלן פון די דעכער און שפּרינגען ווייטער".

די גויִם פון די שוואַרצע בערג און די „גאַיאָוועס" (וואַלדהיטער) האָבן זיך געצלמט און געשווירן פאַרן אַלטע חיים־בער, וואָס האַלט די קרעטשמע אויפן הויפּטשליאַך פון די שוואַרצע בערג, אַז זינט דאָס אַהער־קומען פון די ייִדן מיט זייערע רבנים, דאָס זינגען און טאַנצן אין די שבת־צונאַכטסן ביז דער שפּעטער נאַכט, האָבן זיי געזען מיט זייערע אייגענע אויגן, ווי פּונקט אין מיטן נאַכט באַווייזט זיך אַ זילבערנער שליטן מיט אַ זשידעק, ענלעך צו איינעם פון אייערע רבנים. עס שיינט פון אים ליכ־טיקייט, וואָס פאַרבלענדט די אויגן. זיין קרוין שימערירט פונעם שליטן, געשפּאַנט מיט זעקס וועלף, וואָס גאַלאָפּירט מיט אים איבער די באַרג־שפּיצן. פאַרויס אים פליט, ווי אַ פייל פון בויגן, אַן אַלטער מיט אַ וויי־סער באָרד, ווי שניי.

חיים־בער, דער קרעטשמער, איז זיכער, אַז דער אין שליטן איז משיח, און דער אַלטער רייטער, וואָס פאַר אים, איז אונדזער באַקאַנטער אליהו הנביא. פון קרעטשמערס אויגן זענען גערונען צוויי שנירלעך טרערן. ער האָט זיך אויסגעדרייט, פאַרשעמט פאַרן וואַלדוועכטער, מיט אַ שטילן מורמלען צו זיך: הלוואַי, גאָטעניו, ס'איז שוין צייט.

עס איז געווען אין אַ פרימאָרגן, אַ טאָג פאַר ערב־שבועות, ווען חנן איז דאָס ערשטע מאָל אַרויסגעגאַנגען פונעם ראש־ישיבהס הויז, זינט זיינע שווערע איבערלעבונגען אינעם טאָג פון דער אַסיפה. מיט אים איז מיטגעגאַנגען זיין אַלטער חבר גבריאל, וואָס האָט מיט חננען נאָך געלערנט

צוזאַמען אין די נאָוואַרדיקער ישיבה, איידער זי האָט זיך איבערגעצויגן אַהער.

זיי זענען אַרויס אויפן וועג, וואָס פירט צום קינעווער וואַלד. פון אַרום די עטלעכע צעוואָרפענע הייזער־גערטנער מיטביימער האָט גע־שמעקט דער פרישער בעז, וואָס איז אַראָפּגעהאָנגען פון די צווייגן. די גע־דיכטע גאָרשטשעס בעז האָבן זיך באַוויגן אינעם פרילינגווינט און פאַר־שפּרייט זייערע ריחות אַרום דעם פרישן גראָז.

איבער די הויך־טורעמדיקע וואַלדביימער האָט געגליט די ליכטיקייט פונעם זונאויפגאַנג. פון די אַרומיקע גערטנער און פונעם וואַלד האָט זיך צעקלונגען דאָס געזאַנג פון פייגל. פונעם שמאָלן וואַסערפאַלוס, באַרג־אַראָפּ, האָט מען געהערט אַ שטיל־דינעם פּליעסקען ביי די וואַסערברעגן.

חנן צאַפּלט ווידער און באַוווּנדערט אויף ס׳ניי די הערלעכקייט פונעם געטלעכן תּפארת. ער האָט פאַרגעסן זיינע לעצטע נסיונות. זיין האַרץ און געמיט האָט זיך צעפלאַטערט אין אים כּבשנים קדמוניות.

חנן האָט אַרויפגעלייגט זיין רעכטע האַנט אויף גבריאלס אַקסל, אַריינ־געקוקט אין זיינע אויגן, דערפילט צו אים יענע נאָענטקייט און פאַרטרוי־לעכקייט, וואָס נאָר מוסרניקעס בכלל און נאָוואַרדיקער בפרט האָבן גע־שפּירט איינער צום אַנדערן, — ווי אַ ניצוץ פונעם תּנכישן כּורת־הברית.

חנן האָט זיך אויסגעדרייט, אַריינגעקוקט גבריאלן אין די אויגן און געזאָגט: „גבריאל, כ׳מוז מיך מתוודה זיין פאַר דיר, איז דיין האַרץ אָפן פאַר מיר?״ גבריאל האָט אַ לייכטן ציטער געטאָן, צוגעלייגט זיין האַנט צום שטערן, פאַרמאַכט די אויגן אויף עטלעכע רגעס, ווי אין אַ יישוב־הדעת אין זיין פאַרגעפּיל אַריינגעצויגן צו ווערן אין זיין חברס פּלאָנטער. ער האָט זיך אויסגעגלייכט אוןביידע האָבן זיך געקוקט אין די אויגן אַריין...

חנן האָט צו גבריאלן געזאָגט: „האָסט זיך אוודאי געוווּנדערט ביים הערן, ווי איך האָב חוצפּהדיק גערעדט צום רב? על־פּי אונדזער דרך פון נישט נאָר שמירת־הלשון, נאָר מער נאָך פון שמירת־הדיבור, איז ווי קומט עס? די סיבה, וואָס האָט דאָס גורם געווען, וויל איך דיר אַצינד אַנט־פּלעקן.

לעולם איז דיר באַקאַנט, אַז נאָך אין נאָוואַרדיקע בין איך געבליבן דער לעצטער עקשן, אַז מען מוז זיך דערווייטערן פון דער תּאווה פון באַ־העפטונג, ווייל אַ מענטש, וואָס איז אַ חלק פון אלוקים ממעל, דער בחיר היצירה, קאָן זיך דאָך נישט וואַלגערן און ראַיען, ווי אַ דבר־אחר, אַ הונט, אַ שרץ, ווי אַלע אַנדערע מינים באַשעפענישן, וואָס לעבן לויטן באַפעלע־רישן איינשטעל פון דער השגחה עליונה.

גבריאל: „אַזאַ וועג איז דאָך אָבער מחוץ לדרך הטבע, און במילא — קעגן דעם בורא־עולמס איינשטעל?"

חנן: „דעם מענטש איז געגעבן געוואָרן בחירה חופשית".

גבריאל: „האָב חתונה, חנן. דאָס איז דער וועג פון „אחרי רבים להטות".

חנן: „אפשר מאַכט איר אַלע, וואָס פאַררופן זיך אויפן אָנגענומענעם דרך־העולם, אַ טעות? די אַלע אויפרייצנדיקע גלוסטונגען אין דער באַ־העפטונג זענען גאָר, מחמת דער בורא־עולם וויל אויספרוון דעם מענטש, די העכסטע בריאה פון זיין מלכות, צי איז ער טאַקע ווערט זיין אַ חלק פון אים און טראָגן די קרוין פון בחיר־היצירה".

חנן האָט צוגעלייגט זיין האַנט צום שטערן און זיך פאַרטראַכט. נאָך דעם האָט ער זיך געווענדט צו גבריאלן: „אָט נעם אונדזער רב, ר' מאיר. מען דערציילט וועגן אים, אַז ווען ער האָט נאָך געלערנט אין קאָזשעניץ, ביים מגיד ז"ל, האָט מען אים געצוווּנגען חתונה צו האָבן מיט אַ נקבה, אַ בעל־גוף, וואָס האָט פון אים שטיקער געריסן אין משך פון דריי יאָר, ווי מען וואָלט אים פון דער השגחה געוואָלט אויספרוון, צי ער וועט אויס־האַלטן. מען האָט אים מזכּה געווען מיט אַן אמתער לילית. ער פלעגט טאָג־איין טאָג־אויס זיך באַקלאָגן פאַרן מגיד, אַז דאָס איז נישט פאַר אים צו וואַלגערן זיך ווי אַ שרץ אין רינשטאָק. האָט דער קאָזשעניצער מגיד, ראשית, אים דערמאָנט דעם געבאָט פון פריה־ורביה און אויך דעם זאָג פון זוהר, אַז ביזן צוזאַמענקום פון מאַן און ווייב איז מען אַ האַלבער מענטש. ערשט נאָכן מקיים זיין די צונויפפאָרונג דורך חופּה־וקידושין, ווערט מען אַ גאַנ־צער מענטש; דורך דעם ווערט מען אַ שותּף צו יצירה. דעמאָלט האָט ר'

מאיר, נאָך דריי יאָר, זיך אָפּגעשיידט פון זיין ווייב, האָט אָנגעהויבן מיט סיגופים און פאַסטן, פאַרפייניקט דעם גוף, געוואָרן אַ פּרוש צו צוואַנציק יאָר״. נאָכן פאַרטראַכטן זיך, האָט חנן געזאָגט צו גבריאלן: „אייגנטלעך האָב איך לכתחילה געהאַלטן פונעם רב ר׳ מאירס גבורה זיך אַרויסצודרייען פון דער חיהשער טבע, נאָכן נאָכגעבן דריי יאָר זיין ווייבס ברענענדיקן גוף. אָבער אין תוך געגומען איז דאָס דער היפוך פון גבורה כּרחוק מזרח ממערב, ווייל אַנטלויפן איז פּרישות, פאַרפייניקן דעם אייגענעם גוף, כּדי אַזוי אַרום פּטור ווערן פון דער אייגענער תאַווהדיקער שׂרפה. לאָזן דיין שותּף ברענען און בראָטן — דאָס איז קיין צדקיות נישט. זאָל מיר ר׳ מאיר מוחל זיין, אָבער דאָס געהער צום רייסטער פון אַכזריות״.

און ווייטער האָט חנן געזאָגט צו גבריאלן:

„איך וויל נישט גיין אינעם דרך פון ר׳ מאירן, ווייל אויב איך וועל זיך איין מאָל אונטערגעבן דער תּאווה פון פאַרפירערישן חיהשן תּענוג, וועל איך משועבד זיין צו ווערן אַן עבד־כּנעני, און ווי דער סדר־העולם, אַז הרגל נעשׂה טבע, וועל איך ליגן ווי אַ הונט אויפן ביין. איז שוין בעסער צו בלייבן אַ „האַלבער מענטש״, איידער לעבן ווי אַ חיה. איך וויל זיין, ווי אַ פידל אין די הענט פון אַ פאַרחלומטן פידלער: אויפצונעמען און אויסשפּילן די איידלסטע קלאַנגען פונעם ברומו של עולם, פון די טענער פונעם צאַרטן פישטשענדיקן פייגעלע ביזן ווילדן, אפשר באַצערטן, ברומען פונעם לייב אין וואַלד, אָדער פונעם לויטערן לאַכן פון אַ קינד ביז דאָס געוויין פונעם דערוואַקסענעם מענטש. אַזוי וועלן מיינע חושים זיין וואַך צו די שיינקייטן פון גאָטס באַשאַף און כ׳וועל אויך זען דעם מענטש און באַוווּנדערן דעם בחיר־היצירה אין זיין פרייד און צער, אין זיין שטייגן און אין זיין פאַלן״.

גבריאל: „מילא, וועגן דיין וועג פון גובר זיין די תּאווה פון באַהעפטונג אַנדערש פון ר׳ מאיר — איז מיר נאָך אַלץ נישט קלאָר און באַוויזן געוואָרן. איך בין נאָך אַלץ אין ספק, אַז מצרף זיין זיך מיט תפארת פון דער טבע, באַשאַפן דורכן בורא, צוזאַמען מיטן זיין פאַרנומען אין לערנען תּורה, איז שוין געגנוג בייצוקומען די איינגעשטעלטע דרך־הטבע, אַן צו

פאַרפּייניקן דעם גוף. כ׳בין דיך חושד, חנן, אַז דיין צערודערונג ביי דער אַסיפה איז געקומען נאָך אַ צעטרייסלונג פון דיין שיטה, דיין דרך־החיים״.

חנן האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און צוגעגעבן, אַז גראָד יענעם טאָג פון דער אַסיפה איז צו אים געקומען זיך פאָטאָגראַפירן דעם גראַפס יונגע טאָכטער. זי האָט אים געבעטן צו נעמען בילדער פון איר אין פאַרשידענע פאָזעס. זי האָט דאָס געטאָן אויף אַן אופן פון באַהאַלטענער צניעות, מיט דער איידעלער שפּיל פון אויפדעקן אַ טפח און באַהאַלטן צוויי. אירע בלויע אויגן האָט זי געהאַלטן האַלב פאַרמאַכט. אירע לאַנגע וויַעס האָט זי געעפנט און אַראָפּגעלאָזט, ווי דאָס שפּילן אויף אַ האַרפע. „כ׳בין זיך מודה פאַר דיר, אַז וויפל איך האָב זיך אַנגעשטרענגט צום בלויזן באַוווּנדערן די שיינ־קייט פונעם בוראס באַשאַף, בין איך דאָך געבליבן שטאַרק מבולבל. צו דעם איז נאָך צוגעקומען די דערהערטע אויפטרייסלענדיקע ידיעה ביי דער אַסיפה — און דאָס האָט מיך דערפירט צו מיין פאַרלירן זיך״.

*

ווען זיי זענען צוריקגעקומען אין שטעטל אַריין, האָבן שוין ייִדן, מיינסטנס יונגוואַרג, געטראָגן גרינס אויף שבועות. די שול איז שוין גע־ווען פול מיט ביימעלעך און צווייגן. אַלע פענצטער פון די נידעריקע שטיבער — באַקלעפּט מיט רייזעלעך, מיט פאַרשידענע בילדער: דער באַרג סיני, די עקדה, די אָבות־ואמהות, מעשיות פון חומש — האַנט־צייכענונגען פון די צוויי מצבה־קריצער און פון גרעסטענע בית־המדרשניקעס, אויך פון די נאָוואַרדיקער ישיבה־בחורים. צווישן זיי זענען געווען די שיינע ריי־זעלעך און פאַרביקע געמעלן פון חננען. ייִדן האָבן מיט גרויס הנאה באַ־טראַכט די רייזעלעך, טאַטעס און זיידעס האָבן אויפגעהויבן זייערע קינדער און אייניקלעך, וואָס האָבן מיט שרעק אָפּגעדרייט זייערע קעפּלעך ביים דערזען אַברהם־אָבינו מיטן מעסער איבער דעם גרין־געמאָלעוועטן יצחקס האַלדז.

אַלע מאָל, ווען חנן גייט פאַרביי די מאַרק־געוועלבער אָדער די זיי־

טיקע געסלעך, קוקט מען אים נאָך ביז ער פאַרשווינדט פונעם אויג. אַפילו עלטערע מענטשן באַוווּנדערן זיין שיינע הויכע געשטאַלט, זיין גאַנג מיט דער ווערדע פון אַ בן־מלך. פון זיינע ברוינע אויגן לייכט אַרויס אַזאַ ליבע וואַרעמקייט, אַז ביי יעדן עפנט זיך דאָס מויל פון פאַר־גאַפונג אַקעגן אים. די מיידלעך און יונגע ווייבלעך נעמט אַדורך אַ זיסע וואַרעמקייט. איצט גייט ער מיט זיין נאָוואַרדיקער ישיבה־חבר גבריאלן, דעם נידעריק־דיקלעכן מיט אַ באַוואַקסן שוואַרץ־האָריקן פּנים, פון וועלכן מען זעט קוים זיינע אויגן אַרויס.

אָבער היינט, ערב־שבועות, ווען יעדער איילט זיך צוליב יום־טוב, קוקט מען שוין נישט אַזוי אויף חננען. מ׳האָט אַפילו געמורמלט, אַז איינער פונעם רבס ישיבה, אַ נישט־פאַרגינער, האָט אויפגעקלעפּט אַ־ן פענצטער פונעם שולגעסל אַ רייזל, וואָס האָט פאַרגעשטעלט, ווי מען האָט אַרויסגעצויגן חננען פונעם טייך ליאָס. דער רבֿ, ר׳ מאיר, אַליין איז גע־גאַנגען און געבעטן דאָס רייזל אַראָפּצונעמען און דערמאָנט דעם איסור, אַז לא יזכר ולא יפקד, קיינער אין שטעטל זאָל נישט דערמאָנען, וואָס ס׳איז געשען מיט חננען.

פאַרן אַוועקגיין, האָט חנן געזאָגט גבריאלן, אַז ער וועט מער זיך נישט פאַרנעמען מיט דער אומנות פון פאָטאָגראַפיע, מחמת די גמרא זאָגט: „לאו עכברא גנב אלא חורה גנב״, אַז מען דאַרף פאַרשטאָפּן דאָס לאָך פאַרן „עכבר״, וואָס קאָן פירן און פאַרפירן אינעם שאול־תחתיה אַריין.

„איך האָב די אמונה, אַז מיטן מצרף זיין מיין מחשבה און תשוקה צו תפארת הבורא, וועל איך דערגרייכן צו לייטערן און דערהייבן אויך דעם גוף, און אַזוי אַרום דורכלעבן דאָס קורצע לעבן אין ריינקייט און שיינקייט. דער עיקר: פילן דעם טעם פון שוועבן און פלאַטערן צו הע־כערע עולמות, פילן דעם שטאָלץ פון התקרבות צום רבונו של עולם דורכן דערנענטערן זיך צו אים, נישט ווי אַ צעבראָכענער שאַרבן, וואָס זשיפּעט קוים, נאָר מיטן געזאַנג פון שייכותדיקייט צו זיין שלמותדיקער יצירה״.

# קאַפּיטל דרייצן

דער ערב־שבועות איז געווען אַ מילד־וואַרעמער. אויפן הימל — ווייסע וואָלקנס ביי די בלויע האָריזאָנטן. די זון איז געווען פאַרנעפּלט, ווי פאַרצויגן מיט אַן אײדל־געוועבטן וואָל.

שטילער איז געוואָרן דער מאַרק־געפּילדער. די פּישעריונגען האָבן שוין צעבראָכן די בייכלדיק־געבויגענע פּישפּעסער פון די שוין פאַרקויפטע לעשטשעס, העכט, קאַרפּן, אָקאָנעס און פלאַכע קוריסן. די געבליבענע רעשטלעך האָבן זיי אויסגעלייגט אין מציאותדיקע קופּקעלעך: „ווייבער, כאַפּט!" — דאָס שרייט מען צו די אָרעמע, וואָס וואַרטן אויף דער לעצטער מינוט, כּדי צו קויפן בזיל־הזול דאָס איבערבלייבעכץ. גאַנץ אָפט שטופּן אונטער די פּישער עטלעכע פּישלעך די אָרעמע אַלמנות און אַנדערע נויט־באַדאַרפטיקע, די שעמעוודיקע, און זיי פּילן בעת־מעשׂה אַ גרויסע הנאה, וואָס זיי האָבן זיך איינגעשאַפט אַ מיצווה. זיי וועלן קאָנען גיין אין שול אַריין, קוקן אויפן אָרון־קודש מיט אויפגעהויבענע קעפּ און זיך נישט שעמען פאַר די תּורות אינעווייניק איבער די עטלעכע עבֿרות זייערע די לעצטע טעג פאַר מתּן־תּורה — קנייפּן די ווייבער און רעדן עזותדיקייטן.

די טרעגער און בעלי־עגלות אין מאַרק קוקן אַריבער צו די נידעריקע הייזער מיט די באַקלעפּטע שבועות־רייזעלעך. דאָס דערמאָנט זיי, אַז עס איז ערב־שבועות, דער יום־טובֿ פון מתּן־תּורה, פאַרלאָזן זיי דעם מאַרק, די קצבֿים טוען אויס זייערע פאַרבלוטיקטע פאַרטעכער און זיי טראַכטן דערביי: ווי פּאַסט עס פאַר זיי צו טראָגן אַזעלכע פאַרטעכער ערבֿ דעם טאָג פון שטיין ביים באַרג סיני?

די מייסטע בעלי־הבתּים פון די קראָמען אַרום די פיר ציילן פונעם מאַרק זענען זיך צעפאָרן צו זייערע רביים אויפן יום־טובֿ שבועות. צום שטעטלדיקן ליפּסקער רבין, ר' יצחק זוואָלינער, קומען זייער ווייניק חסידים. ער איז פאַרבליבן דער רבי פון די בעלי־מלאכות אינעם שטעטל. ער איז

צו זיי ווי אַ טאַטע צו קינדער, און קאָלערט אַרונטער די שווערע שטיינער פון זייערע פאַרביטערטע הערצער. צום אַנדערן רבין, דעם פּאַסטער ר׳ מאיר, קומען צו פאָרן חסידים אויף יום־טוב מארבע פינות פוילן און אויך פון אַנדערע מקומות. זיי ציילן זיך אָבער נישט אין כמות, נאָר אין איכות, ווייל דער דרך פון רבי מאירס חסידישער שיטה איז נישט דאָס מצרף זיין זיך דורך נגינה און התלהבותדיקער רקידה מיטן רבין, ווי דער מעורר צו התרוממות־הנפש, און אויך די חסידים זענען מעורר דעם רבין צו חידושי תורה — אָן אַנדערער דרך איז רבי מאירס פירן טיש אין די שבתים און ימים־טובים: דורכן וועג פון געצוימטער פשטות. רבי און חסידים עסן ביים טיש מיט שטילער דרך־ארצדיקער איידלקייט און היימישקייט, ווי איין משפחה פון בני־מלכים. פון דעם רבינס תורה און ווערטער לערנען זיינע חסידים. יום־טובדיקע זמירות זענען געצוימטע פאַמעלעכדיקע טענער פונעם קול דממה דקה, נישט מחמת מורא פאַרן באַשאַפער פון אַלע וועלטן, ווי עס טוען די מתנגדים, נאָר מחמת אַהבה צום מלך מלכי המלכים.

ר׳ בונים, דער נאָוואַרדיקער ראש־ישיבה מיט זיינע עלטערע תּלמידים, קומען שטענדיק צו רבי מאירס שבת־ און יום־טובדיקע „טישן". ווי מוסר־מענטשן זענען זיי געווען ווייט פון חסידות, אָבער אין רבי מאירס התנהגות האָבן זיי געפילט אַ קרובהשאַפט צווישן זייער תּופס זיין דעם באַטייט פונעם מענטש און זיין פירעכץ בין אָדם לחברו, וואָס איז דער יסוד פון כל היסודות פון בין אָדם למקום. דער רבי ר׳ מאיר האָט זיי שטאַרק מקרב געווען, און גאָר באַזונדער — חנגען.

אין אַלע שטיבער, נאָכן עסן די יום־טובדיקע סעודה, נאָכן דורכ־שמועסן זיך מיטן בני־בית, האָט מען זיך געזעצט ביי די שוין האַלב אויס־געברענטע ליכט אין די לייכטער, אַ טייל שוין פאַרטריפטע פונעם ריי־נענדיקן ווייסן חלב, און מ׳האָט אָנגעהויבן זאָגן תּיקון ליל שבועות.

די בעלי־הביתטעס מיט זייערע טעכטער, האָבן זיך געפּאָרעט ביים קנעטן און וועלגערן, איינהייצן דעם באַקאויוון צום באַקן די מילכיקע געבעקסן און קאָכן די קעזקרעפּלעך אָדער לאָקשן מיט קעז, באַשאָטענע מיט צעשטויסענעם צימרינג.

שבועות, ווי שׂימחת־תּורה, האָט מען זיך געפילט פרייער, ווי אין אַלע אַנדערע ימים־טובים. אין דער נאַכט פון מתּן־תּורה האָט מען זיך אין שטעטל געפילט נענטער מיטן רבונו של עולם. אפשר צוליב דער שיינ־קייט פון פרילינג מיט זיין מילדקייט און לאַשטשענדיקער וואַרעמקייט נאָכן שווערן ווינטער מיט די פרעסט און שנייען, מיט די הימלען גרויע און דערוויטערטע...

„שבועות" — זאָגט זישע — „פילן זיך ייִדן ווי צעפּיעשטשעטע קינ־דער פאַרן רבונו של עולם. זיי טראַכטן ביי זיך: גאָטעניו גוטער, פריער ביסטו געלאָפן צו די אומות העולם, ערשט נאָך דעם, ווי זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון נעמען די תּורה, ביסטו געקומען צו אונדז, און מיר האָבן די תּורה געכאַפּט, נאָך איידער מיר האָבן געהערט, וואָס דאָרט שטייט געשריבן. ווי עס איז די טבע ביי ייִדן, האָבן זיי בשעת־מעשה אונטערגע־שמייכלט: לעולם תּקח, וואָס קאָן מען דאָ פאַרלירן ?"

די טעכטער, מיט צעפלאָמטע פּנימער פונעם גליִענדיקן באַקאויוון, העלפן די מאַמעס ביים באַקן און בראָטן. די ייִנגערע און דערוואַקסענע זין זיצן ביי די יום־טובדיקע טישן מיט זייערע טאַטעס און זינגען מיטן אַלטן ניגון דעם תּיקון ליל שבועות.

פאַר טאָג, ווען די בלויע טונקלקייט פון דער נאַכט בייגט זיך לאַנג־זאַם אַוועק, און פון מינוט צו מינוט שימערירט מיט העלער ליכטיקייט, לאָזן זיך יונגוואַרג אַרויס פון די היימען און גייען פון אַלע געסלעך צום שאָסיי, און דורכן שליאַך — צום קינעווער וואַלד.

פונעם האָריזאָנט רוקט זיך אַרויס אַ פאַרנעפּלטע רויטקייט, ווי פון אַ פאַררויכערטן וואַלדפייער. דער טוי אויף די גראָזן פינקלט מיט זוניקע קאָלירן. ביים אָנקומען נאָענט צום וואַלד איז שוין די פרימאָרגן־ליכטי־קייט אַ פולע און זי באַזעלט די מענטשן מיט יום־טובדיקע האָפערדי־קייט. אינעם וואַלד הערט מען ווידערקלאַנגען פון זייערע אויפגעהייטערטע רייד. די שפּאַצירער זענען: דינסטמיידלעך, אָנגעטוענע אין ציצינע קלייד־לעך, טעכטער פון בעלי־מלאכות און זייערע קאַלעזשאַנקעס, די שניידער־און שוסטער־ייִנגלעך, קאַמאַשן־מאַכער, גאַרבער און סטאָליאַרעס, גע־

קליידטע אין קורצע קאַפּאָטעס, טייל אין זומערדיקע סאַקלעך, די מיינ־סטע פון זיי — געגאָלטע, מיט פּאַרדרייטע וואָנצעלעך. מ׳זעט אויך די „ווילע־יונגען" אין קורטקעס און היטלען מיט ברייטע דענקעס און גלאַנ־ציקע צעראַטענע דאַשיקעס. די מיידלעך קוקן מיט זייטיק־חנדלדיקע בליקן, וואַרפן זיך איבער מיט אָפּגעהאַקטע צווידייטיקע ווערטער. די בחורים קלייבן צווייגן, פּאַכען מיט זיי ווי די פּערדרייטער. זיי האָבן שטאַרק חשק אָפּצורייסן פון די יונגע ביימלעך פרישע צווייגן, אויסשניצן פון זיי לאַנגע פייפלעך און אויסשפּילן אויף זיי פּאַסטעך־לידלעך, אָדער די לידער, וואָס זיי זינגען ביי דער אַרבעט אין די וואַרשטאַטן. אָבער צוליבן יום־טוב, קענען אַזוי פיל אויגן פון די שפּאַצירער, מוזן זיי זיך איינהאַלטן און באַנוגענען זיך בלויז מיטן שאָקלען די גרינע ריטלעך אין אַ ריטמישן טאַקט, זינגען ליבע־לידלעך און ברומען עזותדיקייטן, פון וואָס די מיידלעך פאַררויטלען זיך, מכלומרשט, ווי פאַרשעמטע און שטיקן אין זיך דאָס שטילע שלויע געלעכטער.

אַ ביסל אָפּגערוקט פון זיי שפּאַצירן די בעל־הביתישע חסידישע מיידלעך. אין וואַלד מישט מען זיך אויס און מען זינגט אַלערליי לידער. די רייכערע זינגען מייגסטנס פּוילישע לידער. זיי וואַרפן זיך דורך מיט זייטיקע בליקן מיט די בית־מדרשניקעס און די ישיבה־בחורים, לאָזן זיי הערן זייערע קוויטשענדיקע איינגעהאַלטענע געלעכטערס.

צווישן די שפּאַצירנדיקע ישיבה־לייט איז אויך געווען חנן מיט זיין חבר גבריאל. די מיידלעך קאָנען נישט אָװעקרייסן זייערע אויגן פון חננס שיינער געשטאַלט, אָבער אין זייערע בליקן צו אים איז פאַראַן אַ געמיש פון גלוסטיקייט מיט בייזקייט פאַר זיין נזירות.

די זון האָט זיך אַרויסגערוקט אַלץ העכער. פּאַסן ליכט האָבן פאַר־טריבן די וואַלדיקע שאָטנקייט. געזאַנג־אַקאָרדן פון די פייגל פון אַלע זייטן האָבן הילכיק זיך צעקלונגען. קוקו־פייגעלעך שאַלן אויס אינעם שטילן וואַלד־רוים מעלאַנכאָלישע טענער.

די יום־טובדיקע וואַלד־שפּאַצירער קערן זיך צוריק צו זייערע שטי־בער, אין דער שול און אין די בתי־מדרשים. אויך אין די שטיבלעך דאַ־

ווענען ייִדן מיט יומטובדיקער פייערלעכקייט, ציקלען אויס דעם שחרית־דיקן „המלך", ווי קיניגלעכע טרובאַדורן, זינגען אויס דעם הלל מיט התלהבותדיקער האַרציקייט. אַרומגענומען מיט גרינס, לעבן ייִדן ווידער איבער, ווי מיט זייערע אייגענע חושים, דעם מתּן־תּורה.

ווען חנן מיט גבריאלן זענען אַרויס פונעם וואַלד, האָט די אויפגייענדיקע זון אינעם שבועותדיקן פרימאָרגן זיי אַ בליאַסק געטאָן אין די אויגן.

ביים פאַרבייגיין די הייזער מיט די שטרויענע דעכער, האָבן זיי געהערט דאָס קרייען פון די הענער מיט די רויטע קאַמען. אין די גערטנדלעך האָבן נאָך שימערירט די טראָפּנס טוי מיט רעגנבויגנדיקער פאַרביקייט אויף די האַלב־צעעפנטע רויזן און טוליפּן.

ביידע זענען זיי פאַרטיפט אינעם שמועס וועגן דעם וווּנדערלעכן יום־טוב שבועות, דעם יום־טוב פון מתּן־תּורה, דעם חג־הביכּורים פון אַמאָל, ווען אונדזערע אָבות האָבן, ביים אַראָפּנעמען די ערשט־צייטיקע פּרוכטן, מדקדק געווען צו זיין צניעותדיק און איידל צו זיי, ווייל זיי האָבן אין זייערע גערטנער באַמערקט, ווי די שענסטע בלומען פאַרמאַכן זיך, כּדי נישט צו רייצן מיט זייער פּרעכטיקייט..

גבריאל האָט דערמאָנט הנבען אינעם „ילקוט שמעוני" וועגן יום־טוב שבועות: רות, די קיניגלעכע טאָכטער איז אַוועק פונעם לאַנד מואב, וואָס איז פול געווען מיט אויסגעלאַסנקייט. האָט איר נעמי געלערנט יידישע צניעות, אַ שטייגער: ביים אַרויסרייסן די ווילדע געוויקסן צווישן די פאַרזייטע בייטן אינעם פעלד, זאָל זי זיך אַנידערזעצן, כּדי נישט אויפצודעקן אירע גלידער, ווי ס'געשעט ביים אַראָפּבייגן זיך.

חנן האָט זיך געפילט ווי געטראָפן. גבריאל איז אפשר אויסן אים צו דערמאָנען זיינע פריִערדיקע התנהגותן פון אויפדעקן די פרויען־גלידער ביים פאָטאָגראַפירן זיי, צוליב זיין אַמאָליקן טראַכטן וועגן מענטשלעכער דערהייבונג צום געטלעכן תּפארת — וואָס קאָן משפּיע זיין צו צוימען דאָס חיהשע אינעם מענטש.

דער מוסרניק גבריאל, וואָס גריבלט זיך אויך אין די ספרים חיצוניים, איז געקומען צו דער החלטה, אַז דער אַלט־ייִדישער באַנעם פון צניעות

איז נישט בלויז מענטשלעך־דערהויבענער לגבי דער אָקסידענטאַלער נאַ־קעטקייט, נאָר דער יידישער דרך פון צניעות מאַכט דעם מענטש פאַרן האַר. פון דער באַהעפטונג דורך צניעות ווערט די תאווה געצוימט און געלייטערט און דערמיט דערגרייכט ער די מדרגה פון ווערן אַ חלק אלוקים ממעל.

חנן און גבריאל זענען, נאָכן וואַשן זיך, געגאַנגען אין שול אַריין צום דאַווענען, צו דעם רב ר׳ מאירס זאָגן „אקדמות״.

ביים אַריינקומען אין שול האָבן זיך חנן מיט גבריאלן אַוועקגעזעצט הינטער אַ גרין באַבלעטערטן מויער, נאָענט צו די ברייט־צעעפנטע שול־טירן. זינט זיין קומען צו זיך זוכט חנן אַלע מאָל אַ טונקעלן ווינקל, כדי נישט צו וואַרפן זיך צו פיל אין די אויגן. כאָטש דער רב האָט געבעטן אַלע יידן אינעם שטעטל, גרויס און קליין, נישט נאָר חנען, חס וחלילה, נישט צו פאַרשעמען, נאָר אַדרבא, אים שטענדיק באַגעגענען מיט בסבר פנים יפות, דאָך האָט חנן זינט יענעם פאַל נישט געקאָנט קוקן קיינעם גלייך אין די אויגן. עס פלעגט אויך טרעפן, אַז אַ צעבאַלעוועט יינגל פונעם דענקעוווער געסל זאָל אים פון הינטן נאָכשרייען „משוגענער חנן, טונק זיך אונטער אינעם טייך ליאַס, ווי לאַנג ס׳וואַסער איז נאַס״. דעמאָלט פלעגט ער פאַר בושה וועלן אַנטלויפן הינטער די הרי חושך.

און כך הווה: איין מאָל אין אַ ווינטערדיקער זאַווערוכע, קיין בן־אָדם האָט די נאָז נישט אַרויסגעשטעקט, דאָס שטעטל האָט אויסגעזען, ווי אַ מידבר, פאַרלאָזט פון יעדער לעבעדיקער בריאה, איז חנן פאַרשוווּנדן ווי אין וואַסער אַריין. שפּעטער זענען דערגאַנגען שמועות, אַז חנן האָט גע־וואַנדערט נע־ונד אין ווייטע דערפער, ווו ער האָט גענומען אויף זיך די עובדה פון לערנען יידישע דאָרפס־קינדער אַ שייטל עברי, אַ פרשה חומש, דערציילן זיי מעשיות פונעם רבי ר׳ מאיר, דעם אייביקן פאַסטער און גרויסער בעל מידות־טובות.

ביז איין מאָל האָט מענדל בריוועטרעגער דערציילט אינעם אַלטן בית־המדרש, בין מינחה למעריב, אַז ער האָט היינט פאַנאַנדערגעטיילט דריי

## אליעזר קופּערמאַן

אָנגעקומענע בריוו פון חנגען פון ארץ־ישראל: איין בריוו צום רב, דער צווייטער צום ראש־ישיבה און דעם דריטן בריוו צום מוסרניק גבריאלן. מען האָט זיך שפּעטער דערוווּסט, אַז חנן געפינט זיך אין קיבוץ דגניה ביים ים כנרת.

# קאַפּיטל פערצן

שבת, נאָך שלוש־סעודות, איז אין פּאָטערס הויז שטילער געוואָרן. ביים צופאַלן פון דער נאַכט האָבן דער פּאָטער מיטן זון פון אַמעריקע און זיינע צוויי איידעמס, זיך אָוועקגעשטעלט צו מיזרח־זייט דאַווענען מעריב.

דעם פּאָטערס שטילע זיפצן ביי שמונה־עשרה זענען פונעם זון זיי־נעם אויפגענומען געוואָרן מיט עגמת־נפש. ער האָט געטראַכט: דאָס זענען זיכער זיפצן צוליב זיין פאַרגוויישטקייט און אויך צוליב זיין באַענטן אָוועק־פאָרן צוריק קיין אַמעריקע.

אין אַן אַנדער ווינקל פון צימער איז געזעסן די מומע דאָכע מיט די טעכטער און מיט די אייניקלעך אויף זייערע שויסן. פון דאָרטן האָט מען געהערט דאָס שטיל־פאַרכטיקע יידיש־מאַמישע געבעט: „גאָט פון אַברהם, יצחק ויעקב".

נאָכן אָנצינדן אַ ליכטל, האָבן אַלע אין שטוב, אויפגעהייטערטע, ווי באַנייטע מיט פרישע כוחות פונעם פאַרגאַנגענעם הייליקן שבת, אויסגע־שריגן: „גוט־וואָך!" די אייניקלעך זענען צוגעלאָפן צום זיידן, האָבן גע־שטרעקט זייערע הענטלעך און מיילעכלעך צו אים. נאָכן קושן זיי, האָט ער אויפגעהויבן די צוויי עלטערע אייניקלעך, איטשע־דודלען און פּינטשעלען, זיי אָוועקגעשטעלט אויפן טיש, יעדן פון זיי געגעבן אַ ליכטל אין די הענטלעך, צו באַלייכטן ביים מאַכן „הבדלה".

משהל האָט אָנגעגאָסן אַ בעכער מיט וויין, געזאָגט: „הנה אל ישועתי", די דריי ברכות: איבערן וויין, בשמים־ריח פונעם בשמים־ביקסל און די דריטע — „בורא מאורי האש". דערנאָך האָט ער אויסגעגאָסן אויפן טיש אַ ביסל בראָנפן און דאָס אָנגעצונדן מיט איינעם פון די ליכטלעך. די בלוי־רויטלעכע פלעמלעך זענען געשפּרונגען איינער איבערן אַנדערן, ווי זייפן־בלאָזן. ביים זינגען דעם פסוק „זרענו וכספנו ירבה כחול", האָט ער מיט

די הענט געשעפּט די קאַלטע פּלעמלעך אין זיינע קעשענעס, און אין די קינדערס קעשענקעלעך.

פּנחס האָט געקוקט אויפן פּאָטער, באַטראַכט די גרויע שפּיצן פון זיין שמאָל פאַרפּוצט בערדל און די קאַרבן אַרום זיינע אויגן. מן הסתם — האָט ער ווי צו זיך גערעדט — האָט דאָס אַהיימקומען זיינס גורם געווען צו פיל אָנשטרענגונג פאַר אים. אפשר זאָל ער צוגיין צו זישען, אים ברענגען צו מלווה־מלכּה? מיטן דערציילן פון עטלעכע פון זיינע מעשׂיות וועט ער אויפהייטערן דאָס געמיט פונעם פּאָטער. אמת, זישע גייט נישט צו קיין שׂימחות זינט זיין שיינדעלעס טויט, אָבער אַ היימישע מלווה־מלכּה? די מומע און דער פּאָטער האָבן מסכּים געווען, „מהיכו־תיתא", — האָט דער פּאָטער געזאָגט, און די מומע, שמייכלענדיק, האָט זיך געווישט דאָס מויל און צוגעגעבן:

„אויב ער וועט קומען, קריגט אירביידע נאָך שיסעלעך באָרשטש, און אים וועל איך נאָך מכבד זיין מיט אַ געבראָטן געענדזן העלדזל".

אומר ועושׂה, איז פּנחס אַוועק צו זישען. אויף זיין פריילעכן „גוט־וואָך" האָט זישע אים געענטפערט: „אַ גוטע וואָך, אַ געזונטע וואָך, ס'איז אַ סימן מזל־טוב דיין קומען אַהער".

זישע איז נאָך געווען אָנגעטאָן אין זיינע שבתדיקע בגדים. פּנחס האָט, ביים פאַרבעטן אים צו זיין פּאָטערס מלווה־מלכּה, „געכאַפּט די פּיש פאַר דער נעץ", אַז דאָס איז נישט קעגן זיין נדר נישט צו גיין אויף שׂימחות. דאָס איז אַ געוויינטלעכע היימישע מלווה־מלכּה. זישע האָט אויף פּנחסן אַ קוק געטאָן, ווי זיין שטייגער, מיט איין אייגל, און צו אים געזאָגט: „מילא, אַז אונדזער חנה־פּייגעס זון האָט געפּסקנט, מוז איך עס טאָן, אָבער מיט איין תּנאַי: דו זאָלסט היינט ביי נאַכט מיר דערציילן אַן אַמעריקאַנישע מעשׂה. דערפאַר וועל איך דיר דערציילן צוויי מעשׂיות, איינע, וועגן מיינער אַ קלעזמערישער מלווה־מלכּה און אַן אַנדערע — וועגן דיין זיידן דוד.

פּנחס האָט אים צוגעזאָגט צו דערציילן אַן אַמעריקאַנישע טשיקאַווע מעשׂה וועגן אים אַליין — ווי אַ פישער אויף אַ טייך אין ניי־ענגלאַנד, אין אַמעריקע.

ווען זישע איז אַריינגעקומען אין משהלס שטוב, האָבן אים אַלע אויפֿגענומען מיט אַ פֿריילעכן „גוט־וואָך״. די מומע האָט אים צוגעפֿירט צום טיש, אים מכבד געווען מיטן זעצן אים אויבן אָן.

ווען מ׳האָט געטרונקען די טיי מיט מאַלינע־סאָק, האָט זישע געפֿרעגט די מומע דאָכע, צי זי געדענקט נאָך יענע מלווה־מלכּה ביי אים אין שטוב, פֿאַרן טויט פֿון שיינדעלען, בעתן איבערגעבן דאָס קאַפּעל־מייסטעריי צום זון זיינעם ישׂראל־איטשען.

„צי איך געדענק? דאָס גאַנצע שטעטל איז דאָך געשטאַנען הינטער אייערע פֿענצטער. דער מאַרק איז דאָך געווען פֿול מיט מענטשן!״ פּנחס און דער פֿאָטער האָבן זישען געבעטן, ער זאָל איבערדערציילן די געשיכטע פֿון יענער מלווה־מלכּה.

*

זינט דורות האָט זיך געפֿירט ביי זיי, אַז דאָס קאַפּעל־מייסטעריי איז איבערגעגאַנגען בירושה פֿון איינעם צום אַנדערן. זישע איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט דאָס איבערגעגעבן צו זיין זון ישׂראל־איטשע נאָך ביי זיין לעבן, ווייל אַזוי האָט געוואָלט זיין ווייב שיינדעלע ע״ה.

„ס׳קאָן זיין״, — האָט געזאָגט זישע — „ווייל זי האָט פֿאַרויסגעפֿילט, אַז אירע טעג זענען געציילטע, האָט זי אים, זישען, געוואָלט שטענדיק האָבן אַרום זיך״.

געשען איז דאָס אין אַ רעגנדיקער נאַכט. עס האָט געגאָסן ווי מיט צעבערס. אַ שטורעמווינט האָט געטריבן דעם שלאָקסרעגן צו די טירן און פֿענצטער מיט אַזאַ ווילדן רעש, ווי שדים וואָלטן זיך וועלן אַריינרייסן אין הויז אַריין.

שיינדעלע ע״ה האָט זיך געוואַשן די הענט פֿאַרן לייגן זיך, געלייענט קריאת־שמע און אַריין אין בעט אַ צעשראָקענע. ביים העלפֿן איר צודעקן זיך מיטן פּוכענעם איבערבעט, האָט זי אים געבעטן צו זעצן זיך איר צופֿוסנס, ווייל זי וויל מיט אים זיך אַדורכשמועסן. זי האָט צו אים געזאָגט:

„זישעשי לעבן, איך בעט דיך, טו עס מיר צוליב, גיב אויף דיין קלעז־מעריי, ביסט שוין גענוג אַרומגעפּאָרן אויף בעלער און חתונות. בלייב אין דער היים מיט מיר".

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף איר מיט ליבשאַפט. אויף דער עלטער איז די ליבשאַפט צווישן מאַן און ווייב אפשר נאָך שטאַרקער, ווי בעת מען איז יונג. מיטן פּראָסטן שׂכל — האַלט זישע — קאָן מען דאָס גאָר־נישט פאַרשטיין און באַגרייפן. נאָר עלטערע מענטשן, ווי ער, ווייסן פון דעם. די יונגע מענטשן מיינען, אַז נאָר זיי ווייסן וואָס ליבשאַפט באַדייט. אויף עלטערע מענטשן, ווען זיי צערטלען זיך, קוקן זיי, מיט אַ באַהאַל־טענעם חוזק. יונגע מענטשן ווייסן גאָרנישט פון יענעם סוד פון באַגייטער ליבשאַפט אויף דער עלטער, וואָס איז טאַקע, אמת, נישט אַזוי שטורמיש, אָבער דערפאַר אַ סך טיפער, מיט אַ געלייטערטקייט, וואָס קומט פון אַ לעבנס־לאַנגער פאַרבונדנקייט.

זישע האָט איר געפרעגט:

„שיינדעלע קרוין, וואָס וועל איך טאָן מיט זיך?"

„נאַרעלע" — האָט זי אים געענטפערט — „אונדזער שטענדיק צוזאַ־מענזיין וועט זיין די שענסטע טוּונג, און אַז עס וועט זיך דיר פאַרבענקען נאָך דיין פידעלע, וועסטו שפּילן פאַר מיר, און ווען דו וועסט זיך פאַר־בענקען נאָך חתנים און כּלות, וועסט דו זיין דער חתן און איך די כּלה".

אָן ווייטערדיקע טענות האָט ער געטאָן, וואָס שיינדעלע האָט פון אים פאַרלאַנגט. ער האָט געלאָזט וויסן זיין זון ישׂראל־איטשען, אַז נאָך סוכּות מאַכט ער אַ מלווה־מלכּה, און דעמאָלט וועט ער אים, דעם איינציקן זון זיי־נעם, איבערגעבן די קלעזמערישע מלוכה.

דער זון איז ווי געפּלעפּט געוואָרן. זי, די מאַמע ע"ה, האָט זיך אַריינגעמישט און געזאָגט צו אים:

„קינד מיינס, נעם אַראָפּ דעם עול פונעם טאַטן, וועסטו דערמיט פאַר־לענגערן זיינע יאָרן. און חוץ דעם, זאָל ער נאָךביים לעבן זען דעם נחת פונעם זון זיינעם".

וואָס פאַרא מלווה־מלכּה דאָס איז געווען — איז שווער צו שילדערן. זישע האָט זיך נישט געריכט אויפן אומגליק — אַז איר אָפּשיידן זיך פון אים איז אַזוי נאָענט.

זיין שנור זעלדעלע, מיט אַלע קלעזמערישע ווייבער און זייערע טעכ־טער און שנורן, האָבן זיך געגרייט און געפּאַרעט ביים צוגרייטן די מלווה־מלכּה, ווי אַ נגידישע חתונה.

ווען ס׳איז געקומען יענער שבת־צונאַכטס, האָבן זיך די קלעזמאָרים מיט זייערע ווייבער און קינדער אויסגעזעצט ביי די טישן, די געדעקטע מיט אַלערליי געטראַנקען. שיִע קצב איז געווען דער שׂר המשקים, ער האָט מיט זיינע לאַנגע הענט דערלאַנגט די כּוסות צו די מענער, וואָס זע־נען געזעסן רעכטס און צו די פרויען, וואָס זענען געזעסן לינקס; די שטוב איז געווען באַלויכטן מיט לאָמפּן און ליכט.

שיִע קצב מיטן ווייב האָבן אים מיט זיין שיינדעלען געפירט, ווי חתן־כּלה, צום אויבנאָן פון טיש, וווּ ס׳איז טאַקע געלעגן אַ גרויסע געפלאָכ־טענע חתונה־חלה. לעבן אים האָט זיך אַוועקגעזעצט זייער זון ישראל־איטשע. זיין ווייב זעלדעלע און נאָך עטלעכע ווייבער זענען געווען די סאַרווערקעס. דער איינציקער מחוץ דער קאַפּעליע איז געווען דער בדחן, דער לאַנגער דוד, וואָס איז שוין פון לאַנגע יאָרן ווי צוזאַמענגעוואַקסן מיט דער קאַפּעליע, ווייל אויסער דעם, וואָס זיי שפּילן און הערן אים אויף אַלע חתונות, האָבן זיי אים סתּם ליב אַהבת־נפש. דאָס בדחנות ביי אים איז ווי אַ הייליקע עבודה. כאָטש פריִער, ביי זיין שניידעריי, האָט ער געהאַט אַ בע־סערע און זיכערע פּרנסה, האָט ער קיין מאָל, זינט ער איז געוואָרן בדחן, נישט באַקלאָגט זיך אויף זיין אָרעמקייט. אים האָט שיִע קצב אַוועקגע־זעצט לעבן זישען און זיין זון, דעם נייעם קאַפּעל־מייסטער.

אַלע קלעזמאָרים האָבן מיט זיך געבראַכט זייערע כּלים. ביים ערשטן „לחיים״ האָבן זיי זיך אויפגעשטעלט מיט די אינסטרומענטן אין זייערע הענט. דוד בדחן האָט מיט זיינע נייע, ערשט פאַרפאַסטע גראַמען לכבוד זישען און זיין שיינדעלען ע״ה, זיי באַזונגען, ווי אַ חתן און אַ כּלה צום באַדעקנס. די קאַפּעליע האָט דודן באַגלייט מיטן אונטערברומען פון די

טראָמפּייטן, מיטן שטילן אונטערשפּילן פון די פידלען און באַסן און מיטן אונטערפייפן פון די פלייטן און קלאַרנעטן. נאָך דעם האָט דוד בדחן גע־הייסן אויפשפּילן אַ געזעגענונג־וויוואַט פאַר זייער אַלטן קאַפּעל־מייסטער, און זישע האָט מיט יעדע פידל און סמיטשיק קאָמאַנדעוועט מיט זיין קאַ־פּעליע דאָס לעצטע מאָל.

די קלעזמאָרים האָבן דעמאָלט אַזוי געשפּילט, אַז זישע אַליין האָט זיי נישט דערקענט. אַזאַ מאָדנע זיסקייט האָט זיך געלאָזט הערן אין די איי־דעלע טענער פון זייערע פידלען, ווי אַ פאַרבענקט געוויין. ישׂראל־איטשע איז אויפן פלייטל זיינעם זיך פאַרגאַנגען, ווי אַ פויגל אינעם וואַלד, און דערביי געקוקט אויפן פאָטער: ער, ישׂראל־איטשע, וועט דאָך באַלד אי־בערנעמען פון אים די קרוין ווי דער נייער קאַפּעל־מייסטער. אָבער דער פאָטער האָט געשמייכלט ברייטלעך, נחתדיק, כאָטש אים האָט זיך געוואָלט וויינען...

אַזוי זענען זיי זיך פאַרגאַנגען אין זייער שפּילן ביי יענער מלווה־מלכּה ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין; אַפילו די טייערע שיינדעלע האָט פאַרגעסן אירע מיחושים. ווייל זייער שפּילן יענע נאַכט איז נישט געווען פאַר אַנדערע מענטשן, ווי אויף אַ חתונה, אָדער אַ באַל, — דאָס האָבן זיי געשפּילט ביים געזעגענען זיך מיט זייער באַליבטן קאַפּעל־מייסטער, וואָס האָט נאָך געשפּילט מיט זייערע טאַטעס און מיט זייערע ברידער.

נאָכן פאַרענדיקן זייער שפּילן לכּבוד אים, האָט זישע אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אויף אַ מינוט, ווי ער וואָלט געהאַט אַ יישוב־הדעת מיט זיך. ער האָט גענומען די אַלטע משפּחהדיקע פידל און סמיטשיק, זיך אויסגע־דרייט צום זון זיינעם, אים איבערגעגעבן און ישׂראל־איטשען געקרוינט פאַר דעם נייעם קאַפּעל־מייסטער.

די פידל האָט ער געקריגן בירושה פונעם טאַטן זיינעם ע״ה. ווער ווייסט ווי אַלט זי איז שוין, אפשר אַזוי אַלט, ווי די שול. מיט די טענער פון דער דאָזיקער פידל, קאָן זיין, האָט זיינס אַן עלטער־עלטער־זיידע גע־פירט חתן־כּלה צו דער חופּה ביי דער ערשטער חתונה דאָ אין שטעטל. און אפשר האָט ער אויך צוגעשפּילט צו דער ערשטער אַריינפירונג פון אַ

ספר־תורה אין דער ערשט־אויסגעבויטער שול מיט פיר הונדערט און פופציק יאָר צוריק?

ער האָט געבעטן זיין זון אָוועקצולייגן דאָס פליטל, דאָס פאַרשייטע אינסטרומענטל, וואָס ער האָט אויף דעם אַזוי וויליונגעריש, מיט אַ פאַר־מאַכט אייגל, ליב געהאַט אויסצושפּילן די פאַרשידענע חופּה־מאַרשן, די מיצווה־טענצלעך און די „אין כאלוהינו"ס פאַרן לייגן־פירן, און להבדיל, די גויִישע פאָלקע־מאַזורקע־פייערדיקע טענץ, בעת וועלכע מען קלאַפּט צו מיט די פיס, אַז די ווענט ציטערן. דערביי האָט ער געזאָגט צו זיין זון:

„עס פּאַסט נישט פאַר אַ קאַפּעל־מייסטער צו שפּילן אויף אַ פליטל. דרך־ארץ האָט מען נאָר פאַר דער פידל, די אַלטע ווינערקע".

דער בדחן, דער לאַנגער דוד, האָט דאָס מיט זיינע גראַמען אַזוי אויס־געציקלט אויף זיין נידעריקן טיפן באַס:

די פידל שפּילט דאָס ווייַנענדיקע לידל,
פון אַלטע ביטערע צייטן,
און וועט אַזוי וויינען ביז אין ווייטע ווייטן,
ביז משיח וועט קומען אויף זיין אייזעלע צו רייטן!

ישׂראל־איטשע האָט גענומען פון פאָטערס אויסגעשטרעקטע הענט די פידל מיטן סמיטשיק און אָנגעלענט דעם קאָפּ אויפן רעכטן אַקסל, ווי אַמאָל אַ קינד, ווען ער פלעגט אים אויף זיינע הענט טראָגן. זישע האָט געגלעט זיין זון און זיך באַמיט צו באַהערשן זיך. ער האָט געזען, ווי שיינדעלע ווישט זיך אירע אויגן. און כאָטש דאָס האַרץ זיינס האָט מיט־געוויינט, האָט ער מיט אַ געמאַכטער שטרענגער מינע געזאָגט:

„זון מיינער, ס'פּאַסט נישט פאַר אַ קאַפּעל־מייסטער צו זיין אַ ווייכע לעמעשקע. אַ קאַפּעל־מייסטער מוז זיין שטרענג מיט יעדן שפּילער, ווי עס זענען עס געווען דיין טאַטע און דיינע זיידעס. אָבער די פידל טאָר אויך נישט זיין ווי אַ בייטש, נאָר ווי אַ צייכן פון אחדות, פונקט ווי די סטרונעס, וואָס גיבן אַרויס פון זיך פאַרשידענע טענער, און דאָך ליגן זיי

אַלע צוזאַמען אויף איין קלאַפּע. און פאַר וואָס איז דאָס קעפּל פון דער פּידל אַ ביסל אַרונטערגעבויגן? דאָס איז אַ דערמאָנונג, נישט צו קאָמאַנדעווען מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ, נאָר זיין ווי אַ חבר מיט אַלע קלעזמאָרים פון דער קאַפּעליע, געטריי צו אונדזער גזע, ווי אונדזערע אָבות האָבן זיך געפירט. דעמאָלט וועט אונדזער קאַפּעליע זיין געבענטשט פון גאָט און פון לייט מיט אַריכות ימים און מזל־ברכה".

אַלע קלעזמאָרים מיטן בדחן האָבן געשאָקלט מיט די קעפּ און גע־זאָגט: „אָמן סלה". זיי האָבן אויפגעשפּילט און געזונגען „אליהו הנביא, אליהו התשבי". זישע האָט זיי דערלאַנגט סידורים, אויפגעמישט די בלע־טער מיט די זמירות, און אַלע האָבן גענומען זינגען, נישט ווי קלעזמאָרים, נאָר ווי אמתע חסידים, — מיט התלהבות און ברען.

ביים געזעגענען זיך האָט ש׳ע קצב, וואָס האָלט זישען, ווי די אי־בעריקע קצבים, פאַר אַ גרויסן למדן, אים געבעטן צו געבן זיי דעם באַשייד און באַדייט פון פראַווען ביי די חסידים מלווה־מלכּה. זישע האָט זיי געענטפערט, אַז דער עיקר טעם דערפון איז, כּדי אויסצוציִען ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין דעם מוצאי־שבת מיט זמירות און פריילעכקייט צוליב דער קדושה פונעם שבת. און ווער פילט עס נאָך דעם טעם פון אָט דער פרייד אַזוי שטאַרק, ווי ייִדישע קלעזמאָרים?

און זישע האָט זיי דערציילט: ער האָט נישט לאַנג צוריק געזען אין דעם סידור פון רבי יעקב עמדין, זכרונו לברכה, אַז אין יעדן מענטשן איז פאַראַן אַ קלייןביינדל לעבן נאַקן, וואָס מען רופט עס „ליז". דאָס ביינדל איז ווי אַ קנופּ פון דער שדרה, טייל רופן עס „נס בו". דאָס קליינע ביינדל איז אַנדערש ווי אַלע אברים מיט דעם, וואָס עס נערט זיך נישט די גאַנצע וואָך, אַפילו שבת. עס דערנערט זיך בלויז פון דעם עסן פון דער מוצאי־שבתדיקער סעודה ביי מלווה־מלכּה. פון אָט דעם אייבערשטן שדרהדיקן ביינדל איז געבויט דער גאַנצער גוף. ווען אַלע אברים פון דעם מענטשן ווערן פאַרפוילט אינעם קבר, בלייבט איבער בלויז דאָס ביינדל, וואָס פון דעם וועט זיך אָנהייבן דאָס אייביקע לעבן ביי תחית־המתים.

זישע האָט מוסיף געווען, אַז אין זיין עלטער, ווען מען שטייט שוין מיט איין פוס אינעם קבר, האָט ער ערשט דערזען, ווי שטאַרק מען דאַרף אָפּהיטן דאָס קליינע ביינדעלע, וואָס פאַסט נעבעך די גאַנצע וואָך. ס'איז נאָך אַ גרעסערער פאַסטער אַפילו, ווי אונדזער רב.

די מלווה־מלכּה האָט זיך פאַרענדיקט כּמעט שוין פאַר טאָג. זישע און שיינדעלע האָבן זיך מיט זיי געזעגנט, ווי טאַטע־מאַמע מיט אייגענע קינדער. דאָס אומאויפהערלעכע ווינטשן „אַ גוטע־וואָך" האָט מען גע־הערט אין מאַרק און אין די אַרומיקע געסלעך.

זעליג קופּע, דער וואַסערטרעגער און פּויקער, האָט אַלעמען איבער־געשריגן:

„אַ גוטע־וואָך! מיט אַ סך נגידישע חתונות! מיט מחותּנים, וואָס וועלן ביי די מיצווה־טענצלעך געבן באָקי באָקי דעצעמלעך און באָקי באָקי באַלאַני". — אויפן קלעזמערישן לשון מיינט דאָס: צוויי מאָל גריוונִיקלעך און צוויי מאָל גילדנדלעך.

אליעזר קופּערמאַן

# קאַפּיטל פופצן

זישע האָט צוגעלייגט זיין רעכטע דלאָניע צום שטערן, דעם גע־קאָרבטן, ווי די קאָרע פון אַן אַלטן בוים, גלייך ווי ער וואָלט זיך געוואָלט דערמאָנען עפּעס. די אויגן זיינע — האַלב־געשלאָסן. נאָך אַ מינוט אָדער צוויי האָט ער אַראָפּגעלאָזט די הענט אויף זיינע קני׳ען און אָנגעהויבן: „ווען איך וואָלט וועלן דערציילן וועגן זיידן דוד, פון די אַלע יאָרן, וואָס איך האָב אים געקענט, וואָלט איך באַדאַרפט זיצן אַ יאָר מיט אַ מיטוואָך, ביכער גאַנצע וואָלט מען געקאָנט אָנשרייבן וועגן אים, דער עיקר וועגן זיין אויפפירן זיך מיט מענטשן, וואָס נישט אַלע האָבן פאַרשטאַנען״.

זיין ליבשאַפט צו מענטשן איז געווען אין לשער, אָבער ער פלעגט בייזערן זיך ביים אַריינקומען צו אַ יידישן חולה און געטראָפן אים ליגן אויף אַן אומריין בעט, מיט ברודיקע ציכלעך אויף די קישנס און אַ שמוציק ליילעך. ער פלעגט קלאַפּן מיטן זילבערנעם שטעקן זיינעם, מ׳זאָל אים גלייך געבן ריין־געוואַשענע זאַכן. נישט געווען קיין ליילעך, איז אַ טיש־טעך געוואָרן אַ ליילעך; פון אַ ריינער ספּאָדניצע איז געוואָרן אַ ציך. ער פלעגט צוהעלפן די מענטשן פון שטוב אָפּציען די ברודיקע זאַכן און טוישן אויפן ריין־געוואַשענעם. ער האָט געהייסן זיך געבן אַ טאָפּ וואַרעם וואַסער אַרומצווואַשן דעם חולה פון קאָפּ ביז די פיס, געגעבן אַ באַפעל, אַז אַנ־שטאָט זיצן און וויינען, און לויפן רייסן קברים, זאָלן זיי בעסער אויס־וואַשן דעם דיל, אַלץ אינעם הויז, און געוואַשן זאָל ווערן מיט הייס וואַ־סער און זייף. ער פלעגט שרייען, אַז ווען גאָט שיקט דעם מלאך רפאל צום בעט פונעם קראַנקן, כדי אים צו ברענגען די רפואה שלמה, איז ווי נאָר ער קומט אַריין אין אַן אומריין הויז, ביים דערשפּירן דעם מינדסטן עיפּוש, אַנטלויפט ער ווו דער פעפער וואַקסט. אַ מלאך, וואָס לעבט אין די הימלען, אַרום דער לויטערקייט פון דער שכינה, קאָן נישט אַריינ־שטעקן זיין מלאכישע נאָז אין אַן עיפּושדיק הויז. און טאָמער איז אין

גאַנצן נישט געווען קיין ריינע זאַכן, פלעגט ער אַהיימלויפן און ברענגען זיין אייגענע איבערצוג.

ער האָט געפועלט ביי דער חברה „לינת הצדק", וואָס שיקט מענטשן צום וואַכן ביי נאַכט ביי די קראַנקע, צו באַזאָרגן יעדן אָרעמען חולה מיט אַ ריין בעט. אַז נישט — האָט ער געדראָט דער חברה — וועל איך מער נישט גיין צו די קראַנקע.

„דאָס רעדט זיך נאָר אַזוי" — האָבן די פון דער חברה אים צוריק־געענטפערט — „איר סטראַשעט בלויז. מיר קענען אייך, ר' דוד. איר וועט לויפן אין מיטן נאַכט היילן אַ מענטשן. אָבער גערעכט זענט איר. מיר וועלן שאַפן צווישן זיך וויפל מיר וועלן קאָנען, דאָס איינצאָלן ביי ר' אָשר הערצן אינעם שניט־געשעפט. דאָס איבעריקע וועלן מיר אים צו ביסלעך אויסצאָלן. אַבי שרייט נישט און האַלט אייך נישט צו די נאָז מיט די פינגער, ווען איר קומט אַריין צו די אָרעמע חולאים".

רב אין שטאָט איז דעמאָלט געווען ר' גרשון העניך ז"ל, דער איינ־פירער פון תכלת אין די ציצית, נאָכן געפינען דאָס בלאָע זעלטענע ווערעמל, סאַלאַמאַנדרע. דער רבי האָט דעמאָלט געפירט דעם שטאָט פון אַ פּרינץ, געפאָרן אין אַ קאַרעטע, געשפּאַנט מיט דריי פערד נאַשפּיץ. מ'האָט גע־מורמלט אין שטאָט, אַז ער האַלט זיך פאַר אַן אָפּשטאַמיקער פון דוד המלך. ביים באַגעגענען אים, דעם זיידן דוד, האָט ער אים מכבד געווען מיט אַ ברייטן רבנישן „יישר כּוח" פאַרן פועלן ביי דער חברה „לינת הצדק", וואָס ער האָט פאַרלאַנגט.

דער זיידע דוד זאָל אים האָבן געענטפערט, אַז ייִדן, אַן עם סגולה וגוי קדוש, האָבן געמעגט האַלטן ריין נישט בלויז די נשמות, נאָר אויך די גופים, ווייל קדושה מיט פאַרלייזיקטע קערפּערס, איר זאָלט מיר מוחל זיין, רבי, זענען קיין פּאָר נישט.

ער האָט זיך באַמיט ביים בורמיסטש (בירגערמייסטער) פון שטעטל און ביים נאַטשאַלניק אין אַפּט, מען זאָל שטעלן מער רייניקער אין שטעטל און די פּאָליציי זאָל מער אַכטונג געבן אויף דער ריינקייט אין די הויפן און גאַסן.

ער פלעגט זאָגן, אַז ווען ער וואָלט געווען אַ נאַטשאַלניק, וואָלט ער איינגעפירט, אַז איין מאָל אַ חודש זאָל מען אַרויסיאָגן אַלע איינוווינער פון שטעטל אויף די אַרומיקע פעלדער און מאַכן אַ ביעור חמץ אין אַלע הייזער: אויסשייערן די שטיבער, נישט וואַרטן אויף איין מאָל אינעם יאָר — ערב פּסח. דעמאָלט וואָלטן געווען ווייניקער חולאתן און חולאים.

דער פּראָסטער עולם האָט אים ליב געהאַט, אָבער אויך געקוקט אויף אים מיט אַ ביסל בייזקייט, צוליב זיינע גזרות און זיין משוגעת אויף ריינקייט.

משהל, פּנחסעס פאָטער, האָט אַ שמייכלדיקער געזאָגט צו זישען:

ר׳ זישע, זייט מיר מוחל פאַרן איבערשלאָגן אייערע רייד. דער זון מיינער, כאָטש ער האָט דעם ריידן זיינעם נישט געקענט, איז ער דאָך דער זיידע מיט די ביינער. ווייזט אויס, אַז ס׳איז אַ ירושה־זאַך. פרעגט נישט, וואָס מיר פלעגן זיך אויסליידן פון אים פון קינדהייט אָן. ער פלעגט כאַפּן די גרויסע באַליע, אַריינגיסן טעפּ מיט וואַסער און אַרומ־שווימען דאָרט מיט אַ שטיק זייף אין האַנט. שפּעטער פלעגט ער חוזקן פון די מלמדים זיינע, הלמאַי זיי קראַצן זיך הינטער די בערד און מיטן טייטל קראַצן זיי די פּלייצעס. ביים עסן פלעגט ער איבערדרייען מיטן לעפל צען מאָל דאָס געקעכטס, צי געפינט זיך נישט דאָרט קיין שטוי־בעלע. טאָמער האָט ער עפּעס דערשנאַפּט, עסט ער נישט און פאַרטיק״,

זישע האָט אָפּגעענטפערט משהלען:

דערפאַר טאָקע האָסטו אים ליבער פון אַלעמען, ווייל ער געראָט אַריין אין זיין זיידן ז״ל. דער זיידע דיינער — האָט זישע זיך געווענדט צו פּנחסן — איז געווען, ווי אַ שטורעמדיקער טייך. קיין זאַך האָט אים נישט צופרידנגעשטעלט. ער האָט געהאַט כבוד פון אַלע זייטן — פון יידן, לומדים און גבירים, ווי פון פּראָסטע בעלי־מלאכות און טרעגער, און אַזוי, להבדיל, ביי די גויים — פונעם אָרעמסטן פּויער ביז די גרעסטע פּריצישע גראַפן. ער האָט געלעבט ווי אַ מאַגנאַט, אָבער שטענדיק איז ער געווען אַליין, אָן פריינד און אָן חברים. ער איז געווען גוט צו דער משפחה און צו אַלעמען, אָבער ער האָט זיך נישט דערנענטערט צו קיינעם.

ער האָט ליב געהאַט חסידות. ער פלעגט זאָגן, אַז חסידות הייבט אויף דעם מענטשן ביז די הימלען, און דורך דעם ווערט געשטאַרקט נישט בלויז דער גוף און די נשמה, נאָר אַפילו דער חומר אַליין ווערט רוח־ניותדיק. צו אַזאַ מדרגה, פלעגט ער זאָגן, איז די גוישע וועלט נישט דערגאַנגען, און זי וועט צו דעם קיין מאָל נישט דערגיין. אָבער מיטלעבן מיט זיי, מיט די חסידים, האָט ער נישט געקאָנט. דער קאָפּ זיינער האָט די גרויסקייט און טיפקייט פאַרנומען, אָבער דאָס האַרץ זיינס איז נישט געווען דערביי.

ער האָט אַ מאָל געזאָגט צום טאַטן מיינעם:

„לאָזער! ווען איך וואָלט נישט געפילט די אַחריות און רחמנות אויף די חולאים דאָ, וואָלט איך אַנטלאָפן פון דאַנען אין מיטן נאַכט, ווו די אויגן וועלן מיר טראָגן. ווו אַהין — ווייס איך אַליין נישט".

דערפאַר, קאָן זיין, האָט אים גאָט געשטראָפט פאַרשניטן צו ווערן ווען ער איז נאָך קיין פופציק יאָר נישט אַלט געווען. ער איז אַוועק פון דער וועלט אַ פאַרשעמטער, מיט אַ צעבראָכן האַרץ.

*

אין אַ פראָסטיקער נאַכט איז פאַרפאָרן פאַר זיין הויז, אויף דער אייבערשטער צייל, אַ קאַטש, מיט איינעם פון די גראַפן, דער יאַשני־וויעלמאַזשני גראַף ציעכאַטשינסקי פון אַרום צויזמער. דער גראַף איז אַריינגעקומען אין זיין שאַפּענעם פעלץ און ווידרענעם פוטערנעם הויכן היטל. דער זיידע דוד האָט אים אויפגענומען מיט גרויס כבוד, אָבער אויך מיט פאַרוואונדערונג, וואָס ער אַליין איז צו אים געקומען, אַנשטאָט, ווי אַלע מאָל, צו שיקן אַ בריטשקע נאָך אים. ביים אויפנעמען אים אין דער סאַליע, האָט דער גראַף געבעטן, ער זאָל אַרויסשיקן דאָס ווייב זיינס, גיטעלע, ווייל ער וויל פאַרבלייבן מיט אים אַליין. ווען דאָס איז געשען, האָט דער גראַף זיך אויפגעשטעלט פון דער שטול און אָנגעהויבן שפּאַנען איבער דער סאַליע הין און צוריק, מיט די הענט אין די הויזן־קעשענעס. דאָס האָט געדויערט עטלעכע מינוט.

אויס דרך־ארץ צו אים, האָט אויך דער זיידע דוד זיך אויפגע־שטעלט און געוואַרט מיט האַרץ־קלאַפּן צו הערן וואָס דער גראַף וויל פון אים. דער גראַף האָט זיך דערנענטערט צו אים, אַרויפגעלייגט זיין רעכטע האַנט אויפן זיידנס לינקן אַקסל און אים געהייסן נעמען מיט זיך די אינ־סטרומענטן, וואָס ער באַנוצט ביים אויפשניידן אַ מכּה אויפן האַלדז.

ער, דער זיידע, האָט גלייך דערקענט, אַז דער גראַף באַהאַלט עפּעס פון אים. ער האָט געפּרוּווט אויספרעגן מיט גרויס איידלקייט, ער זאָל אים זאָגן וואָס ס'איז געשען. און דאַן האָט דער גראַף באַפוילן מיט שטרענג־קייט:

„דאַוויד! נעם די אינסטרומענטן און קום ראַטעווען מיין איינציקע טאָכטער פון דער שאַנדע, וואָס האָט אונדז געטראָפן. זי איז פאַרגאַנגען אין טראָגן פון אַ פּויערישן כאַם, מיין עקאַנאָמס אַ זון. קום, ראַטעווע די ערע פון דיין פּריץ"...

דער זיידע האָט אים אָנגעהויבן בעטן, אַז ער זאָל פאַר אַזאַ זאַך נעמען איינעם פון די דאָקטוירים דאָ, אָדער פירן די טאָכטער קיין וואַרשע:

„איך בין דאָך נאָר אַ פעלדשער, איך קאָן דאָס נישט טאָן און איך טאָר דאָס נישט טאָן!"

דער גראַף האָט אָנגעהויבן טופּען מיט די פיס:

„ווי וואַגסטו מיר אָפּצוזאָגן אין מיין נויט?"

דעם זיידנס ענטפער איז געווען:

„ניין, כ'וועל נישט שטעלן דיין קינדס לעבן אין געפאַר".

דער גראַף האָט זיך צוריקגעזעצט אין זיין שטול מיט אַן אַראָפּגע־בויגענעם קאָפּ, צוגעלייגט זיינע צוויי הענט צום פּנים, און געבעטן:

„דאַוויד, דאַוויד! ראַטעווע אונדז פון אונדזער אומגליק! נאָר דיר פאַרטרוי איך דעם סוד פון אונדזער שאַנדע".

דער זיידע, גערירט פונעם פּריצס צער, האָט איינגעפּאַקט זיינע מכשירים, זיך אָנגעטאָן דעם פעלץ מיטן קאַראַקולענעם היטל, אַריין מיטן פּריץ אין דער קאָטש. דער פאַרנאַל, אין זיין בלויער ליבעריע מיט די מעשענע קנעפּ, האָט זיי צוגעדעקט די פיס מיט אַ פוטערנער דעקע, צוגע־

מאַכט די טיר, אַרויף אויף דער הויכער קעלניע, אַ צי געטאָן מיט די לייצעס די פיר פערד, ווי די לייבן, און איז מיט אַ בליץ־שנעלקייט אַרויף אויפֿן אַפּטער שאָסיי, וואָס האָט זיי געפירט צום גראַפס גוט.

נאָך זייער אָנוואָרעמען זיך מיט דער הייסער טיי און פראַנצייזישן קאָניאַק, האָט דער גראַף אים אַריינגעפירט אין זיין טאָכטערס שלאָפצימער. זי, מיטן קינדישן פּנים, מיט די צעלאָזטע העל־בלאָנדע האָר איבער אירע ווייסע אַקסלען, האָט זיך אויפגעזעצט אינעם בעט. זי האָט דערקענט דעם רופא זייערן, וואָס קומט צו זיי אין הויף ווען עמעצער ווערט קראַנק. אינעם רויטן ליכט פונעם קליינעם בודואַר־לעמפּל האָט מען נישט דערקענט איר בלייכקייט. דוד איז צו צום בעט, זיך מיט איר געוויטעט, און זי געפרעגט וואָס זי מאַכט. זי האָט זיך פאַרשעמט, אַראָפּגעלאָזט אירע בלויע אויגן אויף איר רונדן בוזעם אין איר זיידענעם שלאָפהעמד. דוד האָט געוואָלט אַרויסגיין, אָפּלייגן דאָס אָפּטרייבן אויף מאָרגן אין דער פרי. אָבער דער גראַף האָט דעם רופא געבעטן דאָס צו טאָן תּיכּף.

„איך וועל דיך נאָך היינט ביי נאַכט צוריקפירן אַהיים, כּדי קיינער זאָל דיך דאָ נישט זען. אַלע פאַראַבקעס און פויערים סודען זיך שוין זינט איך האָב אַרויסגעטריבן דעם עקאָנאָם מיטן זונדל זיינעם, וואָס האָט מיין איינציקע טאָכטער, די קרוין פון מיין קאָפּ, פאַראומגליקט".

דער זיידע דיינער, דוד (כ'האָב דאָס אַלץ געהערט פונעם פריץ מיט יאָרן שפּעטער, ווען כ'האָב געשפּילט אויף אַ באַל ביי אים און ער איז געווען גוט פאַרשניאַשקעט), האָט זיך אויסגעטאָן זיין שוואַרצן ראָק, זיך פאַרקאַטשעט די אַרבל פון העמד, זיך געוואַשן די הענט אין דער פאָרצע־לייענער גרויסער שיסל, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ מאַרמאָרנעם טישל אין אַ ווינקל פון שלאָפצימער.

דוד האָט אַרויסגענומען זיינע עטלעכע שטאָל־פאַרזילבערטע מכשירים און געבעטן דעם פריץ דאָס אויסצוקאָכן אין וואַסער.

דער פריץ, נישט אויפצוזוועקן די דינסטן, איז געגאַנגען אויף די שפּיץ פינגער, געבראַכט אַ ווייס־געגלייזט טעפּל מיט וואַסער און אַ שפּירט־לעמפּל און האָט די אינסטרומענטן גוט אויסגעקאָכט. דער רופא איז צו

צו דער טאָכטערס בעט, אַ גלעט געטאָן איר הויכן שטערן, וואָס איז גע־
ווען פייכט פונעם קאַלטן שווייס.

ער האָט פּאַמעלעך, מיט איידלקייט, אַראָפּגעצויגן די ווייס־זיידענע קאָלדרע פון איר און זי אויפגעהאָנגען אויף די צוויי שפּיצן פונעם בעט ביי אירע פיס. ביים אויפהייבן איר העמד, האָט ער עס איבערגעלייגט ווי אַ טיול איבער אירע אויגן. דער גראַף האָט אַנידערגעקניט מיטן פּנים צו דער וואַנט, ווו עס איז געהאָנגען דאָס יעזוס־בילד.

דוד רופא האָט אַלץ געטאָן מיט גרויס פּאַרזיכטיקייט, לויט אַלע כּללים פון דאָקטערישער קענטשאַפט. ער האָט געאַרבעט מיט אַלע זיינע כּוחות אָפּצושטעלן דעם בלוטשטורץ מיט גאַזע, יאָדינע און וואַטע, אָבער דאָס בלוט האָט געפּלייצט ווי אַ שטראָמיקער קוואַל. ער האָט אויפגעדעקט מיט זיין לינקער האַנט איר פּנים, וואָס איז געוואָרן בלוי און געל ווי ביי אַ מת, איר דופק האָט געקלאַפּט שוואַכער און שוואַכער. און באַלד האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ קורצן געשריי צום גראַף:

„יאַשני וויעלמאַזשני! שפּאַן איין די שנעלסטע פערד, לויף, ברענג די צוויי דאָקטוירים פון שטאָט!"

דער גראַף, בלייך ווי די וואַנט, ביים דערזען זיין האַלב־טויטע טאָכ־
טער און דאָס בעט פאַרפּלייצט מיט בלוט, האָט זיך געבראָכן די הענט. ווען די דאָקטוירים זענען געקומען, האָבן זיי זי געפונען אין די לעצטע מינוטן פון גסיסה. אַלע זייערע מיטלען האָבן נישט געהאָלפן. זי איז גע־
בליבן ליגן שטייף, מיט אַ ווייסן שוים אויף אירע בלויע ליפּן און אויס־
געהויכט דעם לעצטן אָטעם.

דיין זיידע, דער רופא, איז צוריקגעפאָרן מיט די דאָקטוירים אין שטאָט אַריין.

דעם עקאָנאָמס זון מיכאַלעק, העלענעס געליבטער, דער פּאַרטריבענער מיט זיינע טאַטע־מאַמע פונעם הויף, איז יענע נאַכט, ווי דאָס האַרץ זיינס וואָלט אים אונטערגעזאָגט, אַז עפּעס שרעקלעכס געשעט מיט זיין געליבטער העלענע, געלעגן הינטערן פענצטער פון איר שלאָפצימער. ער

האָט איינגעשטעלט דערשאָסן צו ווערן פונעם גראַף. ביים אַרויסטרייבן זיי פונעם הויף, האָט ער זיי געוואָרנט:

„אויב מיכאַלעק וועט זיך באַווייזן אין מיין הויף, וועל איך אים דערשיסן ווי אַ משוגענעם הונט".

מיכאַלעק האָט געזען פון הינטער אַ בוים אַקעגן איר צימער דאָס אָנקומען פונעם גראַף מיטן זיידן דוד, נאָך דעם דאָס לויפן זיינס נאָך האַלבער נאַכט ברענגען די צוויי דאָקטוירים. ער האָט געזען דאָס צוריקפאָרן פון אַלע דריי, בעת זיי זענען אַריין אין דער בריטשקע מיט זייערע שוואַרצע לעדערנע רענצלעך, אָן אַ וואָרט צו רעדן צווישן זיך.

מיכאַלעק האָט זיך אַרויפגעדראַפּעט אויף דער וואַנט, צום פענצטער פון העלענעס חדר, און אַ זעץ געטאָן מיט זיין פויסט אין אַ שויב. דאָס גלאָז האָט אַ בראַזג געטאָן און די צעפּלויגענע שטיקער זענען אַריין אינעם צימער. ער איז מיטן קאָפּ אַדורך דער צעבראָכענער שויב, זיך צעשניטן דאָס פּנים מיטן האַלדז, צוגעלאָפן צו העלענעס בעט, געקושט איר טויטן קאָפּ, אירע האָר און אויסגעבראָכן מיט אַ ווילדן יאָמער: „אָלאַ-באָגאַ". אַלע פונעם הויף זענען זיך צוזאַמענגעלאָפן, אַריין אין העלענעס צימער. די דינסטן און פּאַראָבקעס האָבן אויסגעבראָכן אין אַ געוויין, אַנידערגעקניט און זיך געצלמט ביי איר בעט.

דער סוד איז אַרויס מיט דער שנעלקייט פון אַ בליץ, זיך פאַרשפּרייט איבער די דערפער אַרום און אויך אין שטאָט. דער נאַטשאַלניק פונעם פּאָוויאַט אין אַפּט איז געקומען מיט עטלעכע פּאָליציאַנטן און זשאַנדאַרן אינעם הויף אַריין. ער האָט אויך מיטגענומען דעם סליעדאָוואַטעל (אויספאָרשער) און דעם מיליטערישן דאָקטער.

דער גראַף האָט די שולד גענומען אויף זיך. ער האָט אַלץ דערציילט און געבעטן נישט צו פּאַלמעסן זיין טאָכטער און אויך נישט צו אַרעסטירן דודן, דעם רופא, ווייל ער האָט אים געצוווּנגען דאָס צו טאָן.

„איך שווער אויף מיין האָנאָר און אויך ביי גאָט, אַז דער רופא דוד איז ריין פון יעדער שולד".

זיי האָבן דעם גראַף נאָכגעגעבן אי צוליב מיטלייד צו אים, אי צוליב זיין גרויסן יִחוס — און העלענען נישט געפּאַלמעסט.

נאָכן צונויפשטעלן דעם פּראָטאָקאָל, וואָס דער גראַף האָט אונטער־געשריבן, זענען זיי גלייך פאַרפאָרן אין שטאָט אַריין, האָבן זיך אָפּגע־שטעלט אויף דער אייבערשטער צייל פונעם מאַרק, ווו עס האָט געוווינט דער זיידע דוד, און אַריין צו אים מיט רוגזהדיקע פּנימער. דער נאַטשאַל־ניק האָט אים אָנגעכאַפּט ביי די קלאַפּעס פון זיין ראָק, אים געשאָקלט, אים גערופן מיט אַלערליי רוסישע זידלווערטער: „יודאַש, מערדער! כ'וועל דיך פאַרשיקן אויף אייביקער קאַטאָרגע!" אין דרויסן האָט זיך פאַרזאַמלט אַ גרויסער עולם און געקוקט מיט גרויס רחמנות אויפן זיידן, ווי מען פירט אים אַרויס אַ געשלאָסענעם אין קייטן.

דער גראַף איז באַלד נאָך דער לוויה פון זיין העלענען געלאָפן קיין אָפּטע. ער האָט געוואָלט איינלייגן זיין גאַנץ פאַרמעגן, כּדי צו באַפרייען דעם זיידן ביזן פּראָצעס. אָבער דער נאַטשאַלניק איז געבליבן האַרט ווי אַ שטיין. אויף אַלע געבעטן פונעם גראַף האָט ער געקלאַפּט מיט די פויסטן אויפן שרייבטיש און געשריגן, אַז ער מוז אָנלערנען די זשידעס נישט צו ברעכן אונדזערע צאַרסקע געזעצן.

דער גראַף האָט אין וואַרשע אָנגעשטעלט די גרעסטע אַדוואָקאַטן. מיט דער הילף פונעם גראַף וויעלאָפּאָלסקי איז ער אויפגענומען געוואָרן פונעם וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר, וואָס האָט אים צוגעזאָגט אַליין אויסצופאָרשן דעם פאַל. נאָך עטלעכע חדשים פון גאָר נישט פועלן, איז ער אַוועק קיין פּעטערבורג. דער גראַף האָט נישט גערוט, געלאָזט זיך קאָסטן אַ פאַרמעגן, און ענדלעך איז אָנגעקומען אַ באַפעל אַרויסצולאָזן דעם זיידן אויף אַ גרויסער קויציע.

דער זיידע דוד איז געקומען פונעם קרימינאַל אַ צעבראָכענער, איינ־געהויקערטער ווי אַ זקן, מיט אויסגעלאָשענע אויגן. ער האָט מיט קיינעם נישט אויסגערעדט קיין וואָרט און זיך אָפּגעזונדערט פון אַלעמען.

דוד רופא פלעגט אַראָפּגיין אינעם קליינעם בית־המדרשל, הינטער די שטיגן פון די צוויי גרויסע בתּי־מדרשים, ווו קיינער לערנט נישט.

בלויז אין די שבתים און ימים־טובים דאַוועגען דאָרטן די השכּמה־לייט: בעלי־עגלות, טרעגער, קצבים, פישער־הענדלער. די מייגסטע פון זיי זענען אויסגעדינטע סאָלדאַטן. אין די וואָכעדיקע טעג דאַוועגען זיי אויפן שפּרונג, ווי עס לאָזט זיך.

דאָרט איז דוד רופא געזעסן, ווי אַ שטומער, און מיט קיינעם קיין וואָרט נישט אויסגערעדט. ער איז געזעסן אַ פּאָרטיפּטער אין חושן־משפּט, רמב"ם, איבער די סוגיות וועגן אומברענגען אַ מענטשן בשוגג. אין די גאָר אַלטע צייטן האָט אַזאַ איינער ווי ער באַדאַרפט אַנטרונען אין אַן עיר מיקלט און דאָרט פאַרבלייבן ביזן טויט פונעם כּוהן־גדול. היינט, ווען עס איז נישטאָ קיין עיר מיקלט, איז דוד רופא געזעסן אינעם קליינעם בית־המדרש, אַ פאַרשטויסענער און אַ פאַרשעמטער, ביים הערן דאָס שושקען זיך פון די פּראָסטע מענטשן. ביים אַרויסגיין פון בית־מדרש האָבן זיי זיך געסודעט מיט דער בייזער כּוונה צו פאַרשאָפן אים ווייטיק: אַז דאָס זוכן און נישטערן פון דוד רופא אין די ספרים איז עפּעס נישט גלאַטיק. דעם גראָפס שיינע טאָכטער לאָזט אים נישט צו רו. ער זוכט אין די ספרים אַ פּאָרטל פון איר פּטור צו ווערן, אָבער ס'וועט אים נישט העלפן.

אין איינעם אַ ווינטער־פרימאָרגן, האָט מען דוד רופא געפונען אין קליינעם בית־המדרשל אַ טויטן, מיטן קאָפּ אָנגעלענט אויף אַן אָפענער גמרא. לעבן אים איז געלעגן אַ קליינער צעטל, און געשריבן איז דאָרט געווען בזה הלשון: „איך, דוד בן ר' יצחק, בין חייב מיתה דורכן עובר זיין אויף שפיכת דמים, און דערצו איז עס געטאָן געוואָרן פון מיר צו אַ נישט־ייִד, און דורך דעם האָב איך אויך גורם געווען צו אַ חילול־השם".

נאָך דער לוויה האָבן טייל מענטשן שטילערהייט געמורמלט אינעם אַלטן בית־המדרש, אַז דוד רופא, דער גרויסער קענער אין הלכות דאָקטאָריע, וואָס האָט אַליין צונויפגעשטעלט רפואות, בעסער ווי דער אַפּטייקער זשאַקאָווסקי, האָט, מן הסתם, אַראָפּגעשלונגען איינס פון יענע פּראָשעקלעך, וואָס זענען זיסער פון צוקער און ביטער ווי דער טויט. אָבער סיי די משפּחה, אַזוי דאָס גאַנצע שטעטל, זענען געווען זיכער, אַז זיין טויט איז געקומען פון האַרצווייטיק.

# קאַפּיטל זעכצן

אין איינעם פון די שמועסן האָט זישע זיך צערעדט וועגן שיינדעלען:
זי איז געשטאָרבן ווי אַ צדיקת, אין חמישה עשׂר באָב. בעת דער לוויה האָב איך געהאַט אַ ווילן אַריינצושפּרינגען אין איר קבר אַריין. דאָס שרעקלעכסטע אומגליק פאַר אַן אַלטן מענטשן איז אָפּגעריסן צו ווערן פון אַ ווייב און צוריקגיין אַליין אַהיים צו די פיר ווענט.

עס וועט נישט העלפן, — האָב איך געטראַכט, — דאָס אָוועקגעבן דאָס בעט, אירע קליידער, שיך און אַלע אַנדערע זאַכן, די הויז־חפצים, וואָס זי האָט, מישטיינס געזאָגט, אָנגעקליבן דאָס גאַנצע לעבן, און אויך די אַלע איינגעמאַכטסן, וואָס זי פלעגט מאַכן יעדן סוף־זומער, און זיי האָבן זיך אָנגעקליבן אינעם קעלער.

די אייביקע נאַרישקייט פונעם מענטשן! מען מיינט, אַז נאָר די אַנ־דערע וועלן שטאַרבן, און אַליין וועט מען שטענדיק, אייביק, גיין צו יענעמס לוויות. אָבער מיט איר בין איך געווען, ווי מען זאָגט: „נפשי קשורה בנפשה״. איר לוויה איז ווי געווען אויך מיין לוויה.

איך בין נישט דער איינציקער. עס טרעפט אָפט, אַז מען נעמט זיך שטאַרק צום האַרצן, אַז דער איבערגעבליבענער מאַן אין זיין עלנט שטאַרבט אין אַ קורצער צייט אַרום. כ׳בין אַהיימגעקומען פון דער לוויה, געזעצט זיך שבעה אויפן נידעריקן בענקעלע, וואָס זי האָט ליב געהאַט צו האַלטן ביים בעט אירן. אין דער שבעה זענען מיט מיר געווען די קינ־דער, די אייניקלעך. און דורכן מוח און האַרץ איז מיר דורכגעגאַנגען דאָס גאַנצע לעבן אונדזערס, ווי דאָס וואָלט ערשט נעכטן געווען. כ׳זע זי ווי אַ מיידל מיט לאַנגע צעפּ — די שענסטע, די גראַציעזסטע פון אַלע מייד־לעך אין שטאָט. דער טאַטע, ע״ה, האָט איינגעלייגט וועלטן, זי זאָל ווערן מיין כלה. איר פאָטער, וואָס איז פאַר זיין חתונה געווען אַ קלעזמער, אַ גוטער פידלער, געשפּילט אין מיין טאַטנס קאַפּעליע, האָט געוואָרפן אַן

אומחן אויף קלעזמעריי און איז געוואָרן אַ שפּיליטער, געפאָרן קיין וואַרשע, שפּעטער קיין לאָדזש, און געבראַנגט סחורות פאַר די סוחרים. מען זאָל אים האַקן און בראַקן, וויל ער נישט קיין חתן אַ קלעזמער פאַר זיין שיינדעלען. ביז דיין זיידע, דער פעטער דוד מיינער, האָט זיך אַריינגעמישט ביד חזקה, ווי ער האָט עס געקאָנט, און ס'איז געוואָרן אַ שידוך. מען האָט האַלב-ברוגזלעך געמאַכט די תנאים און דערנאָך — די חתונה. איך האָב פאַר איר געהאַט נישט נאָר די אהבה צו אַזאַ שיינקייט, נאָר אויך די ליבשאַפט צוליב איר אַנדערשקייט פון מיר, צוליב איר צניעות.

צו איר איידלקייט איז נישט געווען קיין גלייכן. אַז מען פלעגט צו איר קומען, ווי טייל קלעזמאָרים האָבן דאָס ליב, אויף שפּאַס עפּעס צו דערציילן אַ פלאַטקעלע וועגן מיינע שטיפעריייען, פלעגט זי זיך פאַרשטאָפּן די אויערן און יענעם בעטן אויפצוהערן. און איר גוטסקייט צו מענטשן? צו חיות אַפילו! זי פלעגט טראָגן מילך צו קראַנקע קעץ, זיי אַריינטראָגן אויף אירע הענט אינעם קעלער אַריין, אונטערלייגן אַ זאַק, וואַשן זייערע ווונדן, לויפן צום פעטער דוד, וואָס האָט זי ליב געהאַט ווי אַן אייגן קינד, ער זאָל איר געבן מאַשטשן זיי צו היילן. אַזוי אויך מיט פייגל און טויבן. זיי פלעגן קומען צו איר מיט זייערע צעבראָכענע פליגל און צעקאַליעטשעטע פיסלעך, זיך שטעלן אויפן באַלקאָן. פריער זענען דאָס געווען פייגל און טויבן פון אונדזערע מקומות, שפּעטער זענען שוין געקומען צו פליען אַזעלכע מאָדנע פייגל, וואָס מען זעט זיי גאָרנישט אין אונדזערע געגנטן. אפשר זענען זיי געוואָרן געטראָגן אויף די פליגל פון זייערע מאַמעס אָדער געליבטע. ווי די פייגל וואָלטן אויף זייער פויגלשפּראַך דערציילט אויף די ביימער פון אַלע ווייטע לענדער, וועגן מיין שיינדעלען, די היילערין זייערע. — — —

זישעס העל פּנים האָט זיך צעשמייכלט מיט אַ מאָדנער גרימאַסע פון בענקשאַפט ביים דערציילן, אַז איין מאָל האָט זי דערזען אויפן באַלקאָן עפּעס אַ גרויסן לאַנגן פויגל מיט העלע בלויע פעדערן, אַ לאַנג דין העלדזל, אַ קעפּל ווי אַן אינדיטשקע מיט אַ לאַנגן ראָזן שנאָבל, שמאָלע ווייסע שאַרפע ציינדלעך און מיט צוויי שוואַרצע אויגן, אַדורכגענומען מיט

מורא, אפשר צוליב די ווייטיקן פון דעם צעבראָכענעם פיסל מיטן צע־שפּאָלטענעם פליגל. ווי אַזוי דער פויגל איז געקומען אויפן באַלקאָן, אָדער ווער עס האָט אים דאָרטן איבערגעלאָזט, איז געווען פאַר אונדז אַ רעטעניש. שיינדעלע האָט אים פּאַמעלעכדיק, נישט ווי צו טאָן, גענומען אויף אירע הענט, און צוגעדריקט צו איר האַרץ. דאָס ערשטע האָט זי, ווי ס׳איז געווען איר געוווינהייט, גענומען זיין שנאָבל אין איר מויל אַריין. דער מאָדנער פויגל האָט עס גלייך דערפילט און זיך אָנגעטרונקען מיטן זאַפט פון איר מויל. דערנאָך האָט זי געווייקט אין לעבלעך וואַסער דאָס קראַנקע צעבראָכענע פיסל און דעם פליגל, אַרומגעשמירט זיי מיט איי־נעם פון אירע מאַשטשן, פאַרבאַנדאַזשירט מיט אַ ריין ווייס טיכל און אים געגעבן פריש וואַסער צו טרינקען. זי האָט זיך אַרומגעפּאָרעט אַרום אים, אויספּרובירט פאַרשידענע עסנס און געקעכטסן, ביז זי האָט געטראָפן וואָס ער וויל. עס האָט אָנגעהויבן אים בעסער ווערן, ער האָט שוין געקאָנט שטיין אויף די פיסלעך, פאָכען אַ ביסל מיטן קראַנקן פליגל. האָט ער מער נישט געוואָלט ליגן ביי נאַכט אויף זיין געלעגער, נאָר זיך אַרויפגע־דראַפּעט צו איר אין בעט אַריין און אַנטשלאָפן געוואָרן לעבן איר אויפן געלעגער.

איבער דער צייט, וואָס דער פויגל איז געווען ביי אונדז, פלעגט זיך אָפט באַווייזן אַן ענלעכער פויגל, וואָס האָט זיך געשטעלט אויפן ראַנד פונעם באַלקאָן, אַריינגעקוקט, ווי ער וואָלט זוכן דעם קראַנקן פויגל. ווען די טיר פונעם באַלקאָן איז געווען פאַרמאַכט אין אַ קילן וועטער, פלעגט ער זיך שטעלן אויף דער טיר־קליאַמקע און אַריינקוקן דורך די שויבן פון די טירן.

ביז אין אַ שיינעם זוניקן טאָג, שבועות איז דאָס געווען. אין שטוב זענען געווען קליינע גרינע ביימלעך, אַריינגעשטעקט אינעם סופיט און אַרום די פאָרהאַנגען. אויפן דיל זענען געלעגן אויסגעשפּרייט לאַנגע גרינע טאַטרעס, וואָס וואַקסן ביי די טייכן אַרום. וואַזעס מיט פּיאָלעטן בעז האָבן פאַרשמעקט דאָס גאַנצע הויז. מיין שיינדעלע פלעגט דאָס אַליין אָנרייסן און דאָס זייער ליב געהאַט. דער פויגל, וואָס איז שוין דע־

מאָלט אַ ביסל געפלויגן, האָט צווישן די ביימעלעך און גרינסן מסתּמא זיך דערמאָנט אין יענע וועלדער, פון וואַנען ער איז געקומען. ער האָט אָנגעהויבן פליִען צום באַלקאָן אַריין און אַרויס. פּלוצעם האָט זיך באַוויזן דער פויגל, וואָס פלעגט אים קומען מבקר־חולה זיין. ביידע פייגל האָבן עפּעס געוואָרקעט, ווי זיי וואָלטן רעדן צווישן זיך. דערנאָך האָבן זיי אָנגעהויבן זיך צו דרייען אין אַ רעדל עטלעכע מאָל, געפּלאַטערט מיט זייערע פליגלען, ווי צום געזעגענען זיך. דער קראַנקער פויגל איז אַריין אין שטוב, זיך געשטעלט אויף שיינדעלעס אַקסל. מיין שיינדעלע האָט אים אַ לעצטן קוש געטאָן אין זיין שנאָבל, און בעתן אַוועקפליִען האָט זי פאַר נחת געפּאַטשט מיט אירע הענט די פייגל אַקעגן, ביז זיי האָבן זיך אויפגעהויבן זייער הויך און זענען פאַרשוווּנדן.

איך מוז דיר זאָגן דעם אמת, אַז ווי איך זאָל נישט האָבן געהאַט רחמנות אויפן פויגל און אויך הנאה פון איר אַרומפּאָרען זיך אַרום אים, האָב איך דאָך שוין געדאַנקט גאָט, וואָס כ׳בין פון אים פּטור געוואָרן. ער איז מיר דאָך דערגאַנגען די יאָרן. אַ לאַנגע צייט דערנאָך פלעגן זיי, דאָס מאָדנע פויגל־פּאָרל, זיך באַווייזן אויפן באַלקאָן איין מאָל אַ יאָר און שטעלן זיך אויפן באַלקאָן. ווען איך פלעג זיי דערזען, פלעג איך זי רופן, מיין שיינדעלע, און זאָגן צו איר: „קום שנעל... זע, דער דזשאָבער דיינער מיט די שאַרפע ציינדלעך האָט זיך פאַרבענקט נאָך דיר״.

ווען זי איז געשטאָרבן האָב איך געוואָלט ווייטער ממשיך זיין איר אַרומפּאָרען זיך ביי די חיות און עופות, זיי קאָרמענען, אַרייננעמען זיי, ווי זי פלעגט דאָס טאָן, לייגן זיי אויף קישעלעך — אַלץ, וואָס זי האָט געטאָן, אָבער זיי האָבן רק זי געזוכט, און ווי זיי וואָלטן דערפילט, אַז זי איז מער נישטאָ, האָבן זיי זיך מער קיין מאָל נישט געוויזן...

און דאָס איז בלויז אַ טראָפּן אינעם ים פון איר גוטסקייט. ווען איך זאָל דיר וועלן דערציילן וועגן אַלע אירע שיינע מעשׂים, וואָלסטו באַדאַרפט זיצן מיט מיר נישט נאָר אַ יאָר מיט אַ מיטוואָך, נאָר אַפילו אַ שאָק מיט יאָרן וואָלט אויך נישט געסטייעט.

אין די שבעה־טעג האָב איך נאָך אַ מאָל איבערגעלעבט דאָס גאַנצע

לעבן מיינס מיט איר. דאָס האַרץ אין מיר איז געוואָקסן מיט איר שיינעם געדעכעניש, אַז עס איז געוואָרן ווי אַ געמיש פון צער מיט טיפער פרייד, און ווי דו וואָלסט געזאָגט — מיט עלית נשמה, און ס׳איז פאַרשווונדן ביי מיר דער ווילן צו שטאַרבן, און ס׳האָט זיך, פאַרקערט, געשטאַרקט ביי מיר דער ווילן צום לעבן, כּדי איך זאָל, אַזוי לאַנג ווי איך וועל נאָר קאָ־נען, אויסזינגען, ווי אַ זמרדיקע תּפילה צו גאָט, די הערלעכקייט פון איר לעבן, אָבער דערביי האָב איך געקריגן אַ געפיל, אַז מיט עפּעס מוז איך זיך פאַרבינדן מיט איר טויט. — — —

ביי אָט די ווערטער איז זישע צוגעגאַנגען צו אַ קליינעם קופערט, וווּ ער האָט באַהאַלטן איר חופּה־קלייד מיט די ווייסע געמזענע שיכלעך, אין וועלכע זי איז געגאַנגען מיט אים צו דער חופּה. ער האָט זיך אַראָפּ־געבויגן, אויפגעשלאָסן דעם קופערט און אַרויסגענומען תּכריכים מיט אַ סיווע, וואָס ער האָט באַלד נאָך דער שבעה געלאָזט מאַכן בסוד־סודות ביים פרומען שניידער נאָטלען. ער האָט אים געהייסן גיין אין מיקווה אַריין זיך טובלען די אַלע נעכט בעתן נייען די תּכריכים און די סיווע.

ער האָט אַרויסגענומען די תּכריכים מיט דער סיווע פון קופערט און זיי אַוועקגעלייגט אויפן טיש מיט אַזאַ אָפּגעהיטנקייט, ווי אַ פּרוכת אָדער ווי אַ מענטעלע פון אַ ספר־תּורה. ווען ער האָט זיי פונאַנדערגעשפּרייט, האָט זישע באַמערקט, ווי דער אַמעריקאַנער גאַסט זיינער, פּנחס, האָט צו־געבויגן דעם קאָפּ און געקוקט אויף עפּעס מיט גרויס פאַרחידושקייט. זישע האָט מיט אַן איינגעהאַלטענעם ציטער צו אים געזאָגט:

דו חידושסט זיך אַוודאי אויף די פאַרגעלטע פלעקן, וואָס דו זעסט אויף מיינע תּכריכים? דאָס זענען נישט קיין פלעקן פון בראָנפן. דאָס זענען מיינע טרערן, וואָס איך לאָז פאַלן יעדע נאַכט, ווען כ׳טו זיי אָן אין דער פינצטער. כ׳זעץ מיך אויף איר בעט און גיס אויס פאַר איר מיין ביטערן עלנט. מיט די פלעקן וועל איך קומען נאָך מיין טויט צום רבונו של עולם, און זאָל ער זען די פיין פונעם מענטשן.

ער האָט די תּכריכים מיט דער סיווע צוריק אַריינגעלייגט אינעם קו־

פערט, און ער איז ווידער געוואָרן דער שטיפערישער זישע. ער האָט געזאָגט:

קיין שטול אינעם גן־עדן וואַרט נישט אויף מיר. כ׳בין אַ קליינער צדיק געווען. כאָטש צוריקגעשמועסט, האָב איך, חלילה, קיין רישעות נישט געטאָן צו קיינעם. געלעבט ווי אַלע ייִדן, אָפּגעהיטן דעם ייִדישן דת, אַפילו מיט מיין פאַרשווירענער קיילעכיק־רויטער באָרד און קורצע קליידער מיטן קליינעם לייב־צודעקל, מיט קורצע ציצית. באשר בכן? כ׳האָב געהאַט גרויסע אויגן אויפן ווייבערישן מין? כ׳האָב זיך נישט שטאַרק געאַמפּערט מיטן יצר־הרע אויף חתונות און, להבדיל, ביי גוייִשע כאַסלערעס? איז גלייב מיר, אַז ס׳איז נישט מיין שולד געווען. ס׳איז געווען אַזאַ ביטערע פּרנסה. ווען גאָט אַליין וואָלט געווען אַ קלעזמער, וואָלט ער אויך געשטרויכלט געוואָרן. אים איז גוט. ער זיצט זיך אינעם הימל, ווי אַ גראַף און שיקט מיך, זישען, מיט די אויסגעפּאַשעטע פּיסקעס, צו שפּילן אויף חתונות און פריצישע בעלער. האָט ער נאָך געוואָלט פון מיר, כ׳זאָל ווערן אויס בשׂר ודם און ווערן אַ קלעזמערישער מלאך? און וואָס, מיינסטו, האָב איך אַזוי חוטא געווען, מ׳שטיינס געזאָגט? אַ מאָל אַ קניפּ געטאָן. וועט אוודאי דער בייזער שׂטן זיך צעיאָכמערן פאַר גאָט און מען וועט הייסן מען זאָל ברענען מיט הייסער סמאָלע מיין רעכטע האַנט, ווייל די לינקע האַנט איז דאָך ריין ווי גאָלד. האָב איך אָבער מיט דער זעלבער רעכטער האַנט געטאָן צדקה בכּבוד צו די אָרע־מע קלעזמאָרים און אויך צו די אַנדערע אָרעמעלייט. בין איך זיכער, אַז גאָט, וואָס איז אַ דערבאַרעמדיקער צו אַלע באַשעפענישן, אַפילו צום מינדסטן ווערעמל, וועט אויך אויף מיר זיך מרחם זיין. און אויב, חלילה, נישט? איז ערגער ווי שלעכט קאָן דאָך נישט זיין! וועט מען בראָטן אַ ביסל. ווי זאָגט שלמהלע, אונדזער משוגענער חוקר? אַז יעדער אָנהייב האָט אַ סוף. איז וואָס זאָל איך מיר נעמען צום האַרצן נאָך איידער איך צי אויס די קאָפּיטעס? אָט קענסטו דאָך אונדזערע אָזשעראָווער קלעז־מאָרים, וואָס די מיינסטע פון זיי שטאַמען טאַקע פון אונדזער גזע. איז טאַקע אמת, אַז צו ייִחוסן זיך מיט זיי איז נישט כדאַי, זיי זענען אַחוץ

קלעזמאָרים, אויך פערד־הענדלער, ליגן גאַנצע טעג און נעכט אין די דערפער ביי די פריצים און רייכע פויערים. זיי זענען, כ׳זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד, גרויסע בעל־תאווהניקעס. זיי זענען געזונט, ווי די פויערים, הויכע, ווי די טאָפּאָלעס ביים טייך ליאַס. זיי פרעסן און זויפן. אויף זיי וועט מען איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר נאָכזאָגן דעם איינציקן שבח, אַז זיי האָבן נישט געטרונקען קיין טינט און נישט געגעסן קיין טשוועקעס. און זיי האָבן גאָרנישט קיין מורא, און זיי ציטערן נישט אַזוי פאַרן גיהנום מיטן ברענען און בראָטן, ווי זייער קרוב, דער נאַרישער זישע.

זישע האָט נאָך אַ מאָל געעפנט דעם קופערט, אַרויסגענומען פון אַ שקעטעלע, איינגעפּאַקט אין וואַטע, די צוגעגרייטע שערבעלעך פאַר די אויגן:

כ׳וועל דיר ווייזן נאָך עפּעס, וואָס יעדער ייִד נעמט מיט אויף יענער וועלט, אויפן עולם האמת. ווייל דאָס גאַנצע קורצע לעבן אונדזערס דאָ איז בלויז דאָס פּאָדער־שטיבל, וווּ דער מענטש איז מער נישט ווי אויף פּראָבע. די וואָס האַלטן אויס די פּראָבע און לאָזן זיך נישט אַרייננאַרן אין דעם זעקל פון רישעות און נאַרישקייט, זיי קומען אַהין פיקס־און־פאַרטיק געלייטערטע. אָבער אַפילו זיי, די מיוחסים, וועלן מוזן וואַרטן מיטן תחית־המתים אויף די זישעס און אַנדערע זיינס־גלייכן, ביז מען וועט אונדז גוט צעטרייבערן, אויסלייטערן אונדז פונעם פּסולת. דעמאָלט וועל איך זיך ווידער באַהעפטן מיט מיין שיינדעלען און מיט אַלע די אַנדערע לויטערע און שוין־געלייטערטע ייִדן פון אַלע עקן פון דער וועלט; דעמאָלט וועלן מיר וואַרטן מיט פאַרשפּיצטע אויערן צו דערהערן דעם ערשטן בלאָז פונעם שופר־של־משיח. דערפאַר האָב איך ביי מיר אָפּגעמאַכט, אַז אויב מען גרייט זיך שוין יאָ צו, דאַרף מען אַלצדינג צוגרייטן גענוי, און נישט לאָזן עס אויף דער לעצטער מינוט פאַר דער חברה־קדישאַ, זיי, אין זייער איילעניש, מאַכן דאָס כאַפּ־לאַפּ, און פון איילעניש קומט קיין גוטס נישט אַרויס. ווער שמועסט נאָך, אַז מען גיט אַזוי אַ שטאַרב אַוועק אַ פרייטיק, ערב שבת, וואָס נישט יעדער האָט די זכיה צו דעם, און אַז מען

דערלעבט דאָס שוין, איילן זיי זיך, די חברה־קדישא־לייט, נאָך מער. און ס'איז דאָך בפירוש אַן עוולה. שטעל זיך נאָר פאָר: ווען מיר אַלע, די שוין אויסגעלייטערטע, וועלן דערהערן דעם בלאָז, וועלן מיר זיך אויסגלייכן, ווערן ווי ניי־געבוירן און מיט יונגע קרעפטיקע פיסלעך וועלן מיר נאָכגיין משיחן קיין ארץ־ישראל. ביז מיר וועלן אַהינקומען וועלן די נאָך לעבע־דיקע צוגרייטן דעם בית־המיקדש און מיר, די מתים, די אויפגעוועקטע יידן, וועלן אַריין אין ירושלים מיט געזאַנגען, וואָס וועלן זיך טראָגן ביז צו די הימלען. שוין פון דער ווייטן וועלן מיר דערהערן די אָרגל־קלאַנגען און די דינע טענער פון די האַרפעס, געשפּילט פון די לויים. ביים אָנקומען קיין ירושלים וועלן מיר זען די טויערן פונעם בית־המיקדש צעפּראַלטע. גאָט וועט נידערן פון די הימלען, זיך זעצן אויף אַ פייערדיקער שטול אינעם קדשי־קדשים. מען וועט נישט זען קיין געשטאַלט, נאָר אַזאַ בלענדיק לויטער ליכט, וואָס וועט מיט זיין גענאָד באַלייכטן די גאַנצע וועלט. די פינצטערניש פון נאַכט וועט פאַרשווינדן. ס'וועט זיין אייביקע ליכטיקייט. איך, זישע דער קלעזמער, מיטן גוטן געהער, וועל אויפנעמען די לויים און שפּילן און זינגען צוזאַמען מיט אַלע קלעזמאָרים פון דער גאַנצער וועלט. די כּוהנים אינעם בית־המיקדש וועלן אונדז באַגעגענען מיט זייערע אויפגעהויבענע הענט און פון זייערע מיילער וועט הילכן דער „יברכך". און איך וועל מיר אַזוי שטיין מיט מיין שיינדעלען, צוריק פאַראייביקטע אויף אייביק. — — —

זישע מיט פּנחסן זענען אַרויס אויפן באַלקאָן. זישע האָט אים געוויזן מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט:

זעסט! נישטאָ מער דער אַמאָליקער ערב־שבת, ווען עס האָט זיך געררודערט אינעם מאַרק, ווי אין אַ בינשטאָק.

די שטעלן פון די פישערס מיט די הויכע פעסער און גרויסע קאַסטנס, און די אַנדערע קלענערע שטעלעכלעך, זענען שוין געווען פאַנאַנדערגע־נומען. דער מאַרק איז שוין געווען אויסגעלערט. אַפילו דאָס דרייען ס'ראָד פונעם וואַסער־ברונעם איז געווען אַזוי שלאַבעריק, מיט אַ לאַנג־זאַמער גרילציקייט, אַז זישע האָט איבערגעחזרט:

זעסט, וואָס עס איז געוואָרן פון דער שטאָט? ס'איז דער אָנהייב פון חורבן.

צוויי פרעמדע בעטלער מיט זעקלעך אויף זייערע פּלייצעס זענען געגאַנגען פאַרשטויבטע, מיט שטאַרע בליקן, און קוים געשלעפּט זייערע פאַרמאַטערטע פיס איבערן שאָסיי צום הקדש.

אַ סטייע פייגל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט מיט צעשפּרייטע פליגלען צום פּלאַץ פון די פאַנאַנדערגעוומענע שטעלעכלעך, כּדי צו פּיקן מיט זייערע שנאָבלען די אַראָפּגעפאַלענע קרישקעלעך און זשאַרנעס. אַ פאַרבלאָנדזשע־טער הונט פונעם מקום האָט זיך אַדורכגעשלייכט מיט צעשראָקענע אויגן און מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן ווידל צווישן זיינע הינטערשטע פיסלעך. ער האָט צעיאָגט די פייגל מיט די עטלעכע היימלאָזע קעץ, וואָס האָבן גע־טשאַטעוועט פון דער ווייטנס מיט איינגעקאָרטשעטע רוקנס, גרייט צו שפּרינגען אויף די פייגל און צו פאַרצוקן זיי.

דער הימל איז געווען באַדעקט מיט שוואַרצע וואָלקנס פון פאַר אַ שטורעם.

ווען פּנחס האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט צום געזעגענען זיך, האָט זישע געזאָגט:

וואַרט נאָך אונטער אַ ביסל. לאָמיר דיר שוין ווייזן די לעצטע פאַר חפצים, וואָס כ'האָב זיך צוגעגרייט מיטצונעמען אין וועג אַריין.

ער האָט אַרויסגענומען פונעם זעלביקן קופערט אַ ווייס זעקל, ווי אַ שמאָל קישן: דאָס איז אַ זעקל מיט ארץ־ישראל־ערד. אַ משולח פון דאָרטן, וואָס קומט איין מאָל אַ יאָר פאַנאַנדערטיילן און איינזאַמלען די פּרוטות פון די רבי מאיר בעל־הנס־פּושקעס, האָט עס מיר געבראַכט פון ירושלים. דאָס איז ביי מיר טייערער פון מיין הויז, פון מיינע פעלדער, פון אַלצדינג.

און זישע האָט דאָס מיט גרויס אָפּגעהיטנקייט, ווי אַ טייערן אוצר, צוריק אַריינגעלייגט אינעם קופערט אַריין.

נאָך דעם האָט ער אַרויסגענומען פון שטיקל ווייסן לייוונט, וואָס איז דעם שניידער נאָטלען איבערגעבליבן פון זיינע תּכריכים, צוויי ריט־

לעך, וואָס האָבן, מיט די צוויי קורצע פאַרשניצטע צווייגלעך, אויסגע־זען ווי גאָפּלען:

זעסט, אָט די צוויי ריטלעך גיט מען מיט יעדן מת אינעם קבר איןביידע הענט אַריין, כּדי מיט זיי זיך אַרויסצוקאָפּען פונעם קבר ביים דער־הערן דעם שופר של־משיח. אָבער געוויינטלעך גיבן די בעלי־מתעסקים, אין איילעניש, צוויי צעפוילטע ריטלעך, אַבי יוצא צו זיין, וואָס טויגן אין דער אמתן אויף תשעה ביינציק כּפּרות. מען קאָן זיך אויף אַזעלכע ריטלעך נישט פאַרלאָזן. זישע, האָב איך צו זיך געזאָגט, פאַרלאָז זיך נישט אויף זיי, די בעלי־מתעסקים. אַז מען איז פויל, האָט מען נישט אין מויל. זעסט, פּנחס, די ריטלעך, ווי שטאַרק זיי זענען? ווי אייזן זענען זיי! כ׳בין אַוועק אינעם וואַלד אַריין, כ׳האָב מיט אַ מעסער זיי אַראָפּגע־שניטן פון אַ פעסטן דעמבענעם בוים, און זיי שאַרף פאַרשפּיצט ווי שפּיזן. מיט אַזעלכע ריטלעך אין מיינע הענט וועל איך מיר ליגן רויק אינעם קבר, ווי אַ קייסער, און ביים דערהערן דעם ערשטן בלאָזן פון משיחס שופר, וועל איך מיט אָט די גאָפּלען אין די הענט אַרויסקאָפּען זיך פונעם קבר איינס און צוויי. כ׳וועל גלייך לויפן צו שיינדעלעס קבר, איר העלפן אַרויסדראַפּען זיך. איר האָבן זיי געגעבן די פּראָסטע ריטלעך, ווייל כ׳האָב נאָך דעמאָלט נישט געוווּסט, וואָס דער מיין איז פון די ריטלעך. אַזוי אַרום וועלן מיר ביידע זיין פון די ערשטע מתים צו מאַכן פּליטה פונעם בית־עולם און מיר ביידע וועלן געבן משיחן דעם ערשטן „שלום עליכם".

*

פּנחס האָט זיך געזעגנט מיט זישען, אים אַרומגענומען און געדאַנקט פאַרן כּיבוד און פאַרן דערציילן אים די אַלע געשעענישן אין שטאָט.

זישע האָט אים באַגלייט ביזן שאָסיי פונעם מיטן מאַרק, לעבן די הילצערנע סאָדע־וואַסער־ביידלעך, נישט ווייט פונעם ברונעם מיטן רויט־געפאַרבטן בלעכענעם דאַך, מיטן געשניצטן פענדל, וואָס האָט זיך גע־דרייט פונעם בלאָזנדיקן ווינטל.

די שוואַרצע כמאַרעס זענען געוואָרן געדיכטער. די שויבן פון די טירן

און פענצטער האָבן אין דער טונקלקייט געגלאַנצט, ווי שוואַרצע בלעכן. ווייסע און בלויע טויבן זענען נידעריק געפלויגן צו זייערע טויבנשלאָקן. צוויי פון זיי האָבן זיך געשטעלט אויפן אַרויסשטאַרנדיקן לאַנגן ברעטל, זיך געדרייט אַריין און אַרויס, געוואָרקעט, זיך געטוליעט, ווי זיי וואָלטן זיך האַלדזן און קושן. פאַרביי זיי איז אַדורך, מיט איילנדיקע טריט, מיט זיינע גרויסע שיקלדיקע ווילדע אויגן, ירחמיאל דער קברן. ער האָט גע־שפּאַנט צום אייבערשטן טייל פונעם שאָסיי, וואָס פירט צום בית־הקברות. הינטער זיין ברייטן אָפּגעבליאַקעוועטן שוואַרצן כאַלאַט האָט ער געטראָגן אין אַ הילצערן מולטערל אַן אָקערשט געשטאָרבן קינד, אַן עופּעלע, כדי דאָס מקבר צו זיין שנעל, איידער דער שבת־קודש קומט אָן.

דער רויטהאָריקער שמש מיט די ברייטע פּלייצעס און צעפלאַמטן פּנים איז געלאָפן איבער די פיר ציילן פון מאַרק, ווי אַן אונטערגעשאָ־סענער — די אָפענע פּאָלעס פון זיין גרוי־ציגענעם כאַלאַט האָבן גע־קלאַפּט אין די כאַליעוועס. ער האָט גערופן מיט אַן אויסגעצויגן קול: „יידן! אין שול אַריין!"

עטלעכע פּאַרשפּעטיקטע דאָרפסגייער, מיט געלע פאַרשטויבטע שטיוול, האָבן זיך געשלעפּט מידע, מיט די זעקלעך אויף זייערע פּלייצעס. זיי זענען אַריין אין די זייטיקע געסלעך צו זייערע אָרעמע, אָבער אויפגע־רוימטע שבתדיקע שטיבער. פאַרסאַפּעטע שניידער און שוסטער־יינגלעך זענען געלאָפן מיט פּאַרטיקע מלבושים און שיך אין זייערע הענט, כדי זיי אָפּצוטראָגן אויף שבת און קריגן זייער בירגעלט דערפאַר.

אינעם חלל פון אויסגעלערטן מאַרק האָט אָפּגעהילכט דאָס שאַרפע גרילצן פון די קוגלען און פון די אַראָפּגעלאָזטע אייזערנע געקאַרבטע טירן.

אין אַלע שטיבער האָט מען שוין געדעקט די טישן מיט ווייסע טיש־טעכער און דאָרט אוועקגעשטעלט די אויסגעפּוצטע מעשענע און זילבער־נע לייכטערס און קאַנדעלאַבערס. אויבן אַן האָט מען אוועקגעלייגט די שבתדיקע חלות און זיי פאַרדעקט מיט זיידענע אָדער געהאַפטענע טיש־טעכלעך.

טאַטעס און זין, מאַמעס און טעכטער, זיידעס און באָבעס, אַפילו די קלענסטע עופעלעך אין די וויגן, זענען באַנייט געוואָרן אין זייערע שבתדיקע קליידער.

אַלע, ווי איינער, האָבן מיט נשמהדיקער פרייד זיך געגרייט צו באַגעגענען און מקבל פּנים זיין אַ נייעם שבת.

# דריי דין־תורות

# דריי דין־תורות

זלמן, דער גרעסטער מעל־סוחר אין דער גאַנצער געגנט אַרום, וואָס האָט געפירט מיסחרים מיט אַלע מילן פון ווייט און ברייט, איז לגבי זיך געווען אַ נישקשהדיקער קמצן, בעת צו זיינע שרייבער און משרתים, וואָס האָבן געאַרבעט אין זיינע מעל־סקלאַדעס, איז ער גראָד געווען אַ פּזרן. ער האָט זיי געצאָלט די שענסטע געהאַלטן, און איינגעפירט, אַז זיי מעגן אַהיימנעמען מעל, וועדליק די באַדערפעניש זייערע, אויף אַלע שבתים און ימים־טובים.

זלמן און זיין ווייב זענען געווען אָנגעטאָן אין פּראָסטע קליידער, ווי זיינע שכנים און שכנות אינעם שולגעסל. אין די זומערדיקע וואָכנטעג איז ער אַרומגעגאַנגען אין אַ צייגענעם כאַלאַט, פאַרוויסט פון מעל, און אין זיין הויכקייט האָט ער אויסגעזען, ווי אַ פאַרוויסטער הילצערנער סלופּ מיט אַרויסשטאַרנדיקע ברוינע סענקעס.

זיין ווייב, גיטעלע די עקרה, ווי מען האָט זי גערופן, איז זומערצייט אַרומגעגאַנגען אין אַן אַלט ציצן קלייד, מיט אַן אָפּגעבליאַקירט אויסגע־קראָכן שייטל. צוליב איר פעטלייביקייט — „פון אונטן און אויבן איין גלויבן", ווי די שניידערישע שכנים זייערע פלעגן אויף איר זאָגן — האָט זי אויסגעזען מיטן ווייסן שייטלדיקן שרינט, ווי אַ פאַרנייטער זאַק מיט מעל.

אין די ווינטערדיקע וואָכנטעג איז זלמן אַרומגעגאַנגען אין אַן אַלטן וואַטענעם פּאַלטן, און זי, גיטעלע, אין איר אַלטער טונקל־בלויער ראָ־טאַנדע, נאָך פון איר חתונה־אויסשטייער, וואָס איר טאַטע, דער דאַמסקע שניידער לייבעלע קרוציק, האָט מיט זיינע אייגענע הענט גענייט פאַר איר. אַפילו אין די שבתים און ימים־טובים זענען זיי געקומען אין שול אַריין צום דאַווענען אין אַלטע אָפּגעכוימלטע בגדים, וואָס האָבן ווי אַראָפּ־געוויינט פון זיי און נישט געפּאַסט צו זייער עשירותדיקייט.

אין שטעטל האָט מען פאַראיבל געהאַט אויף זיי, אָבער זיך געשעמט

זיי צו פרעגן: היתּכן? ווי געשיקט זיך דאָס, וואָס אייערע משרתים קו־מען אין שול אַריין אין לייטישערע שבתדיקע מלבושים, ווי איר? ס׳האָט זיך געוואָלט אים, זלמנען, אַ זאָג טאָן נאָכן דאַווענען: „ס׳פּאַסט אונדז נישט צו האָבן פאַר אונדזער איינציקן נגיד אין שטעטל אַזאַ קמצן. אַז גאָט האָט אונדז שוין יאָ געהאָלפן מיט אַן עושר, קיין עין־הרע, דאַרפט איר אונדז באַשיינען דערמיט״. ס׳האָט זיי אויך פאַרדראָסן זיין ווינען צווישן זיי, אין דער אַלטער איינגעהויקערטער כאַטקע אינעם שולגעסל, אין זייער ירושהדיקער הייזקע נאָך פון מלך סאָביעסקיס צייטן. ס׳איז ביי יעדן ווי געלעגן אויף דער צונג: „ר׳ זלמן פאַר ווער זאַמלט איר אייער עשירות? פאַר אייערע נישט־געבוירענע קינדער?״ דערביי האָבן זיי געטראַכט: וואָלט ער כאָטש געגעבן צדקה מיט אַ ברייטער האַנט, ווי עס טוען דאָס די גבירים פון אַנדערע שטעט, וואָלט ער כאָטש איבערגע־בויט דעם אַלטן צעבראָכענעם פּלויט אַרום דעם בית־עלמין, ווו די ציגן עסן פראַנק און פריי די גראָזן פון די קברים, וואָס איז אַ חרפּה און בושה פאַר אונדז, לעבעדיקע, און אַ חילול־השם פאַר אונדזערע מתים, רחמנא־ליצלן״.

די שניידערס, שוסטערס, טרעגערס און אַנדערע בעלי־מלאכות, זיינע שכנים פונעם שולגעסל, האָבן מיט פאַרדראָס גערעדט צווישן זיך: „אונד־זער שטעטל האָט קיין מזל נישט. אַז גאָט האָט אונדז שוין יאָ מזכּה גע־ווען מיט אַ גביר אַן אַדיר, איז ער אַ טיפּש. דאַכט זיך בטבע אַ גוטער מענטש, גיט צדקה בסתר צו אָרעמע לייט. ווער עס מאַכט אַ קרומע מינע פאַר אים, גייט נישט אַוועק מיט ליידיקן. אָבער ער הייבט זיך נישט פיל איבער, ער וואָלט נישט חולה זיין, נישט צו זינדיקן מיט די רייד, ווען ער גיט אַ ביסל מער״.

„וואָס איז?״ — פלעגט יאָסל דער טאַנדעטנער שניידער מיטן פאַר־קרימטן ווילעונגערישן דאַשיק אויף אַ זייט, זאָגן אין אַלטן בית־המדרש, בין מינחה־למעריב, צו די יידן ביי דער לאַנגער באַנק אַרום דעם גרויסן ווייס־געקאַלכטן אויוון, זלמן זאָל הערן — „אַז גאָט וויל שטראָפן אַ גביר, נעמט ער ביי אים צו דאָס ביסעלע שׂכל. ס׳וואָלט דאָך אים און אונדז

געוועזן ווויל ווי די וועלט, ווען ער ווינטש זיך אַ שטייגער אין אַ שיינער קאַמעניצע מיט אַן אייזערנעם באַלקאָן אין מיטן מאַרק, און איז אָנגעטאָן אין אַ זיידענעם שלאַפראָק. מיר אַלע וואָלטן דאָך געשעפּט נחת; האַ? וואָס זאָגט עטץ?״

חיימל טשאַפּ, דער גיבורדיקער וואַסער־טרעגער, מיטן געשטופּלטן פּנים, ווי אַ ריבאייזן, העלפט אים אונטער:

„ווען ער וואָלט נישט געבוירן געוואָרן מיט זיינע הענטלעך אויף אַרונטער, וואָלט ער דאָך זיך געקויפט די שענסטע שטאָט אין שול, לעבן אָרון־קודש. ער וואָלט דאָרט געשטאַנען אין אַ טערקישן טלית מיט אַ גאָלדענער עטרה, און יעדן יום־טוב וואָלט ער אַלעמען מכבד געווען מיט אויסלענדישן שניפּ־טאַבעק, פון אַ שיינער, גאָלדענער, אָדער זאָל שוין זיין, אַ זילבערנער טאַבעק־פּושקע. וואָס איז? ער קאָן זיך דאָס נישט פאַרגינען?״

פייוועלע קאַמאַשן־מאַכער, דער טוער ביי די בונדיסטן, מורמלט אונטער בייזלעך:

„דער בונד האָט קיין מזל נישט, טאָמער האָבן מיר שוין אַ בורזשוי, פירט ער זיך נאָך ערגער פון אַ פּראָלעטאַריער, און מיר האָבן נישט דאָס האַרץ אים אונטערצוהאָקן די זייטן״.

ווען זלמן איז אויף דער עלטער געוואָרן אַ חולה־מסוכּן, האָט מרדכי נעשעס, דער גבאי פון דער חברה־קדישא, געזאָגט צו די בעלי־בתּים בעת דער חברה־קדישאדיקער סעודה אום שימחת־תּורה:

„איידער מיר וועלן זיך צורירן צום נגידישן העכט אונדזערן צו טאָן אים זיין רעכט, וועט דאָס וויב זיינס, וואָס איז ברייטער ווי לענגער, זיך צאַפּלען ביי אונדז, ווי אַ פעט פישל אינעם נעצל. די אַפּותיקא וועט קלעקן פאַר אַ נייעם פּלויט צום בית־עלמין, פאַר אַ נייעם דאָך איבער דער באָד, און ס׳וועט נאָך בלייבן אַ שיינע פאַר הונדערט קערבלעך פאַר אונדזער חברה״.

אַ רעטעניש פאַר אַלע יידן אינעם שטעטל איז געווען, הלמאַי דער אַלטער רב זייערער, דער מזג־טוב, איז זלמנען שטאַרק מקרב ביים פאַר־

בייגיין אים אין בית־המדרש, אָדער אין שול ביי דער טיר, ווו זלמן איז געשטאַנען צווישן אַלע בעלי־מלאכות און אָרעמעלייט.

ווען זלמן איז געשטאָרבן, האָט דער רב תּיכּף געשיקט דעם שמש נאָך מרדכי נעשעס, דעם גבאי פון דער חברה־קדישא, געהייסן איבער־געבן דעם קברן זעליג מאירן אויסצוגראָבן אַ קבר פאַר ר׳ זלמן ביים אוהל פונעם גרויסן צדיק רבי ישׂראל, זכרונו לברכה. אויף מרדכיס נשתּוממ־דיקייט: „רבי, היתּכן? פאַר וועלכע מעשׂים־טובים?״ — האָט אים דער רב מיט ציטער געענטפערט:

„ר׳ מרדכי, ס׳איז ניפטר געוואָרן אַ פאַרבאָרגענער צדיק. ס׳איז גע־ווען זיין דרך, צוליב זיין גרויס ענוות, נישט צו וואַרפן זיך מיט צדקה בפני כל עם ועדה. ר׳האָט פיינט געהאַט פּירסום. ער האָט געוווּנען ביי מיר דריי דין־תּורות״.

מרדכי נעשעס לענט אָן זיינע עלנבויגנס אויפן לאַנגן בית־דין־טיש, ביי דער רעכטער זייט פונעם רב, און לאָזט נישט אַראָפּ זיינע אויגן פונעם רב, וואָס שאָקלט זיך תּפילהדיק, ווי ביי תּפילת־זכּאי, ביים דערציילן וועגן די געוווּנענע דריי דין־תּורות פון ר׳ זלמנען.

*

די ערשטע דין־תּורה איז געווען מיט יאָרן צוריק, בעת דער שׂרפה ביים מוכר־ספרימניק ר׳ העשל. אַלע זיינע ספרים, סידורים, מחזורים, חומשים, משניותן, טליתים, מיט אַלע זיינע הויז־חפצים זענען פאַרברענט געוואָרן אויף קויל. ר׳ העשל האָט זיך געריסן די האָר פונעם קאָפּ ביים אָפּגעברענטן הויז, וואָס האָט נאָך גערויכערט, געבראָכן די הענט, געוווּנדט די אויגן צום הימל: רבונו של עולם! פאַר וואָס האָסטו מיך אַזוי ביי־טער באַשטראָפט? כ׳בין דאָך געבליבן אָדם־נאַקעט, אָן פּרנסה מיט מיין ווייב און קינדער. גאָטעניו דערבאַרעמדיקער! פון וואַנען וועט קומען די הילף צו דיין קנעכט, העשל בן שׂרה? ווען אַלע צוזיפגעלאָפענע ייִדן פונעם שטעטל זענען פאַר נאַכט אַוועק אינעם בית־המדרש דאַווענען מינחה־ומעריב, האָט ר׳ זלמן אָנגענומען ר׳ העשלען ביי דער האַנט, ווי אַ

טאַטע זיין קינד, ווען ס׳געפינט זיך אין אַ נויט, אים געטרייסט בישט צו פאַרלירן דעם בטחון אינעם רבונו של עולם, וואָס שיקט שטענדיק צו די רפואה פאַר דער מכה. דערנאָך האָט ער אים געבעטן אַריינצוגיין אין זיין שטוב אַריין און דאָרט האָט ער אים געפרעגט: ווי גרויס ס׳איז דער היזק זיינער און צי האָט ער עפּעס אַ גוטזאָגער, ווען אַ שטייגער ער לייט אים די סומע מיט אַן עודף פון נאָך אַ הונדערט קערבלעך, וואָס ער וועט דאַרפן פאַר אַ דערוויילעקער דירה און אַנדערע הצטרכותן, ביז השם יתברך וועט אים העלפן זיך צוריקצושטעלן אויף די פיס? ר׳ העשלס ענטפער ר׳ זלמנען איז געווען: „גאָט אין הימל איז מיין איינציקער גוטזאָגער״. ר׳ זלמן האָט אים מיט איידלקייט אויסגעציילט דאָס געלט, אים צוגעווינטשעוועט, ס׳זאָל זיין אין אַ גוטער שעה, מיט ברכה־והצלחה. „נאָר נישט געזאָרגט, ר׳ העשל. ווי זאָגט מען? נאָך אַ שׂרפה ווערט מען רייך. קומט לאָמיר גיין אין בית־המדרש אַריין דאַווענען מינחה־ומעריב״.

שפּעטער־צו, ווען ר׳ העשל איז טאַקע, מיטן אייבערשטנס הילף, צוריק אויפגעריכט געוואָרן, איז ער אַ דערפרייטער געקומען צו לויפן צו ר׳ זלמן, כדי אים צוריקצוקערן דעם קרן צוזאַמען מיטן פּראָצענט פאַר דער צייט פון דער הלוואה. ר׳ זלמן האָט אים זייער שיין אויפגענומען, ער האָט אָבער זיך אָפּגעזאָגט אָפּצונעמען פון אים דאָס געלט: „גייט שוין, גייט, ר׳ העשל, איר קומט מיר נישט קיין פּרוטה. ס׳איז שוין לאַנג אָפּגעצאָלט געוואָרן״. ס׳האָבן נישט געהאָלפן ר׳ העשלס געבעטן, זיינע טענות־ומענות, ביז ער האָט אים גערופן צו מיר אויף אַ דין־תורה. ר׳ זלמנס טענה איז געווען, אַז זיין גוטזאָגער, דער רבונו־של־עולם, האָט דאָס אים שוין לאַנג צוריקגעצאָלט כפל־כפליים. ר׳ העשל האָט זיך געבעטן ביי מיר מיט תחנונימדיקע רייד: „רבי, זייט אויף אים גוזר צוריקצונעמען דאָס געלט. כ׳וויל נישט קיין קיצבה!״ כ׳האָב נאָכגעקוקט אין אַלע ספרים בנוגע דיני־ממונות, און כ׳האָב נישט געקאָנט געפינען קיין דין צו צווינ־גען ר׳ זלמן צוריקצוגענומען דאָס געלט. ר׳ זלמן האָט געוווּנען די דין־תורה.

די צווייטע דין־תורה איז געווען מיט שייקע דעם צירולניק, וואָס

האָט פאַרלוירן זיין פּרנסה, זינט ס׳איז אָנגעקומען פון דער גרויסער שטאָט דער נייער צירולניק, מיט צוויי נייע שער־מאַשינקעס, וואָס ער האָט גע־בראַכט מיט זיך פון שוועדן. אַלע אינעם שטעטל, סיי ייִדן און, להבדיל, גויים, האָבן געוואָלט זיך שערן נאָר מיט די נייע מאַשינקעס, צי צוליב דער נייקייט, וואָס האָט אַלעמען צוגעצויגן, ווי אַ כּישוף, אָדער דער אייבערשטער ווייסט וואָס. עפּעס האָט געצויגן אַ קליפּהדיקע תּאווה צו די מאַשינקעס. — — —

מרדכי האָט זיך דערמאָנט, ווי אויך ער איז געלאָפן שערן זיך ביים נייעם צירולניק, יאַנקעלע, מיט די פאַרשפּיצטע שוואַרצע וואָנצעלעך ווי מייזן־עקלעך, און ער האָט טאַקע תּאווהדיק הנאה געהאַט פון דעם גליטשן זיך פון די ממזרישע ניקלנע גלאַטע מאַשינקעלעך, וואָס האָבן געגלעט און געלאַשטשעט די וואַרעמע הויט פונעם קאַרק זיינעם מיט אַזאַ מאָדנער זיסער קילקייט, ווי זיין ווייבס קילע פינגער נאָך טבילה. — — —

דער רב האָט אַריינגעשטופּט די רויטע פאַטשיילע אין דער היג־טערשטער קעשענע נאָכן אָפּווישן זיך דעם אַ ביסל פאַרשוויצטן הויכן שטערן, און ווייטער דערציילט וועגן ר׳ זלמנס צווייטער געוווּנענער דין־תּורה.

ווען ר׳ זלמן איז געקומען אין אַ פרייטיק־אינדערפרי זיך אָפּשערן לכּבוד שבּת ביים אַלטן צירולניק שייקעלע, האָט ער אים ווי נישט דער־קענט. שייקעלעס פּנים איז געווען שוואַרץ ווי די ערד. די גרינלעכע קאַמ־זויל זיינע האָט פון אים אַרונטערגעהאָנגען ווי אַ ליידיקער זאַק — אַזוי אָפּגעצערט און אויסגעדאַרט, נעבעך, איז ער געוואָרן. אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, האָט ער ר׳ זלמנען דערציילט פונעם אומגליק זיינעם מיט די מאַ־שינקעס: „כאָטש גיי און דערטרינק זיך אינעם טייך צוזאַמען מיטן ווייב און די עלף קינדער אונדזערע זאָלן לעבן. סיידן אַ נס פונעם הימל זאָל געשען, דער אייבערשטער זאָל זיך מרחם זיין איבער מיר און אונטער־וואַרפן אַ טייסטער מיט געלט, כ׳זאָל קאָנען פאָרן קיין שוועדן ברענגען די צוויי מאַשינקעס, און נאָך קאָנען איבערלאָזן מיין ווייב מיט די קינ־דער אויף עסן פאַר די עטלעכע וואָכן ביזן צוריקקומען פון שוועדן".

ר׳ זלמן האָט, נאָכן אָפּשערן זיך, זיך אָוועקגעזעצט מיט שייקעלען אין אַ ווינקל, אים געטרייסט און גערעדט צו אים, ווי אַ לייבלעכער ברודער: „גיי שוין גיי, שייקעלע! די וועלט גייט נאָך נישט אונטער. ס׳איז דאָ אַ גערעכטער גאָט אינעם הימל, פול מיט רחמים צו יעדן נויטבאַדאַרפטיקן״. דערביי האָט ער אַריינגעשטופּט גוט־ברודעריש, מיט וואַרעמער צוגעלאָזנקייט, זיין לאַנגן אַלט־לעדערנעם בייטל מיט געלט אין דער קעשענע פון שייקעלעס גרינע קאַמזויל און גענומען זיין רעכטע האַנט, ווי צום געזעגענען זיך: „שייקעלע, פאַר טאָקע באַלד דעם מוצאי־שבת מיט דער בויד קיין וואַרשע, און פון דאָרטן קיין שוועדן, און ברענג דיר פון דאָרטן די בעסטע נייסטע מאַשינקעס. פאָר געזונט און קום געזונט. זאָל זיין אין אַ גוטער שעה. פאַר דיין ווייב און קינדער וועט שוין, מיטן אייבערשטנס הילף, געזאָרגט ווערן״. שייקעלע, געפּלעפּט, אָן לשון, האָט אים אַפילו נישט געקאָנט ענטפערן אויף זיין „אַ גוטן שבת״. ער האָט ר׳ זלמנען באַגלייט צו דער טיר, דאָרט האָט אים ר׳ זלמן אַריינגעשושקעט אינעם אויער אַריין: „שייקעלע, כ׳בעט דיך, מאַך נישט קיין פּירסום פון דעם און פאַר מיטן רעכטן פוס. אַ גוטן שבת דיר און דיין הויז־געזינד״.

איבער דער צייט, וואָס שייקעלע איז געוועןאָוועק פון דער היים, פלעגט ר׳ זלמן אַריינגנבענען זיך יעדן דאָנערשטיק־ביינאַכט צו שייקעלען אין הויז מיט אַ פּעקל מאכלים אויף שבת. אינעווייניק זענען געלעגן עטלעכע קערבלעך פאַר דער אויסקומעניש אויף דער וואָך.

ווען שייקע איז צוריקגעקומען מיט די נייסטע מאַשינקעס, האָט דאָס גאַנצע שטעטל געקלונגען, אַז נישט אַנדערש, נאָר אליהו הנביא האָט שייקען געראַטעוועט.

נאָכן אויפגעריכט ווערן, האָט שייקע אָוועקגעלייגט אַ פּרוטה צו אַ פּרוטה, ביז ער האָט אָנגעזאַמלט דאָס גאַנצע געלט, נאָך מיט אַן עודף פונעם פּראָצענט און דאָס געבראַכט אין אַ שבת־צונאַכטס נאָך הבדלה צו ר׳ זלמן אין הויז אַריין. שייקעלעס פּנים האָט געשיינט פון שימחה ביים אָוועקלייגן אויפן טיש דאָס געלט, מיט אַ דאַנק פאַרן ראַטעווען אים מיט זיין

ווייב און קינדער: „גאָט זאָל אייך באַגליקן ווו איר וועט זיך נאָר קערן און ווענדן, ר׳ זלמניו!"

ר׳ זלמן האָט גענומען דאָס געלט, עס אים צוריק אַריינגעשטופּט, ווי יענעם פריייטיק, אין דער זעלביקער קאַמזויל־קעשענע און צו אים געזאָגט מיט ווייכקייט:

„שייקע, איר זענט מיר גאָרנישט שולדיק. ס׳איז נישט מיין געלט געווען. ס׳איז דעם רבונו של עולמס געלט. איר הערט, וואָס מען רעדט צו אייך? נישט מיין געלט. און פּטור אַן עסק".

ס׳האָט נישט געהאָלפן שייקעס בעטן זיך ביי אים, ביז ער האָט גע־נומען שרייען: „ר׳ זלמן, כ׳בין אַ בעל־מלאכה, נישט קיין שנאָרער! כ׳וויל נישט קיין קיצבה! כ׳רוף אייך צום רב אויף אַ דין־תורה!"

ביי דער דין־תורה האָט שייקע געוויינט ווי אַ קליין קינד: „רבי, זייט אויף אים גוזר צוריקצונעמען דאָס געליִענע געלט! כ׳וועל באַדיי בעסער הונגערן, ביז גאָט וועט זיך דערבאַרעמען איבער מיר!" ס׳האָט נישט געהאָלפן מיין אַריינמישן זיך מיט תחנונים, ער זאָל נעמען דאָס געלט. ר׳ זלמן האָט געטענהט: „רבי, אַ דין־תורה — איז אַ דין־תורה. כ׳וואָרף מיך אונטער אייער פּסק, נאָר נאָכן דין נאָך". כ׳האָב ווידער גע־נישטערט און געזוכט צווישן אַלע ספרים און נישט געפונען קיין דין צום נייטן אים צוריקצונעמען דאָס געלט פון שייקען. ר׳ זלמן האָט געוווּנען די צווייטע דין־תורה.

די דריטע דין־תורה איז געווען ערשט דעם לעצטן ווינטער, ווען היימל גנב איז אַריינגעלאָפן צו מיר אין בית־דין שטוב, אַ פאַרסאַפּעטער, כ׳זאָל שיקן דעם שמש נאָך ר׳ זלמנען אויף אַ דין־תורה. חיימל האָט גע־שריגן ווי אַ נישט־דערשאָכטענער אָקס: „רבי, ראַטעוועט!" ר׳ זלמן איז געקומען מיט זיינע געלאַסענע טריט און פאַרזאָרגטן פּנים, גלייך ווי ער וואָלט טראָגן אויף זיינע פּלייצעס אַלעמענס זאָרגן, געגעבן חיימלען אַ שלום־עליכם, ווי ער וואָלט זיין זיינסגלייכן. חיימל האָט זיך געשעמט אים צו קוקן אין די אויגן, און דערציילט, אַז ווען ער איז מיט עטלעכע טעג

צוריק אַרויס פון תּפיסה, האָט ער געטראָפן זיין מאַמען אַ קראַנקע, אַ צע־בראָכענע, אין אַ קאַלטער שטוב. כ׳האָב געבורענגט דעם פעלדשער ראָו־בעלע, נאָכן איינהייצן דעם אויוון מיט עטלעכע ליפקעס האָלץ, וואָס כ׳האָב געבאָרגט ביי אַ שכנה. ראָובעלע האָט צו מיר געזאָגט: חיימל, אויב דו ווילסט האָבן אַ מאַמע, מוזסטו זי גלייך אָוועקפירן קיין וואַרשע צו אַ גרויסן דאָקטער. און דאָ האָב איך נישט קיין גראָשן ביי דער נשמה. בין איך אַרויס צו מאָרגנס אין מאַרק און געלקחנט ביי ר׳ נאָטע דעם פּאַכטער עטלעכע הונדערט קערבלעך, וואָס ער האָט פאַרשטעקט אין דער בוזעם־קעשענע. ווען ר׳ נאָטע האָט זיך געכאַפּט, אַז מ׳האָט אים באַגנבעט, האָט ער זיך געריסן די האָר פונעם קאָפּ: וויי און ווינד איז מיר! דאָס לעצטע געלט צו באַצאָלן דעם פּריץ, ער זאָל מיך נישט אַרויסטרייבן פונעם דאָרף! — רבי — האָט חיימל זיך נאָך העכער צעוויינט — ס׳האָט מיר געגעבן אַ צופּ ביים האַרצן און כ׳האָב געוואָלט אים צוריקגעבן דאָס געלט, איז אָט דער ר׳ זלמן פּלוצעם אַרויסגעוואַקסן ווער ווייס אים פון וואַנען, און נאָטען אַריינגערוקט אַ פּעקל מיט געלט, נאָכן אויסגעפינען ביי אים די גרייס פונעם שאָדן, און אים איינגערוימט אין אויער אַריין: ר׳ נאָטע, גייט באַ־צאָלט דעם פּריץ, האָט בטחון אינעם השם־יתברך. אויף מאָרגן זאָל גאָט זאָרגן. דער עיקר דערציילט קיינעם נישט, אַז מען האָט אייך באַגנבעט. צו וואָס דאַרפט איר קומען אין לייטנס מיילער? אַז מ׳וועט לעבן, אם ירצה השם, וועט מען זען. גייט געזונטערהייט, ר׳ נאָטע!

איך בין מיר, רבי, געשטאַנען פאַרשטעקט דערנעבן הינטער אַ פּאָר הויכע פּויערישע פערד, און אַלץ געזען און געהערט, רבי! ס׳פּנים האָט מיר געפּלאַמט פאַר חרפּה. אין דער מינוט בין איך געוואָרן אויס גנב. כ׳גנבע נישט מער! איך האָב געוואָלט צולויפן מיטן געגנבעטן געלט, דאָס אַנידערוואַרפן און אַנטלויפן, זענען מיר אָבער די פיס ווי אונטערגעהאַקט געוואָרן. אַ ביסל שפּעטער בין איך געלאָפן צו ר׳ זלמנען אין הויז אַריין מיטן געלט, ער זאָל דאָס צונעמען פון מיר. כ׳האָב געשווירן ביי מיין מאַמען, אַז כ׳גנבע נישט מער. איז כאָטש האַק און בראַק, וויל ער נישט נעמען ביי מיר דאָס געלט. ער וויל מיר פאַררעדן די ציין מיט זיינע זיסע

ריידעלעך. רבי! נאָט אייך דאָס געלט, זאָל ער דאָס צוריקנעמען. ווען ער מישט זיך נישט אַריין, רבי, וואָלט דער אייבערשטער אינעם הימל אפשר אַוועקגעקוקט. דאָרטן ווייסט מען שוין פון לאַנג אַז איך, חיימל, בין אַ גנבֿ, און מען מאַכט דאָרט שוין מער נישט קיין גרויסן צימעס דערפון. נאָך דערצו האָב איך דאָס געגנבֿעט צו ראַטעווען דער מאַמען, אָבער אַצינד, מיט זיין אַריינמישן זיך, האָט ער דאָך, רבי, דאָרטן אין הימל פאַרקאָכט די ריכטיקע קאַשע! רבי, האָט רחמנות, זאָל ער זיך נישט קויפן דעם גן־עדן אויף מיין גנבֿישן חשבון!

ר׳ זלמן האָט געטענהט, ווי ביי די פריערדיקע דין־תורות: רבי, כ׳האָב נישט געגעבן מיין געלט. ס׳איז דעם רבונו־של־עולמס געלט, און כ׳האָב נישט אין זינען געהאַט, חלילה, חיימלען קיין בייז צו טאָן. זאָל ער בעסער פאָרן ראַטעווען דער מאַמען.

כ׳האָב ווידער געניסטערט אין אַ סך ספרים און בשום אופן נישט געקאָנט געפינען קיין דין צו בייטן ר׳ זלמנען צוריקצונעמען דאָס געלט. ער האָט געוווּנען די דריטע דין־תורה.

*

דער רבֿ, ר׳ יאָסע, זיפצט שטאַרק אָפּ, ווי ער וואָלט פּטור געוואָרן פון אַ שווערער משׂא. פון זיינע אַלטע אויגן גיסן זיך צוויי שנירעלעך טרערן איבער זיינע בלייכע באַקן און ווייסער באָרד, און ער זאָגט צום גבאי פון דער חברה־קדישא:

ר׳ מרדכי, אַצינד פאַרשטייט איר שוין פאַר וואָס מען דאַרף ר׳ זלמנען מקבר זיין לעבן אוהל?

מרדכי נעשעס איז געבליבן געפּלעפט. מיט געאיילטע טריט איז ער אַרויס פונעם בית־דין־שטוב, האָט געבערענגט די בעלי־מתעסקים צום ניפטר, ר׳ זלמן, און ער האָט געהייסן גראָבן דעם קברביים סאַמע אַריינגאַנג צום אוהל.

צווישן די מלווים ביי דער לוויה, מייסטנס אָרעמע בעלי־מלאכות, וועמען ער האָט בסתרדיק געהאָלפן, זענען אויך געווען דער אַלטער רבֿ, רבי

יאָשע, מרדכי נעשעס, ר׳ הערשל דער מוכר־ספרימניק, שייקע דער ציי־רולניק, חיימל גנב, וואָס האָבן ביים יאָמערדיקן זאָגן פסוקים פונעם „מעבר יבוק", געשעפטשעט ביים אויסגעגראָבענעם קבר: „ר׳ זלמן האָט עס כשר און ערלעך פאַרדינט".

# ביים טייך נאַגאַנואַטאָק

# ביים טייך נאַגאַמאַטאָק

## קאַפּיטל איינס

זינט איך האָב פֿאַרזוכט דעם טעם פֿון פֿישפֿאַנג בין איך געבליבן פֿאַר־קאָכט אין דעם, ווי אַ שיכּור אין ביטערן טראָפּן. כ׳קאָן זיך שוין נישט באַפֿרייען פֿונעם פֿאַרגעניגן צו זיצן אין אַ שיפֿל אין פֿרילינג אָדער זו־מערצייט אויף אַ קלאָרן טייך מיט שטילע פֿאַליעס, וואָס פֿאַלדעווען זיך צווישן וואַלדיקע בערג אין קאָלירן פֿון העלן שאַגאַל־בלוי־און־גרין און רעמבראַנדטישן שוואַרץ. דערצו דאַרף מען נאָך צוגעבן די צונטער־רויטע זונאויפֿגאַנגען און פֿלאַמיקע זון־אונטערגאַנגען איבער די האָריזאָנטן.

ווען עס קומט דער האַרבסט אין דעם אינדיאַנישן, ניי־ענגלאַנדישן זומער; ווען די ביימער צירן זיך אויס אין זייערע פֿילפֿאַרביקע קאָלירן, — דעמאָלט איז דער געניוס ביים זיצן אויפֿן טייך, אַרומגערינגלט מיט דער גראַנדיעזער פּאַנאָראַמע, אין לשער.

און עס קאָן אויך מעגלעך זיין, אַז דאָס פֿאַרגעניגן שטאַמט פֿון אומ־ברענגען צאַפּלדיקע פֿישלעך, וואָס בלוטיקן אין די הענט ביים אַרויסציִען דעם איינגעשלונגענעם שטאָלענעם האָקן פֿון זייערע געדערעם. צי איז עס אַן אַנטפּלעקונג פֿון דעם רוצחישן אינסטינקט, וואָס הויערט אין די חדרי־חדרימדיקע טיפֿענישן ביים מענטשן?

אויף איינעם פֿון די שיינע, הערלעכע טייכן אין קאָנעטיקוט, מיטן אינדישן נאָמען נאַגאַמאַטאָק, האָב איך אָנגעהויבן פֿאַנגען פֿיש מיט לאַנ־גע יאָרן צוריק. דעם דאָזיקן טייך האָב איך אַ נאָמען געגעבן „די בלאָנדע פּרינצעסין״, מחמת דער טייך איז פֿון אַלע ברעגן אַרומגערינגלט מיט הויכע, שלאַנקע בערעזעס.

ס׳איז אַ טבע ביי יעדן ליידנשאַפֿטלעכן פֿישער נישט קאָנען איינ־שטיין לאַנג אויף איין אָרט ביים זוכן צו פֿאַנגען אַ פֿיש. דערפֿאַר האַלט מען אין איין אַרויפֿציִען די צוויי לאַנגע שטריק מיט די שווערע אַנקער־

שטיינער. מע נעמט די צווייִ הילצערנע רודערס, וואָס זעען אויס ווי קליינע בעקער־לאָפּעטעס, און מען שיפּלט זיך פון איין אָרט צום אַנדערן. עס דאַכט זיך, אַז דאָרט איז דאָס מזלדיקע אָרט, ווו די פיש־מחנה וועט זיך צוכאַפּן צום פּעטן ביסן פונעם לעבעדיקן וואָרעם, אָדער אַ כאַפּ טאָן דאָס זילבערדיקע לעבעדיקע פישעלע, וואָס הענגט אויפן האָקן. דעמאָלט, פאַנטאַזירט דער פישער, וועט דער ווייס־רויטער קאָרק, באַהאָפּטן צום אַרויסגעוואָרפענעם שנור, אַרונטער אונטערן וואַסער. אַ סימן, אַז דער פיש האָט איינגעשלונגען דאָס הענגענדיקע פישל מיטן האָקן.

און דעמאָלט גייט אָן דאָס געראַנגל צווישן מענטש און פיש. דער פיש זוכט זיך צו ראַטעווען דורכן אויסשפּייען דעם שפּיציקן האָקן. דער פישער ציט ענג איין אויפן רעדל דעם שנור. טייל פיש, ווי ווייסע, קליינ־מויליקע שלייען, שפּרינגען אין דער לופטן, טרייסלען מיט דער שנור, כּדי צו באַפרייען זיך פונעם האָקן; אַנדערע, ווי העכט, זוכן צו ראַטעווען זיך דורכן אָנשלאָגן זיך אָן דעק פון שיפל, און אפשר, אַזוי אַרום, אַרויסקלאַפּן דעם האָקן פונעם מויל, אָדער אַריינשווימען אין די געדיכטע וואַסער־געוויקסן.

דער געניטער פישער האַלט דעם פיש שטאַרק אָנגעצויגן ביז צום ברענגען זיין קרבן צום שיפל, אונטערשטעלן די פאָדעמדיקע האַנט־שאַטקע, אים אַריינגעמען אין שיפל, אָננעמען שטייף ביי די זשאַבערס און אַרויסציִען דעם האָקן פונעם מויל.

געוויינטלעך זוכן די פישערס זייערע קרבנות ביי אויסגעבויגענע וואַסערברעגעס אָדער אַרום אַלערליי וואַסער־פלאַנצן. צום בעסטן, דאַכט זיך די פישערס, איז כאַפּן פיש אַרום וואַסער־ליליעס, די גאָלדיקע, מיט ווייסע קעפּלעך אין מיטן. פאַראַן אויך ליליעס, וואָס שטאַרן גראַציעז אַרויס פונעם וואַסער און זעען אויס ווי די שענסטע ווייסע רויזן. אַרום אָט די פלאַנצן שטעלן זיך די פישערס מיט דער האָפענונג צו זיין מזלדיק און פאַקן די ריכטיקע פיש. אין די מייִנסטע פאַלן לאָזט זיך דערפון אויס



אַ בוידעם, אָבער די פישערס חלומען ווייטער. אויב נישט היינט, וועט דאָס מזל קומען אַן אַנדערש מאָל.

ווען איינער פון די פישער־אַמאַטאָרן כאַפּט אַ מאָל אַ לייטיש פישל, קוקט ער זיך אַרום אין אַלע זייטן, כּדי צו מאַכן זיך אַ סימן, ווו ער האָט געפונען זיין אוצר: אַ פאַרדאַרטער בוים, אַ הויז ביים ברעג, אַ פאַראַנ־קערט פעסל איבערן וואַסער, אָדער אַ שיף־גאַראַזש פאַר די קליינע יאַכט־שיפן קעגן איבער זייערע רייכע זומער־וווינונגען.

אַט ביי אַזאַ שיף־גאַראַזש האָט מיר דאָס מזל צוגעשפּילט. דער גאַ־ראַזש איז געווען אַ טונקל־ברוין געפאַרבטער, אויף אַ ברייטן ווייס־שטיי־נערנעם פונדאַמענט, מיט אַ פלאַכן דאַך־באַלקאָן, אַרומגעצוימט מיט מאַ־סיווע געטאָקטע באַריערן, ווי מעבל־שטיקער פון אַמאָליקע שראַנקען און טישן. אויפן דאַך־באַלקאָן זענען געווען אויסגעשטעלט טישלעך און שטולן פון רויטע און ווייסע קאָלירן, צוגעפּאַסט צום לייוונטענעם שוץ־דעק פאַר זון און רעגן אין רויטע און ווייסע לאַמפּאַסן.

דער וואַסער־שטח ביים גאַראַזש איז באמת געוואָרן אַ שמאַלץ־גרוב פאַר מיר. כ׳האָב אַרויסגעצויגן פון דאָרטן עטלעכע אָנשטענדיקע שלייען (קליינמויליקע ווייסע „בעס״ בלע״ז), טייל מאָל אַ לייטיש העכטל, עטלע־כע ווייסע אָקונעס, וואָס בעתן ציִען זיי פון וואַסער, קעמפן זיי פאַר זייער לעבן ווי די לייבן; אויך קוריסן, ווי די פלאַכטעס...

צוליב דער שפע, בין איך דאָרט געוואָרן אַ שטענדיקער תּושב. יעדן זונטיקדיקן פרימאָרגן איז מיין פישפאַנג־התחלה געווען אַרום דעם ברוינעם שיף־גאַראַזש. עס קאָן אויך געמאָלט זיין, בעוונותינו הרבים, אַז ס׳איז געווען נאָך אַן אַנדער סיבה פאַר וואָס מיך האָט געצויגן אַהין, צו יענעם אָרט... את חטאי אני מזכיר. דאָרט אויבן, אויפן גאַראַזש־באַלקאָן, פלעגט זיך יעדן זונטיק־פרימאָרגן באַווייזן אַ יונגע, שיינע פרוי, איינגע־הילט אין אַ קורצער זיידענער קימאָנע פון העלע קאָלירן. די יונגע פרוי האָט מיר אַקעגנגעטראָגן, ווי נאָר זי האָט מיך דערזען, אַ קלינגענדיקן „העלאָ״ און „גוד מאָרנינג״. אין אַט די מינוטן האָב איך פאַרגעסן מיינע

פּיש־מכשירים, די פּיש און אַפילו די גאָלדיק־געלע וואַסער־ליליעס.

דאָס פלעגט זיך כּסדר איבערחזרן יעדן זונטיקדיקן פרימאָרגן אין משך פון יאָרן. טייל מאָל פלעגט זי זיך אַריבערבייגן איבערן געשניצטן הילצערנעם פּאָרענטש. איר ווייסער, שיינער האַלדז האָט געלויכטן איבערן טונקעלן וואַסער־ווינקל. די פרוי האָט אָנגעהויבן פאַרפירן מיט מיר קורצע שמועסן. דאָס ערשטע מאָל האָט זי מיך געפרעגט פון וואַנען איך קום, ווי מען רופט מיך. שפּעטער פלעגט זי מיר פרעגן, ווי עס גייט מיר מיטן פישפאַנג. דעמאָלט האָב איך זיך אָנגעגורט מיט קוראַזש — איך האָב גראָד געהאַט אַ מזלדיקן פרימאָרגן — און איר אָנגעבאָטן אַ טייל פון מיינע פיש. אירע אויגן האָבן אויפגעלויכטן. זי האָט אַ וואָרף געטאָן אירע בלאָנדע לאָקן, די גרייכנדיקע ביז אירע אַקסלען, און מיר געוויזן ווו אַוועקצולייגן איר חלק פיש.

און אַזוי זענען מיר באַפריינדט געוואָרן.

# קאַפּיטל צוויי

אין די פרימאָרגנס פלעגטביים שיף־גאַראַזש זיך ווייזן אַן עלטערער, הויכוווּקסיקער מאַן, מיטן אויסזען פון אַ טיפּישן קאָנעטיקוט־יענקי. ער איז געווען אָנגעטאָן אין כאַקי אַרבעטס־קליידער און פון די טיפע הויזן־קעשענעס האָבן אַרויסגעשטאַרט צוואַנגען, האַמערס און באַרשטן. זיינע מוסקולירטע אָרעמס האָבן נישט גערוט און די הענט האָבן געטאָן זייער אַרבעט: דאָ האָט ער געקלאַפּט מיטן האַמער, דאָרט צוגעפּאַרבט, ווו מען האָט געדאַרפט.

צו מיר האָט ער נישט גערעדט, נאָר קאַלט און העפלעך געענטפערט אויף מיין באַגריסונג. זיין לענגלעך געזיכט, דער שמאָלער שטערן מיטן קאָפּ גרוילעכע האָר, זיין קאַלטער שמייכל — דאָס אַלץ האָט געוועקט מיין נייגעריקייט. ווער איז ער? איז דאָס איר פאָטער, אָדער איר זיידע?...

נאָך זיין גיכן אָפּפאַרטיקן זיך מיט אַ האַמערקלאַפּ דאָ און דאָרטן, אָדער מיט אַ שמיר פון די באַרשטן, פלעגט ער אָוועקגיין מיט אַ יונגט־לעכן קרעפטיקן שפּאַן. ער האָט זיך דערווייטערט פון מיר אַרויפצו צום וואַלדבאַרג. דאָרט איז ער פאַרשוווּנדן און צוריק זיך געוויזן שפּעט נאָך מיטאָג. איך פלעג אים דערזען אויפן גאַראַזש־באַלקאָן. צו יענער צייט זענען שוין דאָרט געווען זיינע געסט, און ער פלעגט זיך מיט זיי באַ־גריסן. אַ שטענדיקע באַזוכערין דאָרט איז געווען אַ פרוי מיט טונקל־ברוינע האָר, עטוואָס עלטער פון דער יונגער באַלעבאָסטע מיט די ליכ־טיקע לאָקן.

כמעט יעדן זונטיק־פאַרנאַכט פלעגן די באַלעבאַטים מיט די געסט אַראָפּגיין פונעם גאַראַזש־באַלקאָן און דורך די אינעווייניקסטע טרעפּ צוקומען צו דער שיף. זיי פלעגן זיך אויסזעצן אויף די רויט־לעדערנע, אויסגעבעטע שיפבענק. דער עלטערער מאַן פלעגט אַן אויסגעפּוצטער אין

עלעגאַנטע ספּאָרט־מלבושים, מיט אַ ברייט ווייס היטל און מיט אַ גאָל־דענעם עמבלעם, ווי ביי אַ שיף־קאַפּיטאַן, — זיך זעצן ביים רודער און לאָזן דעם מאָטאָר אין גאַנג. די היפּשע שיף האָט זיך אַ ריס אָפּ געטאָן פונעם ברעג, אויפבורזענדיק די שטילע וואַסערן אַרום מיין קליין שיפל וואָס האָט זיך, ווי אין שרעק, געוואַקלט אין אַלע זייטן.

זייער שיף האָט געשניטן די וואַסערן צום קעגנאיבערדיקן ברעג, אין דער ווייט זיך אַ קערעווע געטאָן לויט דער לענג פונעם טייך, און אַוועק ווייטער און ווייטער. אין אַ פּאָר שעה אַרום זענען זיי צוריקגעקומען, אויסגעשטיגן פון דער שיף, און זיך אויסגעזעצט אויפן באַלקאָן. די יונגע בלאָנדינקע און דער עלטערער מאַן האָבן סערווירט געטראַנקען פאַר די געסט. פאַרביסן האָט מען מיט „האָט דאָגס" און נאַשערייען. דערביי האָבן זיי געמיטלעך געטומלט ביז שפּעט פאַר נאַכט.

ווען דער זון־אונטערגאַנג האָט זיך נאָך געראַנגלט איבער די וואַלד־בערג האָב איך פאַרפּאַקט מיינע מכשירים, אַרויסגעצויגן מיין פישפאַנגער פונעם וואַסער אָן איין איינציק פישל... דערנאָך האָב איך אַרויסגעשלעפּט ביידע שווערע אַנקער־שטיינער, גענומען די רודערס אין די הענט, האָב אַ לעצטן בליק געטאָן אַרויף, צום באַלקאָן, און אַוועקגערודערט אַ מידער, אָבער שטענדיק אַ דערפרישטער פון דער לופט.

שפּעטער מיט עטלעכע יאָר האָט זיך אויפן גאַראַזש־באַלקאָן באַוויזן אַ שיין יינגעלע מיט טונקל־ברוינע האָר, אָנגעטאָן אין אַ ווייס מאַטראָסן־אַנצוגל מיט בלויע טאַשמעס. אַלע אויפן באַלקאָן האָבן זיך מיטן קינד געשפּילט. מערסטנס האָט זיך מיטן יינגל אָפּגעגעבן די פרוי מיט די טונקל־ברוינע האָר. זי פלעגט נישט אָפּטרעטן פון אים. זי האָט אים גע־האַלטן אויף איר שויס, אָדער נאָכגעלאָפן אים אין זיין קינדערשער אומ־רויקייט. ביים פאַקן אים, האָט זי זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אירע קני, צוגע־דריקט דאָס קינד צו איר ברוסט און אים געקושט.

טייל מאָל, פאַר נאַכט, ווען עס איז עטוואָס קילער געוואָרן, פלעגט זי אים פירן ביים הענטל אויף אַ קורצן שפּאַציר. ווען זי איז פאַרבייגע־

Naomi Alice

גאַנגען מיין שיפֿל ביים ברעג, האָב איך דערזען איר עכט־ייִדישלעך פּנים, שיִער־נישט ווי פֿון אַ רבנישער טאָכטער.

מיין נייגעריקייט איז געשטיגן, ווען איך האָב מיט אַ צייט שפּעטער פֿאַרגליכן די ביידע פּנימער, פֿונעם ייִנגל און פֿון דער מיטליעריקער פֿרוי, און איך האָב דערזען, אַז זיי זענען זייער ענלעך.

די צייט איז געגאַנגען און דאָס ייִנגל איז געוואַקסן. ער האָט זיך שוין אויף שמאָלגעפּאַרבטע העלצער געגליטשט איבערן וואַסער, נאָכפּאָלגנדיק דער שיף, וואָס האָט אים שווינדלענדיק מיטגעריסן, און אַלע אויף דער שיף, די באַלעבאַטים און די געסט, האָבן זיך געפֿרייט, קוקנדיק אויפֿן געוואַגטן, פֿלינקן גליטשער.

אין אַ וואָכעדיקן טאָג, מיט שווערע פּערזענלעכע זאָרגן, האָב איך באַשלאָסן, אַז מאָרגן ווי שלעכט דאָס וועטער זאָל נישט זיין, זאָל איך זיך אָפּרייסן פֿון מיינע דאגות און אַנטלויפֿן אין מיין אַלטער מאַשין צום באַליבטן טייך און צום גוט־באַקאַנטן אָרט ביים ברוינעם שיף־גאַראַזש.

אויף מאָרגן האָט שטאַרק געדעגנט, אָבער איך האָב זיך נישט אונ־טערגעגעבן און געפֿאָרן. ביים אַרויסקומען אויפֿן וואָטערטאַונער וועג, האָט זיך דער פֿאַרוואָלקנטער הימל אויסגעלייטערט און איך האָב זיך דער־זען צווישן אויסגעוואַשענעביימער און שמעקעדיקע לאָנקעס. מיין גע־דריקטע שטימונג האָט זיך תיכּף געביטן. איך האָב אַפֿילו אָנגעהויבן זינגען חסידישע ניגונים פֿונעם מאָדזשיצער רבין. איך בין צוגעקומען צום טייך מיינעם, נאָגאַמאַטאָק, און איך האָב, ווי אַלע מאָל, געדונגען אַ שיפֿל ביים פּעט-מאַסיוון איטאַליענער, דזשאָ קאַפּוצאַנאָ. איך בין אויפֿן שיפֿל צוגעקומען צום געבויגענעם ברעג, ביים גאַראַזש, אַרונטערגעלאָזט ביידע אַנקערס, צורעכט געמאַכט מיין פֿישפֿאַנגער־שטאַנג מיטן שנור־רעדל. איך האָב זיך געוואָלט אַנידערזעצן אין מיטן שיפֿל און זיך נעמען צו דער מלאכה. פּלוצעם בין איך איבערראַשט געוואָרן. אַקעגן מיר איז אויפֿן שטיינערנעם ווייסן פֿונדאַמענט געשטאַנען דער עלטערער מאַן און מיך באַגריסט מיט אַ פֿריינדלעכן „האַלאָ". אויף דעם האָב איך זיך נישט

געריכט פונעם שטייפן יענקי. ער איז געשטאַנען אַקעגן מיר אַ שמייכלענ־דיקער און געמיטלעך גערעדט וועגן וועטער. דערמאָנט מאַרק טוועינס ווערטל „אַלע רעדן וועגן וועטער, אָבער קיינער טוט גאָרנישט וועגן דעם"...

איך בין אַזוי צעטומלט געוואָרן פון זיין פּלוצעמדיקער צוגעלאָזנקייט, אַז איך האָב פאַרגעסן אין מיין פיש־כאַפּן. איך האָב אים געענטפערט און מיר האָבן געשמועסט, ווי היימישע אַלטע פריינד. ער האָט מיך געבעטן, איך זאָל אים אָפּוואַרטן נאָך מיטאָג. ער האָט מיך אַפילו אָנגערופן ביים נאָמען. מסתמא האָט אים די יונגע בלאָנדינקע דערציילט פון וואַנען איך קום אַהער.

ביים אָוועקגיין האָט ער זיך געזעגנט מיט מיר, הייבנדיק ביידע הענט אין דער הייך:

„גוד ביי" — האָט ער פריינדלעך אויסגערופן און ווידער מיר דער־מאָנט, אַז מיר דאַרפן זיך שפּעטער טרעפן.

צו דער באַשטימטער צייט האָב איך אויף אים געוואַרט ביים אַס־פאַלט־וועג, קעגן איבער דעם ברוינעם גאַראַזש.

# קאַפּיטל דריי

עס האָט לאַנג נישט געדויערט. ער איז געקומען אין זיין אָפענעם אויטאָמאָביל, האָט געעפנט דאָס טירל צו מיין זייט און צו מיר געזאָגט, אַז ער קען נישט נאָר מיין נאָמען, נאָר אויך די נעמען פון די אַנדערע יידישע פּישפּאַנגערס. זיי קומען — האָט ער געזאָגט — און רוקן זיך צונויף, ווי אין דער סינאַגאָגע... זיי האָבן ליב צו זיין אין איינעם. זיי רעדן אַ ביסל צו הויך, רופן זיך איבער ביי די נעמען פון איין שיפל צום צווייטן.

„דאָס איז יידישע אחדות, און אויף דעם בין איך אייך מקנא. ביי אונדזערע יענקיס איז יעדער איינער פאַר זיך. יענקישע פאַרמערס זענען אָפּגעצאַמט איינער פונעם אַנדערן מיט הילצערנע אָדער דראָטענע פּלויטן. דערצו שיכּורט איר נישט ביים פּישן, ווי אונדזעריקע, וואָס לאָזן נאָך זיך אַנגעוואָרפענע ליידיקע פלעשער פון בראָנפן און ביר־קאַנען... און מיין פרוי, ווען איר לאָזט איבער אַ סך מאָל עטלעכע פיש, האַלט פון אייך אַ וועלט. מיין נאָמען ווייסט איר דאָך אויך מסתמא. אפשר האָט איר פאַרגעסן. דערמאָן איך אייך: דזשאָן פיליפּס. איך שטאַם טאַקע פון דער געגנט, פון אַן אַלט־פּוריטאַנישער גזע, וואָס האָט מיט גרויסער שווערי־קייט געבויט דאָ זייער מילך־פאַרם אין דער באַרגיקער קאָנעטיקוט. זיי האָבן מיט די הוילע הענט געמוזט אויסרייניקן די ערד פון די שטיינער איידער מען האָט געקאָנט עפּעס פאַרזייען”.

מיסטער פיליפּס האָט גערעדט פּאַמעלעך. אַזוי איז ער אויך געפאָרן, געפאָרן און ווייטער גערעדט. ער האָט אָפּגעשטעלט די קאַר אין אַ זייט פונעם וועג און מיך אַרויפגעפירט אויף די שמאָלע ברעגשטיגן. דאָרט האָט ער מיר געוויזן די שיין־אויפגעבויטע צוואַנציק זומערהייזער, גע־מאַכטע פון די אָרטיקע ביימער־קלעצער, אינעם אַמאָליקן סטיל פון „לאָג־

קעבינס". אַפילו די שטיינערנע פונדאַמענטן זענען אויסגעקאָפּעטע פון די בערג אַרום, און די גאַר־ווייסע שטיינער פונעם פונדאַמענט ביי זיין שיף־גאַראַזש זענען אַרויסגעצויגענע פון די וואַסער־ברעגן.

מיסטער פיליפּס האָט מיר אויך געוויזן דעם אינעוויייניקסטן אָריגי־נעל־געבוי פון די הייזער מיט באַלקאָנען פון דריי זייטן, ווי אַ חת, גע־מאַכט פון נאַטירלעכע דינע בערעזע־ביימער.

„... ביים פּלאַנירן בויען די הייזער אין דעם סטיל האָב איך אין זינען געהאַט די האַרמאָנישע צופּאַסונג צום וואַלדיקן אַרום. איך האָב בדעה צו בויען נאָך אַ פינף הייזער... צוואַנציק הייזער האָב איך שוין, נאָך פינף, וועט זיין די צאָל פינף און צוואַנציק, ווי פונעם ענגלישן אַלפאַבעט... מיין ווייב, מיט וועמען איך האָב חתונה געהאַט מיט אַ צען יאָר צוריק.... (איר נאָמען איז דזשעראַלדין) איז פונעם אַמעריקאַנער שמעלצטאָפּ: האַלב פראַנצייזיש און האַלב שאָטלענדיש. אַ טייערע נשמה איז זי! איר גוטסקייט און בריהשאַפט האַרמאָנירן מיט איר שיינקייט. מען זאָל אויס־פאָרן אַ וועלט, קאָן מען נישט געפינען איר גלייכן!"

אַן אויפגעהייטערטער אין זיין פאַרליבטקייט, האָט ער אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף מיין אַקסל און גוטברודעריש צו מיר געזאָגט:

„די סיבה פון מיין פלאַפּלען היינט מיט אייך איז דערפאַר, וואָס דזשעראַלדין איז היינט זייער פרי אַוועקגעפאָרן קיין ניו־יאָרק איינצו־האַנדלען די סוף־זומערדיקע אויספאַרקויף־מציאות... איך קאָן זיך דאָ קיין אָרט נישט געפינען און איך ווייס נישט וואָס צו טאָן מיט זיך. האָב איך אייך געפּאַקט... דעם אמת געזאָגט, האָב איך שוין לאַנג געוואָלט רעדן מיט אייך. קומט איר אָבער נאָר אין די זונטיקס, ווען כ'בין פאַרנומען ביז איבערן קאָפּ מיט באַזאָרגן מיינע לאָקאַטאָרן אין די זומערהייזלעך. עטלע־כע פון זיי זענען יידישע אינטעלעקטואַלן פון ניו־יאָרקער אוניווערסי־טעטן".

מיסטער פיליפּס האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין האַנט־זייגערל און גע־זאָגט:

„עס וועט נאָך דויערן שעהען ביז מיין דזשעראַלדין וועט צוריקקומען. ווי איר קוקט מיך אָן, אין מיינע יאָרן, פיר איך נאָך מיינע יינגלשע ראָמאַנטישע שטיק מיט איר. פאַר אייך וועט עס אויסזען מאָדנע קאָמיש, אָבער ביי מיר מיט דזשעראַלדין איז דאָ אַן איינגעפירטע טראַדיציע, אַ נאָטירלעכע: יעדן פאַרטאָג, ווי איך שטיי נאָר אויף, שלייך איך זיך שטיל אַרויס פון הויז, איך זאָל איר נישט שטערן דעם זיסן שלאָף, דעם יונגן, קלייב אָן אין די בערג די שענסטע וואַלד־בלומען, ווי:ווילדע רויטע רויזן, געל־גאָלדענע מאַרגארעטן — אַלע נאָך מיטן פריש־מאָרגנדיקן טוי אויף זיי. איך פאַרבינד זיי מיט לאַנגע טאַטרע־גראָזן אין אַ קיילעכדיקן בוקעט; נאָך דעם לייג איך זיי אַוועק, איינגעוויקלטע אין קאָלירט ביבעלע־פאַפיר אין אַ באַהעלטעניש. יעדן טאָג זוך איך אויס אַן אַנדער באַהעלטעניש, און ווען זי שטייט אויף, איז איר ערשטע עובדה צו געפינען די בלומען”.

מיסטער פיליפּס האָט זיך צעלאַכט מיט אַ יונג געלעכטער.

„איר ווייסט, איך פאַרשטעק די בלומען אַזוי קונציק, אַז זי זאָל זיי אַזוי גיך נישט געפינען. און וואָס לענגער זי זוכט, מער פרייט זי זיך”.

ער האָט ווויליונגעריש אַ ווונק געטאָן צו מיר און מיט אַ צייכן פון זיין האַנט מיך געבעטן אים נאָכגיין. מיר זענען אַריין אין דער געדיכטעניש פון וואַלד. עס האָט לאַנג נישט געדויערט, און איך האָב דערזען פאַר זיך אַ נייע געביידע, אין גאַנצן אַן אַנדערע ווי די איבעריקע הייזער, וואָס איך האָב פריִער געזען.

פיליפּס האָט מיר דערציילט, און זיינע אויגן האָבן דערביי יוגנטלעך געפינקלט, אַז אָט די געביידע איז אַן איבערראַשונג פאַר זיין דזשעראַלדין צו איר דרייסיקסטן געבוירנטאָג. ער האָט מיך אַרומגעפירט איבער אַלע חדרים, וואָס זענען געווען אויסגעשטאַט מיט אַנטיקע מעבל און די דילן פאַרשפּרייט מיט טייערע טעפּעכער. אויף עטלעכע ווענט זענען געהאַנגען פראַנצייזישע גאָבעלין־דיוואַנעס. און אָט די אַנטיקע אויסשטאַטונג איז

געווען דורכגענומען מיט אַלע מאָדערנע איינריכטונגען און באַקוועמלעכ־קייטן.

אומגעריכט האָט ער אַ זיפץ געטאָן, און זיין מונטערער בליק האָט זיך פאַרטונקלט. אין איין מאָמענט האָט מיסטער פיליפּס מיר אויסגעזען ווי עלטער מיט צען יאָר. איך האָב אָנגעשטעלט מיין פרעגנדיקן בליק אויף אים. ער האָט מיך פאַרשטאַנען און געזאָגט:

„יאָ, מיין פריינד. זי האָט דאָס אַלץ שוין געזען. און ווען איך האָב זי צום ערשטן מאָל אַריינגעפירט אַהער, האָט זי, אין איר איבעראַשונג, מיך אַרומגענומען, און מיר געגעבן דרייסיק קושן. זי האָט מיר געדאַנקט און געדאַנקט:

„פאַרגיב מיר, טייערער מאַן מיינער, איך שאַץ אָפּ דיין גוט האַרץ, אָבער איך בעט דיך, איך בעט דיך זייער! איך קאָן נישט אָננעמען די שיינע מתנה, און איך וויל אויף ווייטער בלייבן אין אונדזער באַשיידן זומערהויז אַקעגן דעם שיף־גאַראַזש, וווּ מיר וווינען שוין זינט אונדזער חתונה״.

איך האָב זיך דערפילט אומהיימלעך און זיך געלאָזט צו דער טיר. פיליפּס איז מיר נאָכגעגאַנגען און איך האָב געזען אין אים, אַז ער וויל פאַרגעסן אין דעם, וואָס ער האָט מיר ערשט דערציילט. ער האָט מיר אָנ־געוויזן אויף דעם קעגנאיבערדיקן ראָטאַרי־קלוב פאַר די רייכע און עקס־לוזיווע יענקיס פון דער ליטשפילדער געגנט אַרום.

„דאָרטן״ — האָט פיליפּס געזאָגט — „בין איך אַ פּערסאָנאַ נאָן גראַ־טאַ... זיי האָבן מיך פיינט. זיי רופן מיך הינטער מיינע פּלייצעס „מיסטער פישל״, ווייל ביז איך האָב איינגעקויפט די אַלע לענדערייען, האָבן זיי, דורך פאַרשידענע שפּיצלעך און דריידלעך, נישט אַריינגעלאָזט קיין ייִדן און איטאַליענער. איך האָב גלייך פאַרקויפט אַ שטיק לאַנד אַ יונגן, אַמ־ביציעזן איטאַליענער. איך האָב אים אַפילו געבאָרגט געלט אויף אַ רעס־טאָראַציע. ער האָט אויסגעבויט איינפאַכע הייזער פאַר טוריסטן, אויף איבערצונעכטיקן, פאַר אַ צוגענגלעכן פּרייז. ער האָט אַוועקגעשטעלט ביים

ברעג טייך קליינע שיפלעך צום פאַרדינגען פאַר אַרבעטער און קליינע געשעפטלייט, צו שיפלען זיך און צו כאַפּן פיש. מיינע הייזער האָב איך פאַרדונגען פאַר ניו־יאָרקער לערערס און פּראָפעסאָרן פון ניו־יאָרקער אוניווערסיטעטן, די מיינסטע פון זיי יידן, קינדער פון אימיגראַנטן.

איין מאָל ביי אַ קלוב־פאַרזאַמלונג פון די ראָטאַריענס, איז געקומען צו אַ סקאַנדאַל. איינער פון זיי האָט מיר ווידער פאַרגעוואָרפן מיין אַרייג־ברענגען יידן אַהער. מיין ענטפער — אויף אַ הויך קול, כּדי אַלע זאָלן הערן — איז געווען, אַז זייערע שמאָלע רעסטריקציע־באַגריפן קעגן יידן און אַנדערע אימיגראַנטן, זענען קעגן אונדזער דעמאָקראַטישן פרייהייט־באַגריף. אויך אייערע עלטערן, האָב איך אויסגערופן, זענען געווען אָרעמע אימיגראַנטן!

אָבער זיי האָבן, מיט די קאָקטייל־גלעזער אין זייערע הענט, מיט שיכּורלעכע שטימען מיך פאַרשריגן: פישל! פישל! בין איך שוין געוואָרן אויסער זיך און זיי איבערגעשריגן: איר אַלע זענט דאָ אַ באַנדע פאַראַ־זיטן! איר אַלע לעבט פון די איבערגעלאָזטע פאַרמעגנס, וואָס איר האָט בירושה פון אייערע אָבות. איר האָט דאָך קיין אייגענעם דאָלאַר נישט פאַרדינט. אָבער די יידן, וואָס איך האָב אַהער געבראַכט, זענען דאָך די היינטיקע „סעלף מייד מען”, וואָס האָבן זיך אַרויפגעאַרבעט דורך ביל־דונג און דורך שווערער מי. איך אַליין בין דאָך אַ זון פון אַן אָרעמען קאָנעטיקוטער פאַרמער! איך בין געווען אויסגעשעפּט. וואָס נאָך האָב איך זיי געקאָנט זאָגן? בין איך אַוועק פון זיי, פאַרלאָזט דעם קלוב און קום מער נישט צו זיי”.

# קאַפּיטל פיר

ביים אַריינזעצן זיך צוריק אין זיין אויטאָמאָביל, האָט מיר פיליפּס דערציילט, אַז צו פערצן יאָר האָט ער פאַרלאָזט זיין היים. ער האָט געוואַנדערט אין דער ווייטער „וועסט". „איך האָב געליטן נויט און דחקות. עס איז געקומען דער איצטיקער יאָרהונדערט; עס האָט זיך אָנגעהויבן די אינדוסטריעלע אַנטוויקלונג. איז מיר איינגעפאַלן צו העלפן די יונגע אינדוסטריעס מיט רעקלאַמע"...

ער איז אַוועק אין די הויפּט־ביוראָען פון ניו־יאָרק און האָט זיי אָנגעבאָטן פּלענער, וואָס וועלן פאַרגרעסערן זייער הכנסה. דערפאַר דאַרף ער קריגן דריי פּראָצענט פון זייערע רווחים. זיי האָבן מסכּים געווען, און ער האָט זיך אַ נעם געטאָן צו רעקלאַמע אין די צייטונגען און אין די זשורנאַלן.

אין אַ קורצער צייט האָט ער געמאַכט אַ גרויס פאַרמעגן. מיט דער צייט האָט ער געעפנט אַ ביוראָ אויף מעדיסאָן־עוועניו, ניו יאָרק. מיטן אויפקום פון ראַדיאָ האָט ער דעם נייעם מעדיום באַנוצט פאַר זיינע גרויסע קליענטן, ווי „פאָרד מאָטאָר קאָמפּאַני", „ראָקעפעלער סטענדערד אויל" און אַנדערע.

ווען דאָס געשעפט האָט זיך צעוואַקסן, מיט עקספּערטן און רעקלאַמע־ספּעציאַליסטן, צווישן זיי פעיִקע יידישע מענטשן, ערשט פון די אוניווערסיטעטן אַרויס, האָט ער זיך דערפילט אַן איבעריקער אין זיין גרויסער אונטערנעמונג. דעמאָלט האָט ער זיך דערזען אין שפּיגל מיט אַ גרויען קאָפּ האָר.

האָט ער איבערגעלאָזט די געשעפט־פאַרוואַלטונג צו עטלעכע מענטשן און איז צוריקגעקומען אַהיים, אין קאָנעטיקוט. אָבער אויך דאָ האָט ער

נישט גערוט. ער האָט געפונען אַ ניי פעלד פאַר זיינע אַמביציעס: בויען הייזער.

זיין דזשעראַלדין האָט ער אויסגעווײלט צווישן זיינע פרויען־אָנגע־שטעלטע, און די אַנדערע פרוי, די עלטערע, וואָס קומט אַהער יעדע סוף־וואָך, יענע איז אַ הויכע עקזעקוטיוו־מיטגלידערין אין זיין ניו־יאָרקער געשעפט. זי איז אַמאָל געווען זיין פּריוואַטע סעקרעטאַרין. איר נאָמען איז אסתּר הורוויץ, אַ ברוקלינער אָרטאָדאָקסישן רבס אַ טאָכטער.

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין האַנטזייגערל. עס איז געווען פיר נאָך מיטאָג.

„וועל" — האָט ער געזאָגט — „איר ווייסט שוין באַלד מיין גאַנצן דורכגעגאַנגענעם לעבנסוועג. איך האָב היינט גערעדט אַזוי פיל, פאַר דער גאַנצער שווייגעניש מיינער אין די אַלע יאָרן, וואָס איר כאַפּט דאָ פיש. און אַזוי ווי דזשעראַלדין וועט ערשט קומען אַהיים שפּעט אין אָוונט, וועלן מיר צופאָרן אויף אַ קורצן באַזוך צו מיין פּערזענלעכן פריינד, מיסטער אָרנשטיין, וואָס איז שוין יאָרן לאַנג מיין באַראַטונג־אַדוואָקאַט".

מיר זענען טאַקע באַלד צוגעפאָרן צו אָרנשטיינען. ער איז אַרויסגע־קומען אַקעגן אונדז און אונדז באַגריסט. איך האָב אים באַטראַכט: אַ מיטליאָריקער, הויך־געוואַקסענער מאַן, מיט אַ לענגלעך פּנים, געדיכטע, שוואַרצע ברעמען און אַ גלאַטער ליסינע. ער האָט אויך מיך באַטראַכט און דערווייל זיך געגריסט מיט פיליפּסן און אים גערופןביים ערשטן נאָ־מען דזשאָן. אָרנשטיין האָט זיך גאָרנישט געריכט, אַז דער „ביזי בי" פּי־ליפּס זאָל אין אַ מיטן וואָכעדיקן טאָג פּלוצעם אַריינפאַלן צו אים. ער האָט אונדז פאַרבעטן אין די צימערן און אונדז מכבד געווען מיט אַ רויטלעך געטראַנק. ער האָט זיך פאַרענטפערט, וואָס זיין פרוי איז נישטאָ אונדז אויפצונעמען, ווי עס דאַרף צו זיין. זי איז אַוועק זיך באָדן מיט די אייניק־לעך, וואָס דער זון האָט נאָך לעצטן זונטיק דאָ געלאָזט.

פיליפּס האָט אים דערציילט פון דזשעראַלדינס פאָרן אין שטאָט אַריין איינקויפן מציאות ביי סאַקס אויף פינפטער עוועניו. ער האָט מיך פאַר־

געשטעלט פאַרן אַדוואָקאַט, אים דערציילט וועגן מיין פיש־כאַפּן און מיט איראָניע צוגעגעבן:

„ער איז שוין ביי אונדז אַ גוטער שכן. מיין דזשעראַלדין האַלט אים אין איין לויבן. עס קאָן זיין, אַז ער קויפט זי אונטער מיט שענקען איר פיש... דו ווייסט דאָך, סעם, ווי פאַרנומען איך בין, באַזונדער אין די זונ־טיקס מיט די שטענדיקע און צופעליקע געסט. איך האָב פשוט נישט ווען צו כאַפּן אַ שמועס מיט אָט דעם שכן מיינעם. נאָר היינט אַזוי ווי דזשער־אַלדין איז נישטאָ, האָב איך שוין גערעדט און גערעדט און אויסדערציילט פאַר מיין שכן מיין גאַנצע לעבנס־געשיכטע. איר מעגט דאָס וויסן — האָט ער זיך געווענדט צו מיר — „זינט איך האָב זיך באַקענט מיט סעמען, וואָס האָט געזאָלט ווערן אַ ראַביי... ווי הייסט דער טעאָלאָגישער סעמינאַר אייע־רער, סעם?"

„ישיבת ר' יצחק אלחנן" — האָט אים אַרנשטיין אַרויסגעהאָלפן.

„דאָס איז עס!" — האָט פיליפ אויסגערופן — „זאָג אים, סעם, אַז זינט מיר קענען זיך, בין איך שוין באַלד אַ האַלבער ייד... כ'קען אַלע יידישע דזשאָוקס, איך עס בייגל מיט לאָקס, פיקלד הערינג מיט זויערער סמעטענע, כשרע סאַלאַמי... איך כאַפּ אַ מאָל אַריין אַפילו אַ קניש, וואָס פאַרפעטסט מיר די ליפּן... איך האָב שוין איין מאָל אין אַ סאַבאָט ביי סע־מען געגעסן טשאָלנט. ביז היינט ליגט מיר נאָך דער טעם אין מויל... מער ריר איך זיך נישט צו צו דעם... ער איז דער אמתער היברו. און טאָקע דערפאַר רעספּעקטיר איך אים און האָב צו אים דעם גרעסטן צוטרוי.

# קאַפּיטל פינף

אַ לאַנגע צייט בין איך נישט געפאָרן אויף פישפאַנג ביים טייך נאַגאַמאַטאַק. איך בין געווען אויף אַ רייזע אין איראָפּע. איך בין צוריק־געקומען קיין ניו־יאָרק אין די זומערדיקע היצן, וואָס האָבן אָנגעגליט די פון שטיין און שטאָל הויכע געביידעס און די טראָטואַרן. אין אַ זונ־טיקדיקן פרימאָרגן האָב איך זיך געלאָזט פאָרן צו מיין באַליבטן נאַגאַ־מאַטאַק.

מיין האַרץ האָט געקלאַפּט, ווי ביי אַ פאַרליבטן וואָס קערט זיך אום צו זיין געליבטער. איך בין אַריין אינעם געדונגענעם שיפל און געבליבן שטיין מיט די רודערס אין די הענט. איך האָב געקוקט צו די וואַלדיקע בערג מיט שנייוויסע בערעזע־ביימער אַרום, און מיט אַ מאָל האָב איך דערפילט, אַז איך זינג אַן אַלטע מעלאָדיע, וואָס האָט די גאַנצע צייט געדרעמלט ערגעץ אין מיר און איצט, ווי אַ באַפרייטע, זיך געטראָגן איבערן טייך.

איך האָב גערודערט מיין שיפל צום ברוינעם שיף־גאַראַזש, און נאָך פון דער וייט באַמערקט, אַז ער פעלט מיר. איך האָב זיך נישט געגלייבט, ביז איך בין צוגעקומען צום ברעג. און וואָס האָב איך דערזען? אַ חורבה. דער גאַראַזש איז פאַרברענט. שטיקער אַשיקע, ברוין־הילצערנע האַלעוועשקעס האָבן זיך נאָך אַרומגעוואַלגערט, ווי אַ זכר לחורבן.

וואָס איז דאָ געשען? אַ שׂרפה? ווען? אויב לאַנג צוריק, וואָלט מיסטער פיליפּס דאָס צוריק איבערגעבויט, שרעק־בילדער זענען מיך באַפאַלן. איך האָב אין שיפל נישט געקאָנט איינזיצן. איך האָב נישט געפילט, ווי דאָס רעדל מיטן שנור זענען פון מיינע הענט אַרויסגעפאַלן. איך האָב אַ צי געטאָן די מכשירים פונעם וואַסער, אָבער דער שנור האָט זיך פאַרפּלאָנטערט, און דאָ איז מיר איין רודער אַריינגעפאַלן אין וואַסער. מיין צעדרודערונג איז

געוואַקסן. איך האָב קוים אויפגעהויבן די אַנקערס און מיט איין רודער זיך געיאָגט נאָכן צווייטן. איך האָב אים נאָך גרויס מאַטערניש קוים געפּאַקט און שוין גערודערט ווייטער.

די זון האָט שוין באַלויכטן די וואַלדיקע גרינקייט אַרום. די קליינע וואַסער־פּאַליעלעך האָבן זיך געמיניעט אין אַ בלוילעך־זילבערדיקן איבערגוס. דאָס שיפל האָט זיך פון זיך אַליין געפירט און מיטן שטראָם זיך געשטרעקט צום צווייטן ברעג. איך בין געשטאַנען אין מיין שיפל מיט די רודערס אין די הענט, ווי אויף צוויי קוליעס, און כ'האָב נישט געקאָנט אָפּרייסן מיינע אויגן פונעם חרובן גאַראַזש.

איך האָב זיך דערמאָנט אין דעם אַדוואָקאַט אַרנשטיין. אויב ער איז נאָך דאָ, וועל איך שוין ביי אים אַלץ זיך דערוויסן. איך האָב פאַראַנקערט דאָס שיפל און בין אַריבער דעם שוואַרצן אַספאַלטירטן וועג. איך האָב גע־זוכט דאָס באַקאַנטע הויז, אָבער איך האָב עס נישט געפונען. אויפן זעלבן אָרט איז געשטאַנען אַן אַנדער הויז, אַנדערש געבויט. איז ער, אַרנשטיין, אויך פאַרשוווּנדן? איך בין צוגעקומען צו די פאָדערשטע טרעפּ פונעם נייעם הויז; כ'האָב געזען דאָס עלעקטרישע טיר־קנעפּל און שטאַרק אָנ־געדריקט. באַלד האָב איך דערהערט טריט און איך האָב שיער נישט אויס־געשריגן פון פרייד — די פאַרריגלטע טיר האָט זיך אָן עפן אויף געטאָן און אין איר פירעק האָב איך דערזען אַרנשטיינען.

„העלאָ!" — האָט ער אויסגערופן — „ווו זענט איר געווען אין די גרוי־סע פרעסט און אין די שיינע זומערס?"

ער האָט זיך מיט מיר אַרומגעכאַפּט, ווי מיט אַ געפונענעם קרוב, און מיך, פאַרבעטן אין הויז אַריין. ער האָט געוואַרט איך זאָל אָנהייבן צו דערציילן. מיר איז שווער געווען צו רעדן. דער אַדוואָקאַט האָט מיר אַרויסגעהאָלפן מיט שטעלן פראַגן. איך האָב אים קוים געענטפערט. איך האָב גיכער געוואָלט וויסן, וואָס איז געשען מיט די פיליפּסעס. איך האָב מיט איין מאָל איבערגעריסן מיין דערציילונג וועגן דער רייזע מיינער און געפרעגט אויף די מענטשן און אויף דער סיבה פונעם פאַרברענטן

גאַראַזש. דער אַדוואָקאַט האָט אָפּגעזיפֿצט און נערוועז געקלאַפּט מיט די פֿינגער אויף זײַנע קני. עס איז אים שווער געווען צו דערציילן. ער האָט מיך גאָר געפֿרעגט, צי געדענק איך די פֿרוי, די טונקעלע, די שטענדיקע באַזוכערין אין די זומערדיקע זונטיקס ביי די פּיליפּסעס. נו, אַוודאי געדענק איך זי!

אַרנשטיין האָט אָנגעהויבן:

„עס איז שוין אַוועק איבער פֿיר יאָר... אָט פּונקט ווי איצט, אין סוף חודש יוני" — אַרנשטיין האָט גערעדט, און פֿאַר מײַנע אויגן איז גע־שטאַנען דער סילועט פֿון דער טיפּיש־ייִדישער פֿרוי. זי פֿלעגט דאָך זײַן ווי איינע פֿון דער פֿאַמיליע. אַ סך מאָל פֿלעגט זי פֿאַרבייגיין מײַן שיפּל מיט פּיליפּסעס יונגן ייִנגל.

„יאָ, יאָ!" — האָב איך אויסגערופֿן — „איך געדענק זי זייער גוט. פּיליפּס האָט מיר דערציילט, אַז זי הייסט אסתּר. דעם פֿאַמיליען־נאָמען אירן געדענק איך נישט".

„הורוויץ" — האָט אַרנשטיין געזאָגט און ביטער געשמייכלט. ער האָט זיך אָנגעהויבן צו שאָקלען, ווי אַ לערנער ביי אַ שווערער סוגיא, און ווייטער גערעדט — „אָט די פֿרוי, אַ רבס אַ טאָכטער פֿון ברוקלין, האָט נאָכן גראַדויִרן פֿון סיטי־קאָלעדזש באַקומען אַ שטעלע אין מיסטער פּי־ליפּסעס ביוראָ אינעם סאַמע ברען פֿון זײַן דערפֿאָלגרײַכן אויפֿשטייג. און זי, מיט איר שאַרפֿן קאָפּ — מסתּמא אַ ירושה פֿונעם טאַטן אירן — האָט אַזוי גיך תּופֿס געווען דאָס רעקלאַמע־געשעפֿט, אַז פּיליפּס האָט זי דערהויבן צו ווערן זײַן פּריוואַטע סעקרעטאַרין מיט אַ הויכן געהאַלט. חוץ דעם האָט ער זי באַשאָטן מיט אַ סך טייערע מתּנות, זי מיטגענומען צו זײַנע קאָנפֿע־רענצן אין די רײַכע האָטעלן און קלובן, וווּ ער האָט זיך געטראָפֿן מיט זײַנע קליִענטן פֿון די גרויסע קאָרפּאָראַציעס. די חבֿרה לאָזט זיך ווילגיין כּיד המלך. טייל מאָל האָט מען געהוליעט ביזן ווייסן טאָג אַריין. קיין צדיקים זענען זיי נישט...

ווען זי איז אַ סך נעכט נישט אַהיימגעקומען פלעגט זי פאַרן פּאַטער צוקלערן כּלערליי תּירוצים. עס איז אַזוי ווייט דערגאַנגען, ביז זי איז טראָגעדיק געוואָרן פון פיליפּסן. דאָס ערשטע האָט מען געטראַכט פון אַן אָפּטרייבונג. אָבער איידער מע האָט זיך אַרומגעקוקט, איז שוין געוואָרן שפּעט. דאָס אָפּטרייבן האָט שוין געשמעקט מיט סכּנות נפשות. איז געבליבן ווידער אָפּצונאַרן דעם אַלטן טאַטן אירן, אַז זי איז אַוועק „אין וויכטיקע אינטערעסן פונעם געשעפט". פיליפּס, הייסט עס, האָט זי אַוועקגעשיקט אין אַ ווייטער שטאָט אויף עטלעכע חדשים ביז זי וועט געבוירן דאָס קינד. און דערווייל האָט פיליפּס צוגענומען אַ נייע פּריוואַטע סעקרעטאַרין, אָט טאַקע דאָס ווייב זיינס, דזשעראַלדין, דעמאָלט אַ שיינע און אַ יינגערע ווי אסתּר, און אַ קריסטין דערצו פון דער זעלבער קירכע ווי ער...

פיליפּס ווי אַ דזשענטלמען, האָט אסתּרן, בעת איר פאַרשוואַנגערן, פאַרגעשלאָגן חתונה האָבן מיט איר, נישט ווייל ער איז געווען אַזוי שטאַרק פאַרליבט אין איר, נאָר צו לעגאַליזירן דאָס קינד. ער האָט זיך מתוודה געווען פאַר מיר אַז ער האָט נישט באַהאַלטן קיין זאַך פון מיר, אַפילו דאָס אינטים־פערזענלעכע. איך האָב עס טאַקע איר געמאַכט זיין פאַרשלאָג. שטעלט זיך נאָר פאָר, וואָס איך האָב דערביי געפילט, און ווי אסתּר האָט מיך אויסגעהערט. נאָך איידער איך האָב געענדיקט רעדן, האָט זי זיך צעוויינט און כּליפּענדיק מיך געפרעגט:

„מיסטער אָרנשטיין! איר ווייסט וואָס עס מיינט ביי אונדז חתונה האָבן כּדת משה וישׂראל?... ביי אונדז הייסט נישט דאָס חתונה־פינגערל סתם אַ „וועינג־רינג", נאָר קידושין־פינגערל! ביי אונדז חתונה האָבן מיינט: געהייליקט ווערן צו גאָט. און דאָס געבוירן פון אַ קינד, ביי אונדז יידן, איז פאַרבונדן מיט הייליקייט, מיט טבילה"...

אסתּר האָט גערעדט, ווי אַ באַנומענע. איך בין, ווי אַ שולדיקער, געזעסן און געהערט. זי האָט, חוץ אַלעמען, שטאַרק רחמנות געהאַט אויף איר טאַטן. זי וועט אים נישט אומגליקלעך מאַכן, זי וועט אים

נישט פאַרלאָזן. און פיליפּס? ער איז נאָך נישט אַזוי אַלט און ער דאַרף האָבן אַ שטענדיק ווייב און אַ היים...

„ניין, ניין!” — האָט זי אויסגערופן — „דאָס דאָפּלטע לעבן איז נישט פאַר מיר. חתונה האָבן מיט פיליפּס? אויסגעשלאָסן! זי האָט עס שוין אויך פיליפּסן געזאָגט”.

**אליעזר קופערמאַן**

# קאַפּיטל זעקס

ווען דאָס קינד איז געבוירן געוואָרן, אַ שיין, געזונט יינגעלע, האָט אסתּר, אין דעם עקסקלוזיוון פּריוואַטן קליניק, געפּראַוועט אַ ברית, מיט אַ מוהל און מיט אַ מנין... וועגן איר „מאַן" האָט זי אָנגעגעבן, אַז ער איז אין אַ סאַנאַטאָריום. דעם יינגל האָט זי אַ נאָמען געגעבן ישׂראל־חיים, נאָכן זיידן פון איר פאַרשטאָרבענער מוטער.

פאַרן אַרויסגיין פונעם שפּיטאָל האָט זי דאָס קינד באַזאָרגט ביי אַ יידישער קראַנקן־שוועסטער.

ביים צוריקקומען אַהיים, האָט זי פיליפּסן דערציילט וועגן דעם ברית, וואָס זי האָט געפּראַוועט אין שפּיטאָל. ער האָט זי אויסגעהערט און גאָר־נישט געזאָגט וועגן דעם. פיליפּס האָט געהאַט פאַר איר אַן איבערראַשונג: ער האָט זי אַריינגעפירט צום אַלעם ערשטן אין זיין ביוראָ און זי פאָרגעשטעלט פאַר זיין נייער סעקרעטאַרשע, דזשעראַלדין מעקלעין. נאָך דעם האָט ער אסתּרן אַרויפגעפירט אַ שטאָק העכער און איר געוויזן איר נייעם אָפיס. איידער זיי זענען אַריין אינעווייניק, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און געקוקט אויפן מעטאַלענעם שילדל, דעם צוגעשרויפטן צו דער שיינער טיר. אויפן שילדל איז געווען געשריבן: „וויִס־פּרעזידענטין". יאָ, פיליפּס האָט אסתּרן באַקרוינט מיט אַ נייעם טיטל, און ער איז געווען זיכער, אַז אין יענעם מאָמענט האָט ער זי באַלוינט פאַר אַלע ליידן וואָס ער האָט איר פאַרשאַפט. און, כדי צו פאַרגרעסערן און פאַרשענערן די איבערראַשונג, האָט ער זי פאָרגעשטעלט פאַר אַלע אָנגעשטעלטע אין אָפיס מיט איר נייעם, שיינעם טיטל „וויִס־פּרעזידענטין" אסתּר הורוויץ און שעף פון דעם דעפּאַרטאַמענט.

זי האָט, אַ בלאַסע, זיך קוים אויף די פיס געהאַלטן, אָבער זיך נישט אונטערגעגעבן. זי האָט אויף אַלע באַגריסונגען העפלעך געענטפערט

מיט אַ לייכטן נייג פון איר שיינעם, טונקעלן קאָפּ. זי האָט גענזען, ווי די מענטשן אין אָפּיס שטעלן זיך אויף פאַר איר... זי האָט קאַלטלעך געדריקט פיליפּסעס האַנט און מיט פאַרביסענע, ציטערדיקע ליפּן זיך געזעצט אויף איר שיינעם שטול ביים פּרעכטיקן שרייבטיש.

און פיליפּס האָט זיך דערווייל פאַרליבט אין זיין יונגער סעקרע־טאַרין נאָר אַזוי, ווי אַן אַלטער קאָן זיך איינליבן אין אַ יונג מיידל... דאָס איז נאַטירלעך. דער חידוש איז, וואָס אַט דאָס יונגע און שיינע מיידל האָט זיך פאַרליבט אין פיליפּסן. ווי קאָן מען עס דערקלערן? אָבער אַזוי איז עס געשען. דער עלטערער מאַן און די יונגע פרוי האָבן אויסגעזען אַזוי פאַרליבט איינער אין אַנדערן, אַז עס איז שוין פאַר קיינעם קיין סוד נישט געווען, און, נאַטירלעך, אויך פאַר אסתּרן. זי האָט זיך באַמיט צו צווייפלען אין איר פאַרדאַכט און זי האָט דעם פּאַרל אָנגעהויבן נאָכצושפּירן. זי האָט קיין טעות נישט געמאַכט. די אייפערזוכט און שׂינאה צו דזשעראַלדין האָבן זי נישט אָפּגעלאָזט, אָבער מיט דער צייט האָט זיך דאָס פייער פון שׂינאה ביי איר ווי אָפּ־געקילט און זי האָט געפונען אַן אַנטרינונג אין אָפּגעבן זיך אין גאַנצן מיט איר פאָטער, וועמען זי האָט פאַראַכפּערט מער און מער. זי האָט אַפילו שטיל איבערגעטראָגן די חתונה פון פיליפּסן מיט דזשעראַלדין. פיליפּס האָט דערווייל אויסגענוצט אַלע זיינע פעיִקייטן צו דערנענ־טערן די צוויי פרויען. ער האָט ביידן געהעכערט די געהאַלטן, ביידן געקויפט טייערע מתּנות, און ווען אים האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס איז נישט גענוג, האָט ער זיך פאַר מיר, ווי געווייינטלעך, פאַרטרויט, און מיך געבעטן צונויפצוברענגען אסתּרן און דזשעראַלדין ביי מיר אין הויז.

איך ווייס נישט אויף וויפל מיין „אינטערווענץ" האָט דאָ געשפּילט אַ ראָל פון איבערבעטן און צוזאַמענברענגען די צוויי קאָנקורענטינס. איין זאַך איז זיכער: דזשעראַלדין מיט איר קלוגשאַפט און טאַקט האָט מיר צוגעהאָלפן דורכפירן מיין מיסיע. שטיל און בהדרגהדיק האָט די יונגע פרוי געוווּנען אויף איר זייט די עלטערע, אסתּר, און ווען מען האָט זיי

שפּעטער געזען אין איינעם, האָט מען געהאַט דעם איינדרוק, אַז דאָס זענען נישט נאָר גוטע פריינדינס, נאָר שיִער־נישט ווי צוויי שוועסטער.

דאָס קינד איז דערווייל געוואַקסן, און אַלע דריי, פּיליפּס, אסתּר און דזשעראַלדין האָבן געשעפּט נחת פונעם יִינגעלע. זיי האָבן זיך געקוויקט מיט זיינע ערשט־שפּראָצנדיקע ציינדלעך, מיט זיינע ערשטע וואַקלדיקע טריט, ווען זיי האָבן אים געפירט ביי די קליינע, ווייכע הענטלעך; זיי האָבן אין איינעם געלאַכט און זיך געפרייט מיט זיינע ערשטע שטאַמלענדיקע ווערטער. אויב דזשעראַלדין האָט מיט איר טאַקט געוווּנען אסתּרן, האָט דאָס קליינע, חנעוודיקע יִינגעלע פאַרבונדן אַלע דריי ווי איין משפּחה.

וואָס עלטער דאָס יִינגל איז געוואָרן, אַלץ מער האָט אסתּר אין אים דערזען ווי אַ מין פאַרוואַנדלונג פון זיין זיידן. דער נאָמען זיינער דזשאָן פּיליפּס דזשוניאָר האָט פון זיין יִידישלעך פּנים גאָרנישט געמינערט.

דעמאָלט זענען זיי ווידער געקומען צו מיר זיך עצהנען וואָס ווייטער צו טאָן מיטן קינד. מיין מיינונג איז געווען — אים איבערגעבן אין אַ פרום יִידיש הויז ביז די חדר־יאָרן, דערנאָך אים אָוועקשיקן אין אַ וויי־טער שטאָט און דאָרט אים אַריינגעבן אין אַ ישיבה. דאָרט וועט ער זיין פאַרנומען אין לערנען און קיין צייט נישט האָבן צו פרעגן שאלות, וואָס די מוטער וויל אויסמיידן. דערווייל וועט ער דערצויגן ווערן אינעם גייסט פון זיינע אָבות. לויטן יִידישן דין און לויט דער יִידישער טראַדי־ציע, האָב איך זיי געזאָגט, געהער דאָס קינד צו דער מוטער.

זיי האָבן מיך אויסגעהערט און עס האָט אויסגעזען, אַז פּיליפּס און דזשעראַלדין זענען מסכּים מיט מיר. די איינציקע, וואָס האָט זיך גע־קווענקלט, איז געווען די מאַמע. זי האָט געהאַט דאָס שווערסטע פּראָב־לעם: גוט, זי וועט זיך שיידן מיטן קינד, אָבער זי וועט דאָך אים וועלן זען. וועט זי אים באַזוכן. וועט ער איר שטעלן פראַגן, און צום אַלעם ערשטן, וועט ער דאָך מסתּמא וועלן פאָרן אַהיים... וואָס וועט זי אים זאָגן? וואָס פאַר אַ תּירוצים קאָן זי צוקלערן? און וואָס וועט זי פאָרט

טאָן, ווען דאָס קינד וועט זיך איינשפּאַרן צו פאָרן אַהיים. וואָס פאַר אַ היים און וועמענס היים? אַהיים מיינט דאָך צו איר פאָטער. דאַרף זי דאָך דעם טאַטן אַלץ דערציילן, זיך מתוודה זיין פאַר אים און בעטן מחילה. דאָס האָב איך איר טאָקע געראָטן, אָבער אויף אַזאַ שריט האָט זי זיך נישט געקאָנט באַשליסן; דאָס האָט פּשוט געמיינט מקצר זיין דעם טאַטנס יאָרן. ניין, דאָס האָט זי נישט געקאָנט און נישט געטאָרט טאָן.

און ער, פיליפּס, האָט פון אַוועקשיקן דאָס קינד הערן נישט געוואָלט. האָבן זיי צווישן זיך אָפּגעמאַכט, אַז דאָס קינד נעמען זיי צו זיך אַהיים. זיי וועלן דאָס יִינגל דערציִען ווי עס פּאַסט פאַר אַ פיליפּס דזשוניאָר. דזשעראַלדין וועט פיגורירן ווי זיין מוטער. און אסתּר זאָל קומען צו זיי ווען נאָר זי וועט וועלן. זי וועט זיך שפּילן מיטן קינד און אים געבן איר מוטערלעכע צערטלעכקייט. אַזוי וועט עס אָנגיין ביז ער וועט ווערן אַכצן יאָר און וועט שוין זיין אַ דערוואַקסענער, באַוווסטזיניקער מענטש — דעמאָלט וועט מען אים דערציילן דעם גאַנצן אמת און אים לאָזן אַליין דעצידירן.

אסתּר האָט מסכּים געווען און פיליפּס האָט דערביי געהאַט זיין אויסרע־כענונג: וואָס עלטער דאָס יִינגל וועט ווערן, אַלץ ווינציקער שליטה וועט אסתּר האָבן איבער אים, און דאָס יִינגל וועט זיכער בלייבן ביי אים, ביים פאָטער. אויך אסתּר האָט געהאַט אירע פּלענער: ביז דזשאָני וועט אַלט ווערן אַכצן יאָר, וועט איר פרומער טאַטע שוין מסתּמא זיין אויפן עולם האמת. ווי שטאַרק זי האָט ליב געהאַט דעם פאָטער, האָט ערגעץ טיף אין איר געלעבט אַ האָפענונג אויף זיין טויט. דעמאָלט וואָלט זי גענו־מען דאָס קינד צו זיך און ער וואָלט אין גאַנצן געוואָרן אירער, אַ ייִד מיטן אמתן ייִדישן נאָמען, און נישט דזשאָני פיליפּס דזשוניאָר. אין דער פרוי איז פאָרגעקומען אַן אמתער ויתרוצצו. זי האָט זיך געשראָקן פאַר אירע געדאַנקען און פאַר אירע פאַרלאַנגען.

היות ווי מען האָט זיך פאַרלאָזט אויף מיר, האָב איך זיי אַלע גע־וואָרנט וועגן די טראַגישע קאָנסעקווענצן פון זייערע פאַלשע חשבונות.

אָבער מײַנע טענות האָבן נישט געהאָלפֿן. זײ זענען געבליבן בײַ זײַעריקן, װי די מערהײט מענטשן, װאָס האָבן נישט ליב אין אַן עת צרה צו קוקן דער װירקלעכקײט אין די אױגן, נאָר אָפּלײגן, אָפּשטופּן אױף שפּעטער.

אַזױ איז דער פּלאַן זײַערער געגאַנגען ביז אסתּרס פּאָטער איז געשטאָרבן. דעמאָלט איז שױן דאָס ײִנגל אַלט געװען פֿופֿצן יאָר. ער האָט געלערנט אין די בעסטע פּריװאַטע שולן. ער האָט זיך אױסגעצײכנט אין די לימודים מיט אַ שאַרפֿער תּפֿיסה פֿון באַנעמען די שװערסטע און קאָמפּליצירסטע פּראָבלעמען. אַפֿילו פֿיזיש האָט ער זיך גוט אַנטװיקלט און געװאָרן דער בעסטער פֿוטבאָל־שפּילער.

אָבער װען ער איז געשטאַנען אַקעגן שפּיגל און זיך באַטראַכט, האָט ער געזען זײַן עכט־ײִדישלעכן פּנים. ער האָט זײַן אײגן געזיכט נישט געקאָנט סובל זײַן. אין אַזױנע מאָמענטן האָט ער זיך געפֿרעגט: װי קומט דאָס צו מיר? איך, אַ זון פֿון קריסטלעכע טאַטע־מאַמע, זע אױס װי אַ ראַבײ. ער האָט זיך אָנגעהױבן צו דערװײַטערן פֿון זײַנע ײִדישע חברים. ער האָט געשפּעט פֿון זײ און ביסלעכװײַז האָט ער זיך פֿאַרװאַנדלט אין אַן אמתן אַנטיסעמיט. ער האָט אָפֿן אַרױסגעװיזן זײַן שינאה צו ײִדן, און װען ער איז אַהײמגעקומען זומער צו גאַסט, האָט ער מער נישט געקאָנט פֿאַרלײדן די „ײִדישע אסתּר" װאָס האָט זיך אַזױ שטאַרק געטוליעט צו אים.

דעם זומער האָט ער זיך נישט געגליטשט אױפֿן טײַך, װי אין די פֿריִערדיקע יאָרן. אַ מרה־שחורה איז געלעגן אױף זײַן יונג געזיכט. דער פּאָטער האָט גוט געזען, װי דער בחור לײַדט, און ער האָט אים אײן מאָל אַ פֿרעג געטאָן:

„װאָס איז דיר? אפֿשר ביסטו נישט געזונט?"

„נישט געזונט?" — האָט דזשוניאָר איבערגעפֿרעגט מיט ביטערער איראָניע — „געזונט בין איך, פּאָטער, אָבער איך מוז דיר זאָגן דעם אמת: איך קאָן נישט פֿאַרטראָגן מײַן ײִדישן אױסזען. טו אַ קוק אױף מײַן פּנים".

דער פּאָטער האָט געקוקט אױפֿן זון, דער זון — אױפֿן פּאָטער. אינערלעך אײן װעלט, אײן פֿאַרלאַנג, אײן באַגריף: קריסטלעך, רײַך, שטאָלץ,

אָבער אויסערלעך — צוויי ראַסן, וואָס קאָנען זיך קיין מאָל נישט צונויפ־גיסן. דער זון האָט געקוקט אויפן פאָטער מיט אַ מין פאָרוווּרף, כאָטש ער האָט אים אין גאָרנישט חושד געווען. דער פאָטער האָט דערפילט זיין גרויסע שולד פאַרן זון, און כדי אים צו טרייסטן, האָט ער פאַרטיידיקט די ייִדן, און פאַר אַ מוסטער אים געוויזן דעם אַדוואָקאַט אָרנשטיין, וואָס איז אַן איבערגעגעבענער פריינד; און חוץ דעם האָט מר. פיליפס אָנגעוויזן דעם זון אויף נאָך און נאָך ייִדן, פעיִקע מענטשן און געטרייע אַרבעטער, אַן ווענען ער וואָלט נישט געקאָנט אויסקומען. דער פאָטער האָט גערעדט און געפילט, אַז ער איבערצייגט נישט דעם זון. האָט ער אין שפּאַס אַ זאָג געטאָן:

„נאָך עטלעכע יאָר וועסטו זיך פאַרלאָזן אַ בערדל און וועסט אויסזען ווי יעזוס קריסטוס אַליין, דער געטלעכער האַר פון אַלע קריסטן”.

דער יונגער דזשאָן פיליפס איז אויפגעשפּרונגען אַ צאַרנדיקער.

„איך וויל נישט זיין ווי ער, דער פאַרפייניקטער, דער געקרייציקטער! איך וויל אויסזען ווי די פייניקערס, די העלדישע רוימער, וואָס האָבן גע־וואָרפן די ערשטע קריסטן פאַר ווילדע לייבן אין די צירקן!”

ווען דער אַלטער פיליפס איז געקומען צו מיר, דערציילט וועגן דעם געשעעניש און ווידער געבעטן מיין עצה, האָב איך זיך נישט געררייצט מיט דעם באַרימטן זאָג „איי טאָלד יו סאָ”, נאָר איך האָב אים פשוט געראָטן דורך צוויי ברירות: אָדער נעמען דעם זון צו אַ פּלאַסטיק־כירורג, און ער וועט אים עטוואָס פאַרענדערן זיין פּנים, אָדער גאָר זיך ווענדן צו אַ גרויסן פּסיכאָאַנאַליטיקער און ביי אים זען אויסגעפינען אַ מיטל, ווי צו העלפן דעם ליידנדיקן בחור.

און ווידער איז געשען דאָס זעלבע וואָס פריִער. פיליפס האָט מיר אַפילו אָפּגעענטפערט מיט אַ ווערטל „די צייט היילט אַלץ אויס” און צוגעגעבן: זאָל ער נאָר עלטער ווערן, וועט ער אַנדערש ווערן. יונגע יאָרן, נאַרישע יאָרן”...

און ווירקלעך, דאָס ייִנגל האָט וויזט אויס זיך באַרויִקט. זיין לוסטי־קייט האָט אים ווידער באַהערשט און ער האָט ווידער אָנגעהויבן גליטשן

זיך אויפן שיינעם זילבערדיקן טייך. ער האָט גאַלאָפּירט אויף זיינע היל־צערנע גליטשערס איבער די צעכוואַליעטע וואַסערן. דזשעראַלדין האָט געפּירט דאָס שיפּל און לעבן איר איז געזעסן אסתּר. זי האָט געהאַלטן אויסגעדרייט איר פּנים צו אים און געשעפּט נחת פון זיין פלינקייט. ער האָט געוויזן קונצן: דאָ איז ער געשטאַנען אויף אַ שוועבנדיקן גליטשער מיט ביידע פיס. און באַלד אויף איין פוס.

אסתּר האָט געקוקט אויפן זון, באַטראַכט זיינע מוסקולירטע פיס און אָרעמס. ווי שיין און שטאַרק ער זעט אויס! זי האָט אַוועקגעדרייט איר קאָפּ, ווי זי וואָלט זיך נישט פאַרגונען צו קוקן אויף אים.

# קאַפּיטל זיבן

יענעם זומער האָט אסתּר געגומען אורלויב פון איר הויכן אַמט, כּדי צוו בלייבן דעם גאַנצן זומער לעבן דעם זון. זי האָט געטראַכט, ווי אַזוי הייבט מען אָן צו רעדן מיט דזשאַנין און אים לאָזן וויסן דעם גאַנצן אמת. אַז ער געהערט אין גאַנצן נאָר צו איר? זי האָט אָבער געדענקט דעם אָפּ־מאַך מיט פּיליפּסן און זיין ווייב, אַז זי מוז נאָך וואַרטן גאַנצע דריי יאָר. ווי קאָן זי אַזוי לאַנג וואַרטן? איר פּאָטער האָט שוין נישט געלעבט. די שטערונג איז אַריבער. אסתּר האָט מער נישט געקאָנט אונטערדריקן אירע מוטערלעכע געפילן און זי האָט געוואַרט אויף אַ געלעגנהייט.

איין מאָל, ווען דער זון איז אַוועקגעפאָרן קיין ניו־יאָרק צו אַ בייס־באָל־שפּיל, האָט די מוטער אַ רעד געטאָן מיט די פּיליפּסעס, אַז אפשר וואָלט שוין כּדאַי געווען צו דערציילן דזשאַנין דעם גאַנצן אמת. איז ער דאָך שוין אַ דערוואַקסענער בחור מיט אינטעליגענץ. צייט פאַר אים צו וויסן ווער זיין מאַמע איז.

אָבער די פּיליפּסעס האָבן זי אָפּגערעדט דערפון. ער איז נאָך צו יונג, האָבן זיי געטענהט. דאָס אַנטדעקן אים דעם סוד וואָס מען האָט אַזוי לאַנג באַהאַלטן, קאָן האָבן אויף אים אַ שלעכטע ווירקונג. און ס'איז זיי נישט שווער געווען זי אָפּצורעדן פון איר פאַרלאַנג, ווייל אויך זי האָט געזאָגט די געפאַר פאַר איר קינד. זי האָט ווייטער געוואַרט אויף אַ גע־לעגנהייט, און שטענדיק ווען זי האָט געוואָלט דורכפירן איר באַשלוס, האָט פּיליפּס געפונען אַ תּירוץ דאָס אָפּצולייגן.

„איר פאַרשטייט?״ — האָט מיסטער אָרנשטיין מיר דערקלערט ייִדיש־לעך, מיט אַ משל — „אַ היימישער שטעטלשער בעל־עגלה האָט געוואָלט שפּאָרן עטלעכע גראָשן אויף דער פאַשע פאַר זיין פערד. איז, אַנשטאָט היי, וואָס ער האָט דעם פערד געוויינטלעך געגעבן, האָט ער עס פאַרביטן מיט שטרויענער סעטשקע. דאָס פערדל האָט אַ קוק געטאָן אויפן נייעם מאַכל

און אויף דעם אַנדערן קאַליר, און נישט געוואָלט עסן. וואָס־זשע האָט דער בעל־עגלה געטאָן? ער איז געפאַלן אויף אַ המצאה: ער האָט געקויפט גרויסע שפּאַקולן מיט גרינע גלעזער, אַז דאָס געהאַקטע שטרוי זאָל אויס־זען ווי היי. דעם קאַליר האָט דער בעל־עגלה טאַקע געקאָנט בייטן, אָבער — נישט דעם טעם... דער סוס האָט דאָס נישט געוואָלט עסן און איז אויסגעגאַנגען פון הונגער, אויסגעצויגן די קאָפּיטעס... פּונקט אַזוי האָט פיליפּס געהאַנדלט לגבי אסתּרן: געפּרוווט געבן אַ צוצ׳ענדיקן קאָליר דער אומפאַרדיילעכער שפּייז".

מיסטער אָרנשטיין האָט ענדלעך געמאַכט אַ הפסקה. ער איז אַריין אין קיך און אַריינגעבראַכט צוויי קעז־סענדוויטשן מיט קאַלטער מילך. מיר האָבן זיך געוואַשן די הענט, געמאַכט די ברכות „על נטילת ידים" און „המוציא לחם מן הארץ" און שטיל געגעסן. נאָכן בענטשן זענען מיר אַרויס אויף דער ווערענדע אַקעגן דעם טייך, וווּ עס האָט געבלאָזן אַ קיל ווינטל דורכגענומען מיט דער פייכטקייט פון וואַסער און מיט די ריחות פונעם דערביי׳יקן וואַלד.

ער האָט מיר אָנגעוויזן מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט צום טייך.

„איר זעט?" — האָט ער געפרעגט — „איר זעט וויפל מאָטאָר־שיפן עס שווימען דאָ אַרום איבערן טייך? צענדליקער און צענדליקער". עס איז מער נישט ווי אַמאָל, מיט צען יאָר צוריק, ווען איך האָב נאָך געוווינט פון איינער פון פיליפּסעס שיינע זומער־הייזער. דעמאָלט האָבן מיר פון דאַנען געזען אייך מיט נאָך עטלעכע יידישע פישערס צווישן אַ סך אַנ־דערע אויפן שטילן טייך, אָדער ווי איר פלעגט אַרומוואַנדערן מיט די האַנט־רודערס אַרום די ברעגן מיט פריילעכע פנימער ווי קינדער אין אַ שפּיל... היינט איז גאַנץ אַנדערש... אָט גיט אַ קוק ווי זיי פלי׳ען אַרום! זעט די אָנגעצויגענע שטריק מיט די הענטלעך, ביי וועלכע עס האַלטן זיך אָן די נאָכשווימערס, האַלב־נאַקעטע יונגען און נקבות. זיי יאָגן זיך אין אַ ווילדן גאַלאָפּ. אַ סך מאָל טרעפט, זיי גליטשן זיך אויס און — באַץ אין וואַסער אַריין! זיי שווימען און סאָפּען שווער, ביז די מאָטאָרשיפן, אין

זייערע משוגענע איילעניש֞ן, שווימען צו צו די אַריינגעפּאַלענע. טייל ווערן אַריינגעשלעפּט אין די שיפן. די מיינסטע אָבער כאַפּן ווידער תּאַווהדיק די שטריק און היידאַ! זיי פליִען שוין ווידער אויף די הילצערנע געפּאַרבטע גליטשערס ווי ווילדע!

פּאַראַן אַ סך שיפן פון פופציק פערד קראַפט, וואָס יאָגן זיך סתּם אַזוי, ווי די שדים, אָן אַ זין און אָן אַ ציל. היינט דאָס איבעריאָגן איינער דעם אַנדערן — עס איז שוין באַלד אַזוי ווי אויטאָמאָביל־בולוואַרן. עס וועט לאַנג נישט נעמען און מען וועט אָנהייבן ציילן די טויטע און פאַרוווּנדעטע אויף די טייכן יעדן סוף־וואָך... זעט, וואָס דאָ טוט זיך! דער טייך נאַגאַ־מאַטאַק איז דאָך געוואָרן ווי דאַנטעס „אינפערנאָ״. דערצו פאַרעיפּושן זיי דעם טייך מיט גאַזאָלין און אויל און זיי טויטן אָפּ די פיש און אַנדערע באַשעפענישן. אפשר ראַטעווען זיך עטלעכע פיש אין די טיפע לעכער. זיי ציטערן פאַרן היינטיקן בן־־אָדם. אַ משוגענע וועלט, זאָג איך אייך, אָן אַ האָפענונג אויף אַ בעסערער צוקונפט. וואָס מער טעכנישע אַנטוויקלונג פאַר מענטשן, אַלץ ערגער ווערט ער״.

דאָס אָנקומען פון דער מיסעס אָרנשטיין האָט איבערגעריסן אונדזער שמועס. זי האָט זיך דערפרייט מיט מיר.

„אַ גאַסט ביים טייך״ — האָט זי אויסגערופן און געפרעגט: — „ווו זענט איר פאַרפאַלן געוואָרן די אַלע יאָרן? איצט איז דאָ אויפן טייך אויס מיט פישפאַנג. איר זעט וואָס פון דעם שיינעם טייך איז געוואָרן? אַ וויל־דע וועלט, האַ?״

איך האָב איר נישט געהאַט ווען צו ענטפערן, מחמת אָרנשטיין האָט איר איבערגעשלאָגן די רייד און איר דערציילט וועגן מיין אַוועקפאָרן און וועגן מיין איינדרוק ביים דערזען דעם אָפּגעברענטן ברוינעם גאַראַזש.

האָט זי שוין אויסגערופן:

„אוי, דערצייל אים פון יענער שרעקלעכער נאַכט, וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט! מיר האָבן קוים געראַטעוועט אונדזערע לעבנס. אין די נאַכטהעמדער זענען מיר קוים אַרויסגעלאָפן!״

## אליעזר קופּערמאַן

דער מאַן האָט איר ווידער איבערגעשלאָגן די רייד:

„אַט זיצט ער שוין דאָ פון אין דער פרי אָן און איך דערצייל אים באריכות די גאַנצע געשיכטע און ווי אַזוי עס איז געקומען צו יענער נאַכטיקער געשעעניש”. — און צו מיר האָט זיך אָרנשטיין געווענדט: —

„ווען דער יונגער דזשאָן פיליפּס איז יענעם זומער אַהער געקומען, פונעם ערשטן יאָר אין האַרוואַרד־אוניווערסיטעט, האָט ער זיך נישט גערעכט אויף דער אַנטפּלעקונג, וואָס וואַרט אויף אים צו זיין אַכצן־יאָריקן געבוירן־טאָג. ער איז שוין דעמאָלט געווען אַן ערנסטער טראַכ־טער, מיט קריטישער באַציִונג צו וועלט און מענטש, ווי ער וואָלט עלטער געוואָרן מיט אַ סך יאָרן, און טראָגט אויף זיינע יונגע פּלייצעס דעם עול פון דער וועלט.

# קאַפּיטל אַכט

דער יונגער פּיליפּ איז, ווי אַלע טאָג אין דער היים, אויפגעשטאַנען פרי, געשווומען אינעם באַסיין, געמאַכט אַ לאַנגן שפּאַציר אינעם וואַלד, און ווען ער איז צוריקגעקומען, איז שוין אויפן פּאָדערשטן אַריינגאַנג צום הויז געהאַנגען אַ לאַנגע ווינטשעוואַניע מיט אותיות, געהאַפּטענע פון רויטע, ווילדע רויזן: „אַ גליקלעכן געבוירן־טאָג דיר, דזשאָן פּיליפּס דזשוניאָר!" ביים אַריינגאַנג אין עסצימער האָבן אים אָפּגעוואַרט שטייענדיק און אָפּלאָדירנדיק: דער פאָטער, דזשעראַלדין און אסתּר.

זינט זיי ווױנען דאָ ביים טײַך נאַגאַמאַטאַק, האָבן פּיליפּס, דזשעראַלדין און אסתּר זיך נוהג געווען אין אַ יומא־דפגרא, צו שפּאַצירן אין די פּרימאַרגנס אַרום טײַך.

נאָכן היינטיקן יום־טובדיקן אָנבייסן איז אסתּר געבליבן זיצן אויף איר אָרט שוין לאַנג נאָך דעם, ווי די דינסט פּעגי האָט געהאַט אָפּגערייניקט דעם טיש.

אסתּר איז געזעסן אַ פאַרטראַכטע, מיטן קאָפּ אָנגעלענט איןביידע הענט, מיט ברייט־צעעפנטע אויגן און פאַרטראַכטערהייט געקוקט אויפן הויכן הילצערנעם „פאָדער־טײַם"־זייגער מיטן גרויסן פּירקאַנטיקן ציפערבלאַט.

ס'קאָן זיין, אַז גורם געווען איר דערשלאָגנקייט האָבן דזשאָנס פאַראַכטנדיקע בליקן אויף איר, בעת איר זיצן לעבן אים ביים אָנבייסן. פּיליפּס האָט דאָס באַמערקט און אַ ווונק געטאָן צו דזשעראַלדין מיט אַ קאָפּ־באַוועגונג. דזשאָן האָט זיך האַסטיק אויפגעהויבן פון שטול. פּיליפּס און דזשעראַלדין זענען אַרויף די שטיגן זיך איבערצוטאָן אין זייערע ספּאָרט־קליידער, געבליבן ביים טיש איז אסתּר.

אַלע מאָל, ווען זיי שפּאַצירן זאַלבעדריט, איז שוין ביי זיי אַ טבע פּריער צו רעדן וועגן וועטער און נאָך דעם וועגן די נייע באַוווינער פון פּיליפּסעס זומערהייזער. היינט, ווען אסתּר איז געבליבן זיצן ביים טיש אַ געפּלעפּטע פון איר זונס צאָרנדיקן בליק אויף איר, איז זי מיט אַ פּאַרביי־טערט האַרץ, אַריבערגעגאַנגען דעם אַספּאַלטוועג צום שיפּל־גאַראַזש און אַרויף צו דער אייבערשטער אַלטאַנע.

אסתּר האָט געקוקט אין אַלע זייטן אַרום טייך, אויטאָמאָבילן זענען געפאָרן פון אַלע זייטן. זייערע טרובענדיקע קולות ביי די ווינקלען האָבן זיך אויסגעמישט מיט די פּייפערייען פון די יאָגנדיקע מאָטאָרשיפן אויפן טייך.

ביים צוריקקומען אין פּיליפּסעס הויז אַריין האָט זי זיך געפרעגט: איז מיין היינטיק מורמלען אין דער פרי — „מיין זון דזשאָן, קינד מיינס”, אַזאַ זינד? זי קאָן נישט פאַרגעסן, ווי ער האָט בעת מעשה געעפנט זיינע גרוי־סע ברוינע אויגן, געקוקט אויף איר, ווי אויף אַ משוגענער פלאַפּלערין. ווי אַ מאַמע זוכט זי אים צו רעכטפאַרטיקן: ער קוקט אויף איר, ווייל ער ווייסט נאָך נישט דעם אמת, היינט ביי נאַכט וועט ער פאַרשטיין דעם באַדייט פון מיינע היינטיקע רייד צו אים”.

זי האָט אַ קוק געטאָן אויפן גרויסן שטייזייגער מיט דער האַלבער בלויער לבנה איבערן ציפער צוועלף, די גרויסע ווייזערס האָבן גע־וויזן די צייט: דריי מיט דרייסיק נאָך מיטאָג.

אסתּר איז אַריינגעגאַנגען אין קיך אַריין, האָט זיך באַגריסט מיט פּעגין די דינסט, געזאָגט צו איר מיט מונטערקייט, ווי זי וואָלט זיך וועלן טיילן מיט עמעצן:

„ס'איז שוין נאָענט צו דער ביינאַכטיקער פייערונג פון דזשאָנס אַכצנטן געבוירן־טאָג. אין גאַנצן עטלעכע שעה”. אסתּרס באַקן האָבן זיך צעפלאַמט, ווי די ווילדע קאָנעטיקוטער רויטע רויזן, וואָס באַצירן די וואַלדבערעגן אַרום.

פּעגי האָט אסתּרן געבראַכט טיי מיט קוכן אינעם זומער־פּאַרלאַר.

טראַץ איר וועלן פאַרטרייבן אירע אינערלעכע צווייפלען, פאַרגנבעט זיך דאָך אַ פּיינלעכע פראַגע צו זיך: אפשר נישט? צי וועט זיך פון מיינע האָפענונגען אויסלאָזן אַ טייך? נאָך אַלעמען איז דאָך דאָס גאַנצע אָפּלייגן אַזוי פיל יאָרן געווען צוליבן טאַטן אירן און שפּעטער צוליב פיליפּסעס איינרעדן איר צו וואַרטן. אפשר איז דאָס געווען זיינס אַ כיטרע אויסרעכענונג, אַז וואָס לענגער דזשאָן וועט זיך איינלעבן מיט זיי, אַלץ מער צוזאַמענגעוואַקסן וועט מיין קינד ווערן מיט זיי און פון מיינע אַלע האָפענונגען דורך די אַכצן יאָר וועט זיך אויסלאָזן אַ טייך. אַלע מאָל, ווען כ'בין דאָ אַהערגעקומען און אים דערזען, האָב איך געמוזט איינהאַלטן דעם נאַטירלעכן שטויס פון צופאַלן צו אים און אויסשרייען: מיין קינד! מיין זון! געמאַכט זיך אַ האַרץ פון שטאָל, אים באַגעגנט מיט אַ פאַלש־שמייכלענדיקער גרימאַסע, ווי איך וואָלט זיין סתם אַ באַקאַנטע פון דער פיליפּס פאַמיליע.

כדי צו באַפרייען זיך פון דעם אומרו, וואָס איז איר באַפאַלן, איז זי צוריק אַריין אין דער קיך צו דער נעגערין פּעגי וואָס האָט דערקענט אין אסתּרס בלאַסקייט, אַז עפּעס איז דער מער מיט איר. פּעגי איז נישט איבערראַשט געוואָרן, סיי פון דעם וואָס אסתּר איז אין הויז, סיי פון איר היינטיקער אומרויִקייט.

פאַר דזשעראַלדינס אָנקומען אַהער, איז אסתּר געווען די באַלעבאָסטע פונעם הויז, אָבער שפּעטער האָט זי דאָס איבערגעלאָזט פאַר דזשעראַלדין, און אַזוי איז שוין דאָס געבליבן. פּעגי געדענקט, אַז ווען אסתּר האָט געברענגט דעם קליינעם דזשאָן אין הויז אַריין, האָט מען זיך געהאַלטן אין איין שושקען צווישן זיך און מען האָט זיך געהיטן פאַר איר. זי דערמאָנט זיך, אַז אין די ערשטע עטלעכע יאָר איז אסתּר געווען ווי דזשאָנס אמתע מאַמע.

ווען פּעגי פלעגט אים באָדן, האָט זי זיך געוווּנדערט איבער זיין שיינקייט. שפּעטער האָט מען אסתּרן דערווייטערט און פּעגי פלעגט איינשלעפערן דאָס קינד מיט די קריסטלעכע נעגער־געזאַנגען. כאָטש מען האָט

זיך פאַר איר געהיטן, איז זי געווען זיכער, אַז דזשאַנס אמתע מוטער איז אסתּר. דערצו נאָך איז דזשאַנס פּנים ווי פון אַ „היברו״. ווען פּעגי האָט איצט אסתּרן דערזען אַ בלייכע, האָט זי איר געגעבן אַ גלאָז קאַלטן לימאָנאַד, און ווען זי האָט איר געפרעגט, צי זי וויל עפּעס עסן, האָט אסתּר געענטפערט:

„פּעגי, מיין אַלטע פריינדין, איר געדענקט דאָך ווען כ׳האָב דאָ אַהער געבראַכט מיין קינד? כ׳וועל שוין וואַרטן מיטן עסן, ביז דער סעודה לכבוד דעם געבוירן־טאָג פון מיין זון דזשאָן פיליפּס־הורוויץ״.

פּעגי איז געוואָרן צעטומלט, און צו וואָס זי האָט זיך צוגערירט, איז עס איר פון די הענט געפאַלן.

*

אַדוואָקאַט אָרנשטיין האָט זיך אָפּגערוט, איז אַריין אין קליינעם קיכל און געבראַכט צוויי גלעזער קאַלטע מילך. נאָכן אויסטרינקען האָט ער ווי־דער גענומען רעדן:

„דאָס אַלץ וואָס כ׳דערצייל אייך, בין איך געוווּיר געוואָרן פון זיי אַליין. אויך דאָס וואָס כ׳גיי אייך ווייטער דערציילן וועגן דזשעראַלדין און פי־ליפּסעס שפּאַציר יענעם טאָג אַרום טייך, איז צו מיר שפּעטער דערגאַנגען דורך זיי אַליין. איך בין ביי זיי געווען ווי אַ קאַטוילישער גלח, צו וועמען מען קומט זיך מתוודה זיין.

בעת זייער שפּאַציר ביים טייך אָן אסתּרן, האָבן זיי זיך געפילט פריי צו רעדן וועגן דער ביינאַכטיקער פייערונג צו דזשאָנס אַכצנטן געבוירן־טאָג.

פיליפּס האָט זי צוגעפירט צום קליינעם הילצערנעם בריקל ביים טייך־אויסגוס, וואָס זעט אויס ווי אַ באַזונדערע קליינע סאַזשלקע, אַרומגע־רינגלט פון דריי זייטן מיט געדיכטע נידעריקע קוסטעס און מיט אַן איינציקן צוגאַנג פאַר די פישפאַנגער צום דאָזיקן אויסגוס, וואָס ווימלט מיט העכט און שלייען.

ביים אַהיימגיין האָבן זיי זיך טאַקע אָפּגעשטעלט ביי מיר. פיליפּס איז ווי שטענדיק געווען אויפגעהייטערט און מיט זיין שטענדיקער זיכער־קייט. דזשעראַלדין האָט אויסגעזען אַ ביסל אומרויִק, פאַרזאָרגט.

פיליפּס איז געווען אַזוי זיכער אַז אַלץ וועט גיין ווי געשמירט, אַז ער האָט איבערדערציילט אַ יידישן אַנעקדאָט וועגן אַ ייִד, וואָס איז ביי נאַכט אַריינגעפאַלן מיט זיין וואָגן אין אַ גרוב. ס׳האָט נישט געהאָלפן דאָס שמייסן די פערד, אַזש די בייטש איז צעבראָכן געוואָרן ביז אַ פאַר־בייפאָרנדיקער געזונטער פויער האָט זיך אַרונטערגעלייגט אונטערן וואָגן, מיט זיינע ברייטע פּלייצעס אים אונטערגעהויבן און אַרויסגעפירט אים אויפן שליאַך. דער פויער האָט צוגעלייגט זיין שטאַרקע פויסט צום קאָפּ און געוויזן דעם ייִדן, אַז נאָר מיט שׂכל קאָן מען אַרויס פון אַ גרוב, נישט מיט דער בייטש...

דעם אמת געזאָגט, האָב איך זיך אַליין פאַרגעוואָרפן, הלמאַי איך האָב נישט געוואָרנט אסתּרן, זי זאָל נישט לאָזן אָפּליגן דעם ענין אין דער לאַנ־גער באַנק אַריין. אמת, כ׳האָב דאָס נישט געטאָן במזיד. ס׳זענען געווען סיבות. כּל־זמן איר פאָטער האָט געלעבט, איז דאָך געווען אוממעגלעך צו רעדן וועגן אומקערן דזשאָן צו איר. עס קאָן אויך זיין, אַז די סיבה פון מיין נישט אַריינמישן זיך איז געווען מיין רחמנות צו פיליפּסן, וואָס האָט מיט דזשעראַלדין קיין קינד נישט געהאַט.

ווען פיליפּס מיט דזשעראַלדין האָבן זיך אומגעקערט פון זייער לאַנגן שפּאַציר אַרום טייך, האָבן זיי געטראָפן פעגין און אסתּרן אין קיך, פאַר־דאגהטע, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, נישט ווי פאַר אַ שׂימחה.

אין גאַנצן הויז האָט געשמעקט מיט די ריחות פון די צוגעגרייטע מאכלים. דער טיש אין עסצימער איז געווען געדעקט מיט אַ ווייס טישטעך און סערוועטן. עס האָט געבלענדט דאָס זילבערנע באַשטעק, גראַווירט אין עטראַסקישן סטיל און די פאַרצעלייענע כּלים אין אַלטן ראָזנטאַל־סטיל. דאָס קרישטאָלענע גלאָזוואַרג האָט זיך געטונקען אין פייער־קאָלירן אַקעגן דעם קרישטאָלענעם הענגלאָמפּ.

פאַרן זעצן זיך צום טיש האָט פּעגי אָוועקגעשטעלט דעם טורעמ־דיקן טאָרט מיט די אַריינגעשטעקטע אַכצן ליכטלעך, אויסגעשטעלט אין אַ האַלבן קרייז און באַצירט אַרום מיט אַכצן פרישע רויזן. לעבן טאָרט האָט זי אַוועקגעשטעלט די פלאַש פראַנצייזישן שאַמפּאַניער אין אַ זילבערנעם אייזהאַלטער.

קעגן איבער די ליכטלעך אינעם טאָרט זענען געלעגן אויף זיידענע קישעלעך דריי פּעקעלעך, אַרומגעבונדענע מיט קאָלירטע באַנדן. דאָס זענען געווען די דריי מתּנות.

ביים עסן האָט פיליפּס מיט שטאָלץ גערעדט וועגן זיין פאַרענדיקן די לעצטע טעג דאָס פיר און צוואַנציקסטע זומערהויז ביים טייך. אַלע האָבן פיליפּסן גראַטולירט פאַרן דערלעבטן יאָרגלאַנגן באַגער זיינעם.

פיליפּס האָט געעפנט די פלאַש שאַמפּאַניער און אָנגעגאָסן אין די פיר גלעזער. דזשאָן האָט זיך צוגעבויגן צו די אַכצן ברענענדיקע ליכטלעך און מיט איין בלאָז אויסגעלאָשן אַלע פלעמלעך.

דער פאָטער האָט אים צוגעטראָגן די דריי זיידענע קישעלעך מיט די מתּנות. אינעם ערשטן שאַכטל איז געווען אַן אילוסטרירט בילד פונעם נייסטן מאָדעל „קאַדילאַק" ספּאָרט־אויטאָמאָביל צוזאַמען מיט די שליסלען אין אַ לעדערנעם שליסל־האַלטער. אין דער ווונטשקאַרטע איז געווען אונ־טערגעשריבן: „מיט ליבשאַפט פון דיין פאָטער, דזשאָן פיליפּס סיניאָר".

דאָס צווייטע פּעקעלע איז געווען גרעסער. ס'איז באַשטאַנען פון אַכצן פאַרשידנאַרטיק קאָלירטע פודעלעך. אין יעדן באָקס איז געלעגן דזשאָנס אַ בילד — פון זיין איין־יאָריקן עלטער ביז אַכצן יאָר. אינעם גרעסטן שאַכטל, דאָס אַכצנטע, האָט דזשאָן געפונען זיין פּאָרטרעט געמאָלן פון אַ באַקאַנטן מאָלער. צוזאַמען מיטן פּאָרטרעט האָט דזשאָן אויך אַרויסגענומען אַ האַנטזייגערל. אויפן בייגעלייגטן ווונטש־קאַרטל איז געווען אונטערגע־שריבן: „דזשעראַלדין פיליפּס, וואָס האָט דיך דערצויגן מיט פיל צערט־לעכקייט, ווי אַן אייגן קינד...".

דזשאָן האָט אַ צאַפּל געטאָן, געקוקט אויף דער „מוטער" מיט צעררו־דערונג און פאַרלוירנקייט. אָבער ער האָט זיך געוואָלט שאַפן אַ געפיל, אַז די „מוטער" האָט צוגעקלערט עפּעס אַ מין שפּאַס... האָט ער זי מיט זיינע בליקן ווי געפרעגט און שווייגנדיק, ווי זי וואָלט אָן ווערטער געענטפערט אויף זיין פראַגע, האָט זי אים צוגערוקט דאָס דריטע פּעקעלע. ער האָט געקוקט דאָ אויף דער מתנה, דאָ אויף דזשעראַלדין, און די מתנה נישט געעפנט. דאָס האָט שוין דזשעראַלדין פאַר אים געטאָן. דאָרט איז גע־לעגן אַ זילבערן קעסטעלע, געפּאַקט אין פּליוש. אינעם קעסטעלע האָט זיך געפונען אַ זילבערן בשׂמים־ביקסל, וואָס האָט נאָך געאָטעמט מיטן שטילן אַראָמאַט פון לעבעדיקע בשׂמים. דאָס גאָלדן פענדעלע פון אויבן האָט זיך לאַנגזאַם באַוויגן און עס האָבן זיך דערזען פרעמדע קוואַדראַטע אותיות, דריי ווערטער: „דגל מחנה יהודה". אונטן, אויפן פּירקאַנטיקן פוס, איז פון פאָרנט, אַקעגן פאַררונדיקטן טירל, געווען אויסגעגראַווירט דער כסא פון אליהו הנביא, פון רעכטס — דער כותל מערבי, פון לינקס — דער שופר של משיח, און הינטער דעם — זוהר־רמזים פון גאולה שלמה. אויפן בשׂמים־ביקסל איז געהאַנגען אַ פּאַרמעטן צעטל פונעם זעכצנטן יאָרהונדערט, אַ זאַך, וואָס איז איבערגעגאַנגען בירושה צו אסתּרס פאָטער פון דורות רבנים. אויפן ווונטשקאַרטל איז געווען אונטערגע־שריבן: „פון דיין מוטער אסתּר הורוויץ".

דזשאָנס פּנים האָט זיך פאַרענדערט. זיינע באַקן האָבן אויפגעפלאַמט, און באַלד האָט זיי אַ שרעקלעכע בלאַסקייט דורכגענומען. דאָס קעסטל מיטן בשׂמים־ביקסל איז אים פון די הענט אַרויסגעפאַלן. ער האָט אַ שאַר געטאָן די מתּנות און זיי געשליידערט צום דיל. די בלאַסקייט האָט נאָכ־געלאָזט די מתּנות און זיי אָנגעהויבן זעצן אין טיש מיט זיינע פויסטן און אָן אויפהער שרייען:

„וועהאָטס גאָאינג אָן?!" (וואָס קומט דאָ פאָר).

דזשעראַלדין איז צוגעלאָפן צו דער קיכטיר און זי האַסטיק פאַר־מאַכט. אסתּר איז געזעסן ווי אַ געליימטע. אַלע, אַחוץ דעם פאָטער, האָבן

אויסגעזען פאַרלוירן און דערשלאָגן. אויך פיליפס איז געווען אויפגערעגט, ער האָט אָבער נאָך געפונען אין זיך גענוג כּוח צו באַהערשן זיך. מיט אַ באַפעלערישן טאָן האָט ער זיך געווענדט צום זון:

„רויק! נאָר רויק, מיסטער פיליפס! דו ביסט שוין אַ מענטש, מער נישט קיין קינד. רעספּעקט פאַר דיין מוטער און אויך פאַר דזשעראַלדין, וואָס האָט דיך אַזוי איידל און אַזוי מוטערלעך דערצויגן!"

קיינער האָט קיין וואָרט נישט אויסגערעדט. עס האָט זיך נאָר געהערט דאָס טיק־טאַקען פונעם זייגער. קיינער האָט נישט געוואָגט די שטילקייט איבערצורייסן, ביז פיליפס האָט אָנגעהויבן צו רעדן. מיט אַ זיכער קול האָט ער באַפוילן דעם זון אויסצוהערן, וואָס דער פאָטער האָט אים צו זאָגן.

און ער האָט דעם זון איבערגעגעבן די גאַנצע געשיכטע פון אַל"ף ביז תּו. נישט נאָר דער זון, אויך דזשעראַלדין און אסתּר האָבן זיך איינגעהערט אין דער דערציילונג, ווי זי וואָלט פאַר זיי געווען אַ שפּאָגל נייע.

די דערציילונג האָט זיך פאַרענדיקט. דער אַלטער האָט שווער אָפּגעאָטעמט. ער האָט געפילט, ווי ער וואָלט זיך פאַרן זון מתוודה געווען. און ער האָט שוין געקוקט אויפן זון מיט געבעט אים צו פאַרגעבן.

דזשאָן האָט האַסטיק זיך אַ שטעל אויף געטאָן, מיט בליצנדיקע אויגן געקוקט אויפן פאָטער, און באַהערשנדיק זיין שטים, קאַלט און שטרענג געפרעגט:

„ווייסט איר, מיסטער פיליפס, צו וואָס פאַר אַ סיטואַציע איר האָט מיך געבראַכט? וואָס בין איך אַצינד און ווער בין איך אַצינד? קיין הורוויץ, מיטן יחוס פון אַ זיידן אַ רב, קאָן איך נישט ווערן. מיט יענע מענטשן קער איך זיך גאָרנישט אָן!" — האָט ער מיט איין מאָל געהערט זיין קול. ער האָט מער נישט געקאָנט און עס האָט אויסגעזען, אַז ער האָט מער נישט געוואָלט זיך באַהערשן — „און קיין פיליפס, ווי איר, וואָס האָט מיין מוטער אומגליקלעך געמאַכט, וויל איך נישט זיין!"

ער איז אויפגעשפּרונגען, פאַרלאָזט דעם טיש, מיט האַסטיקע טריט צו

צו דער טיר און זי מיט רוגזה צעפּראַלט. די דריי זענען פאַרגליווערט גע־בליבן זיצן אויף זייערע ערטער און זיי האָבן געהערט דעם מאָטאָר־רויש פון דזשאָנס קליינעם אויטאָמאָביל, דאָס קייקלען זיך פון די אַוועקגעלאָ־פענע רעדער...

דער בחור איז אַראָפּגעפאָרן פונעם משופּעדיקן בערגל און אַרויף אויפן שמאָל־געפלאַסטערטן וועג, פאַזע דעם לבנהדיק־באַלויכטענעם טייך נאַגאַ־מאַטאַק. ער איז פאַרביי דעם ברוינעם גאַראַזש און די גאַנצע געגנט אַרום וווּ ער האָט די אַלע זומערן, פון קינדווייז אָן, פאַרבראַכט. איצט איז ער געווען אָנגעלאָדן מיט האַס און מיט טרויער, ווי אַ פאַרשאָלטענער פון גאָט און פון לייט. איינזאַמקייט און עלנט האָבן אים מיט אַ מאָל באַ־הערשט. ער איז אַרויפגעפאָרן אויפן הויפּטוועג, וווּ ער האָט דערזען אַ האַלב־באַלויכטענע שענק. ער איז אַריין אינעווייניק, זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ ווינקל ביים באַר און באַשטעלט אַ וויסקי נאָך אַ וויסקי.

ער האָט געפּרוווט אויפוויקלען דעם גרויסן פּלאָנטער. ער האָט געפּור־נעט אַ זכות אויף זיין מוטער, די אונטערטעניקע סעקרעטאַרין צום דער־פאָלגרייכן האַר אירן. און דזשעראַלדין? ווער ווייסט, וואָס פאַר אַ מיידל דזשעראַלדין איז געווען פאַר דער חתונה? אפשר איז זי געווען איינע פון יענע לייכטזיניקע מיידלעך, וועגן וועלכע ער האָט זיך אָנגעהערט אין קאָלעדזש, די הפקרדיקע און מאַראַללאָזע? ווען דער רייכער אַלטער האָט איר געמאַכט דעם פאַרשלאָג חתונה צו האָבן מיט אים, האָט זי זיך געפילט געשמייכלט, הגם ער איז עלטער געווען פון איר מיט איבער דרייסיק יאָר.

דעם איינציקן, וואָס ער האָט באַשולדיקט, איז געווען דער פאָטער. ער, דער פּראַקטישער, אויסגערעכנטער יענקי, איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלץ. ער האָט געשפּילט די ראָל פונעם ליבעראַל מיטן אַריינלאָזן דעם איטאַליענישן אונטערוועלט־פאַרשוין, מיטן פאַרקויפן אים אַ שטיק לאַנד ביים טייך. ער האָט אים אַפילו געבאָרגט געלט, יענער זאָל קאָנען אויפ־בויען אַ באַר מיט אַ נפקא־שטיבל, מיט פישער־שיפלעך צו פאַרדינגען, מיט אַ באָד־פּלאַץ, מיט נאַכט־קאַבינעס... און דערנאָך — דאָס בויען די

„קאַטעדזש״־הייזער אַרום דעם טייך און זיי פּאַרדינגען פּאַר הויכע פּרייזן צו ראַבייס און יידישע פּראָפעסאָרן, וואָס רייסן זיך צו די יענקיס צוליב זייער מינדערוועריקייט־קאָמפּלעקס און צאָלן פּאַר די זומער־וווינונגען געשוואָלענע דירה־געלטער. די יענקישע שכנים דולדן נישט יענע יידן, אָבער פּיליפּס מאַכט זיך נישט וויסנדיק, אַבי זיינע מאַניפּולאַציעס דערפירן צו אַ דערפאָלג. „ביי הוק, אָר ביי קרוק״... אַבי צו זיין דער גרויסער „סוקסעס״, צו וואָס נאָר ער רירט זיך צו...

מיין ניי־אַנטדעקטע מאַמע — האָט דער שיכּור'לעכער בחור ווייטער געקלערט — אַט די אסתּר הורוויץ, און איך, זיין ממזר־זון, מיר זענען קרבנות פון זיין גייציקייט.

ער האָט אויסגעטרונקען נאָך עטלעכע כּוסות וויסקי און ער האָט באַשלאָסן צו נעמען נקמה אין אים. אָבער ווי אַזוי? זאָל ער קריגן אַ רעוואָלווער און אים דערשיסן, קאָן איך נישט. איך קאָן קיין מערדער נישט זיין! אַמאָל האָב איך נישט געוווּסט, פּאַר וואָס איך האָב זיך אָפּגעזאָגט צו גיין אויף יאַגד מיט מיינע קאָלעגן... איך קאָן נישט טייטן קיין לעבעדיק באַשעפעניש. אַצינד ווייס איך שוין פּאַר וואָס: איך בין דאָך אַן אייניקל פונעם ברוקלינער רב יצחק הורוויץ, פון וועמען איך האָב אָפּגעשפּעט אַלע מיינע יאָרן.

די איינציקע נקמה, וואָס איך קאָן נעמען איז — אונטערצינדן אין מיטן נאַכט אַלע זיינע אויפגעבויטע הייזער אַרום דעם טייך.

אַזוי האָט ער געקלערט, אָבער נישט באַלד קאָן ער דאָס טאָן. אין די הייזער וווינען דאָך משפּחות, איז ווי קאָן ער שטעלן אין געפאַר מענטשלעכע לעבנס? האָט ער ביי זיך אָפּגעמאַכט צו וואַרטן ביז איבערן זומער, ווען אַלע געסט וועלן זיך אומקערן אין זייערע היימען. לעת עתּה וועט ער אַוועקפאָרן אין ניו העמפּשייַער און זוכן אַרבעט אין די דאָרטיקע זומער־קעמפּס, ביי וואָס עס זאָל זיך נישט מאַכן, אַפילו געשיר צו וואַשן.

ער איז אַרויס פון דער שענק, זיך אַריינגעזעצט אין זיין אויטאָ און אַוועק מיטן הויפּטוועג פון מאַסאַטשוסעטס, דער וועג וואָס וועט אים פירן

קיין ניו העמפשייער. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ קליינעם „מאָטעל" אויף איבערצוגעכטיקן. צו מאָרגנס איז ער אָנגעקומען אין דער געגנט פון „סילווער לייק", נישט ווייט פונעם אויסגעטרוקנטן טייך. דאָרט האָט ער געקריגן אַרבעט ביים האַלטן ריין די „באַנגאַלאָס" פאַר קינדער.

דער זומער איז גיך אַריבער. דער קעמפּ האָט זיך געשלאָסן נאָכן אַרבעטער יום־טוב „לעיבאָר דעי", דעם ערשטן מאָנטיק אין סעפּטעמבער. דזשאָן איז געבליבן אין קעמפּ נאָך עטלעכע טעג, איידער ער וועט זיך לאָזן אין וועג צוריק קיין קאָנעטיקוט: ער האָט געוואָלט זיין זיכער, אַז דאָרט וועט שוין אין די זומערהייזער קיינער מער נישט זיין.

ווען ער איז צוריקגעקומען, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אין אַ פּלאַץ, ווו מען קען אים נישט. אין מיטן נאַכט האָט זיך דזשאָן אַוועקגעשליכט צום טייך. ער האָט מיט שטילע טריט געשפּאַנט צווישן די הייזער, גע־וואָלט זיין זיכער, אַז דאָרט איז שוין קיינער נישט געבליבן. ער האָט מסתּמא געזען, אַז מיין הויז איז נאָך באַוווינט, האָט ער עס געלאָזט צום סוף... ער האָט אין יענעם מאָמענט אין זינען געהאַט אונדז געבן אַ גע־לעגנהייט זיך צו ראַטעווען, ווען מיר וועלן דערזען די שׂרפה פון די אַנדערע זומערהייזער.

ער האָט אַ בליק געטאָן צום פּאַטערס הויז און צו דעם ברוינעם שיף־גאַראַזש. ביידע געביידעס זענען געווען פאַרשלאָסן און מיט ברעטער פאַרקלאַפּט. די שיף, וואָס האָט אים אַזוי פיל פרייד געגעבן זינט זיין קינדהייט, איז געווען הויך אַרויפגעצויגן אויף קייטן איבערן וואַסער, אַז זי זאָל נישט איינפרירן אין די ווינטערדיקע קרירות. ער האָט אויף דעם אַלעמען געקוקט מיט קאַלטער ניכטערקייט און אין דער זעלבער צייט — מיט אַ מורא, וואָס האָט ערגעץ טיף אין אים דער־וואַכט און אויך מיט נאָסטאַלגיע.

ער איז גיך אַוועק צום אויטאָמאָביל, ווו ער האָט געהאַט צוגע־גרייט עטלעכע גאַלאָנען גאַזאָלין. ער האָט געבראַכט די גרויסע, שווע־רע פלעשער בענזין צו די הייזער נאָך דעם האָט ער אַוועקגעפירט דעם

אויטאָמאָביל אין אַ זייט, ווייטער פונעם וועג, צווישן די ביימער און קוס־טעס. ווען ער האָט זיך אומגעקערט צו די הייזער, האָט ער אויפן טייך דער־זען אַ שיפל באַלויכטן מיט אַ רויטן לאַמטערן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ נאַכטפישער, וואָס איז געקומען כאַפּן די ווייסע שלייען, „בעס״ און געשפּרינקלטע „טרעטן״. דזשאָן האָט זיך פאַרן פישער נישט דער־שראָקן. ער האָט געקענט די פישער־אייגנשאַפט, אַז ווען זיי זענען פאַר־טאָן אין פישן, זעען זיי גאָרנישט אַרום זיך.

ער איז געגאַנגען פון איין הויז צום אַנדערן און זיי באַגאָסן מיט דער פליסיקייט. דערנאָך האָט ער אָנגעצונדן אַ שמאַטע, דורכגעווייקט מיט בענזין, און לויפנדיק פון הויז צו הויז, האָט ער צוגעלייגט די פלאַ־קערדיקע שמאַטע...

קיין איין הויז, חוץ מיינעם, האָט ער נישט פאַרפעלט. ער איז גע־לאָפן צו זיין אויטאָמאָביל. אַ היץ האָט זיך אין אים אָנגעצונדן, און ער האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז אויך ער ברענט. עס האָט אים פאַרכאַפּט דעם אָטעם. ער האָט זיך געמוזט אָפּשטעלן. ער האָט זיך אומגעקוקט און דער־זען די פייערן אַרום דעם פּאַטערס הייזער. ערשט איצט האָט ער דער־פילט אַ דערלייכטערונג. די פלאַמען אין דער ווייט האָבן זיך געריסן אַרויפצו. זיי זענען געווען דורכגענומען פון אַ שוואַרצן רויך, וואָס האָט זיך, מיט שפּרינגענדיקע פונקען, געקייקלט אַרויף איבער די וואַלדיקע בערג. עס האָט זיך אים געדאַכט, ווי דער הימל האָט זיך אָנגעצונדן...

מיסטער אָרנשטיין האָט אַ טיפן זיפץ געטאָן:

אַ נס מן השמים איז געשען: דער איינציקער נאַכטפישער האָט דער־זען די שׂרפה. ער האָט מיט אַלע זיינע כּוחות געטריבן דאָס שיפל צום ברעג. ער איז צוגעלאָפן צום פייער־אַלאַרם, וואָס האָט אָפּגעקלונגען אין אַלע אַרומיקע שטעטלעך. די פייערלעשער זענען געקומען און מיט אַ שטאַרקן שטראָם באַגאָסן אַלץ אַרום די ברענענדיקע זומערהייזער, כּדי די שׂרפה זאָל זיך נישט אויסשפּרייטן אין אַ וואַלדפייער.

מיר זענען בלויז אין אונדזערע נאַכטהעמדער געלאָפן צום טראַקט. אַ

שכנישער פּאַרמער האָט אונדז אַריינגענומען אין זיין הויז און אונדז דער־וואַרעמט מיט הייסער קאַווע.

פּאַר טאָג האָב איך טעלעפאָנירט צום אַלטן פּיליפּס און אים איבער־געגעבן די פּינצטערע בשורה. ווען ער איז געקומען, האָב איך אים נישט דערקענט. ער האָט אויסגעזען ווי אַ צעשראָקענער זקן. קיינער חוץ אים האָט נישט געוווּסט און נישט געאָנט, וועלכע האָט די הייזער אונטערגע־צונדן. ער האָט צו מיר געמורמלט:

„ס'איז דער נקמהדיקער אַקט פון מיין זון, וואָס איז געבוירן געוואָרן דורך מיין זינד".

דער אַדוואָקאַט אָרנשטיין האָט פאַרענדיקט:

דער אַלטער פּיליפּס האָט נאָך דער דאָזיקער געשעעניש זיך צוזאַ־מענגעבראָכן און געשטאָרבן שפּעטער מיט צוויי חדשים, אַרום סוף נאָ־וועמבער. אסתּר האָט זיך אָנגעטאָן אַ רייזעזאַק אויף אירע פּלייצעס, זיך געלאָזט אין דער וועלט אַריין, זוכן איר פאַרשוווּנדענעם זון. דזשעראַל־דין איז פון צרות אַזוי פאַרעלטערט געוואָרן, אַז איר וואָלט זי נישט דערקענט. זי לאָזט זיך נישט טרייסטן, נישט פון מיר און נישט פון קיי־נעם. זי קאָן זיך קיין אָרט נישט געפינען.

נו, — האָט ער זיך געווענדט צו מיר — ס'איז שוין פאַר נאַכט. פּישן קאָנט איר סיי ווי סיי נישט. אַ סך מענטשן ווילן מער אַהער נישט קומען צוליב דעם טומל, וואָס דאָס יונגוואַרג מאַכט דאָ אָן מיטן אומזיניקן אַרומ־פּליען אויף זייערע מאָטאָרשיפן, ביז טויב צו ווערן. אונדזערע לייט — לערער, פּראָפעסאָרן — בייטיקן זיך אין רו, אין אַ זומער־רעזאָרט. אויך איך וועל שוין מער אַהער נישט קומען.

אויף מיין פראַגע, וואָס עס איז געוואָרן מיטן יונגן דזשאָן — האָט דער אַדוואָקאַט געענטפערט:

„קיינער ווייסט נישט ווו זיין געביין איז אַהינגעקומען. ער איז נעלם געוואָרן, ווי אין וואַסער אַריין".

## ביכער פון זעלבן מחבר:

**אַמאָליקע דורות**

דערציילונגען

ניו־יאָרק, 1955

✶

**אין געראַנגל מיטן גורל**

ראָמאַן

ניו־יאָרק, 1964

# פאַרלאַג „ישראל־בוך"

**אריה שמרי / וואָרצלען**
אַנטאָלאָגיע פון ייִדיש־שאַפן אין ישראל

**ישעיהו שפיגל / פלאַמען פון דער ערד**
ראָמאַן

**רחל פישמאַן / דערנער נאָכן רעגן**
לידער

**מאַרגאַרעט לאַרקין / די זעקס טעג פון יד מרדכי**
ייִדיש — ד. שטאָקפיש

**רפאל מאַהלער — היסטאָריקער און וועגווייזער**
עסייען

**רבקה באַסמאַן / בלעטער פון וועגן**
לידער

**ריקודה פּאָטאַש / אין געסלעך פון ירושלים**
דערציילונגען

**יעקב צבי שאַרגעל / זוניקע שוועלן**
לידער

**משה שולשטיין / איבער די דעכער פון פּאַריז**
דערציילונגען

**אריה שמרי / דאָס ייִנגל פון דיזשאָן**
פּאָעמע

**רפאל מאַהלער / ספר סאַנץ**
היסטאָרישע מאָנאָגראַפיעס, זכרונות און גביות־עדות

**משה גראָסמאַן / שטויב און אייביקייט**
דערציילונגען און מיניאַטורן

אריה שמרי / געזאַנגען אין שייער
לידער און פּאָעמעס

מנוחה ראָם / אַרום דער ווערבע
דערציילונגען

משה זאַלצמאַן / ...און מען האָט מיך רעהאַביליטירט
איבערלעבונגען פון אַ ייִדישן קאָמוניסט אין ראַטנפאַרבאַנד

אברהם שלאָנסקי / לידער
אָפּקלייב פון אַ. שלאָנסקיס פּאָעטישער שאַפונג
ייִדיש — משה יונגמאַן

משה גראָס־צימערמאַן / דאָס וואָרט וואָס מיר שרייבן
עסייען און פּראָפילן

רבקה באַסמאַן / ליכטיקע שטיינער
לידער

ביילע שעכטער־גאָטעסמאַן / סטעזשקעס צווישן מויערן
לידער

מלכה חפץ טוזמאַן / בלעטער פאַלן ניט
לידער

ב. דעמבלין / טאָפּלבאַנד
אַ פרעמדע וועלט ✶ אין נייעם לאַנד

ישעיהו שפיגל / די קרוין
דערציילונגען

משה יונגמאַן / רעגן־בויגן צוקאָפּנס
לידער

דאָרע טייטלבוים / געזאַנג פון זינקזאַמד דור
לידער און פּאָעמעס

יעקב צבי שאַרגעל / טויערן אין די בערג
לידער

נח גריס / פון פינצטערניש צו ליכט
עסייען וועגן ישעיהו שפיגל

אליעזר קופערמאַן / פון וועלט צו וועלט
דערציילונגען